STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02310

MAYN LEBNS-VEG

Aron Kriwitzky

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מיין לעבנס־וועג

קובץ שירים

פון

אהרן קריוויצקי

הארטפאָרד, קאָננעטיקוט, פאר. שטאַטן

ARON KRIWITZKY

THE WAY OF MY LIFE

אַרויסגעגעבן פון מחבר.

Printed in Israel
1972 — תשל"ב

דרוקעריי רנאות, תל־אביב



דער מחבר

הקדמה של המחבר

איינציגע ווערטער צו מיינע געאכטע לעזער:

עס געפינט זיך א מאמר חז״ל: ״ווען א מענטש לעבט אפ זיינע באשערטע יארן און קומט אויפן עולם האמת, פרעגט מען אים צוויי פראגן, (1) נשאת ונתת באמונה? האסטו זיך באשעפטיגט, געפירט דיינע מסחרים אן שווינדל, ארענטלאך? (2) אם עסקת בתורה? האסטו דיין פרייע צייט פארבראכט אין לערנען תורה?

אויף דער ערשטער פראגע וועט מיין ענטפער זיין א נעגאטיווער. איך האב זער ווייניק אין מיין לעבן געפירט מסחר און בכלל נישט געהאנדלט.

אויף דער צווייטער פראגע: אם עסקת בתורה? צו האסטו געלע־רנט תורה אין משך פון דיין לעבן? אויף דער פראגע וועט מיין ענט־פער זיין — א פאזיטיווער: ״יא, איך האב פיל געלערנט! איך בין געווען א מורה ומדריך לילדים, די מערסטנטיילס פון מיין לעבן בין איך געווען א לערער״.

געבוירן אין רוסלאנד, ליטע, גראדנער גובערניע — אין שטעטל מאטעלע. צו 17 יאר פון מיין יוגנט האט מיר דער שיקזאל געבראכט צו דער אונטערריכטונג פון לערנען מיט קינדער און געבן זיי א יידישע ערציהונג. אין די ערשטע 7 יאר פון מיין קאריערע, בין איך אויפגעפאדערט געווארן צו קומען קיין דאמבראוויצע, וואלינער גובערניע און צוזאמען מיט 3 אנדערע לערער צו גרינדן א בית־ספר פון 4 מדרגות: מתחילים, חומש ורש״י, מקרא ודקדוק, און גמרא. שפעטער, נאך מיין הייראט אין 1907, אין שטעטל דראהיטשין, גראדנער גובערניע, פון וואנען מיין געוועזענע פרוי ע״ה האט געשטאמט און וואוהין איך האב זיך איבערגעצויגן לויט איר פאר־לאנג — האב איך געפירט א קלאס פון התחלת גמרא, אין זייער אגודת המורים, ביזן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה.

דאן איז דער אלגעמיינער לעבן צעשטערט געווארן. איך און מיין פאמיליע און קינדערלאך האבן געלעבט די גאנצע צייט אין פלאג און נויט. אין 1922, ווען די וועלט האט זיך צוריק איינגע־ארדנט, האבן מיינע עלטערן ע״ה אונדז אראפגעבראכט קיין אמע־ריקע, קיין הארטפארד—קאנעקטיקוט, און איך האב זיך צוריק גענומען צו מיין קאריערע לערעריי. 4 יאר האב איך געלערנט אין

תלמוד תורה פון די ״קאפלאנעס״, אין בעלוויע סט. שול; נאָכהער האָט מען מיר געגומען צו לערנען אין דער גרויסער תלמוד־תורה פון פלעזענט סטריט. 4 יאָר שפּעטער איז געשאַפן געוואָרן אין ״נעלסאָן סטריט״ אַ נייע תלמוד תורה. און דאָרט, אין יענעם אַנ־שטאַלט, בין איך געווען אַלס טייטשער און פּרינסיפּאַל גאַנצע 30 יאָר, ביז דער יידישער ישוב האָט זיך פון דאָרט אַרויסגעצויגן.

מיין לייזדיקע צייט האָב איך זיך באַשעפטיגט מיט לעזן און שרייבן פּאָעטישע שריפטן.

*

צום אָנדענק פון מיינע אָפּגעלעבטע געשעצטע עלטערן ע״ה און לכבוד די נאָענטסטע פון מיין פאַמיליע ז״ל, בין איך געקומען צו פאַרעפנטלעכן אַ זאַמלונג פון מיינע אייגענע פאַרפאַסטע שירים. אייניקע האָב איך אויך אַרויסגענומען פון אַנדערע קוועלן, איינגע־אָרדנט און פאַרקורצט לויט מיין געדאַנק.

צום אָנדענק פון זייער יאָרצייט וויל איך דאָ פאַרעפנטלעכן דעם טאָג פון זייער פּטירה.

אהרן ב״ר שמריו קריביצקי

האַרטפאָרד, קאָננעטיקוט

יום פטירת בני המשפחה:

אבי שמריו ב״ר יונה ע״ה נפטר ביום ש״ק כ״ט תשרי תרצ״ב
October 10, 1931

אמי שרה בת ר׳ דוב הכהן ע״ה נפטרה ביום ב׳, י״ב תשרי תשי״ז
September 17, 1956

בתי זלאַטה הצעירה ע״ה נפטרה ביום ש״ק כ״ח אלול תשי״ח
September 13, 1958

חתני צבי הירש ב״ר בנימין ע״ה נפטר ביום ב׳, כ״ה אדר תשכ״ח
March 25, 1968

אשתי הצנועה קוניה בת ר׳ יצחק ע״ה נפטרה ביום ו׳ עש״ק אדר א׳ תש״ל
February 27, 1970

ת. נ. צ. ב. ה.

חלק א
שירי ישראל

צום 18־טן יום העצמאות — ח״י

ואמרתם כה לח״י !
על הנסים ועל הנפלאות
גם בהר, גם בגיא,
עם פלא בארץ פלאות.

ואמרתם כה לחי !
אוד מוצל מאש וממים ;
ברכות עד בלי די,
לשובי ציון וירושלים.

ואמרתם כה לחי !
ארץ קדושה וברוכה ;
עוד יביאו לך שי
משנאיך — שלום ומנוחה.

ואמרתם כה לחי !
שלום ושלוה והצלחה
לימים הבאים לקראתנו
יופיעו מאל שדי — לברכה.

ואמרתם כה לחי !
חתן שמונה עשרה לעינינו ;
עד בוא יבוא בן ישי
לעמנו, במהרה בימינו !

צום 19־טן יום העצמאות

ליבע פריינד, שוועסטער ברידער,
היינט איז אונזער יום־טוב טאָג,
זאָלן מיר טאַנצן, זינגען לידער,
און פארן גרויסן נס א דאַנק — צו גאָט !

עס איז אונז שווער אַלץ אָנגעקומען,
מיט טייכן בלוט פאַר דעם באַצאָלט ;
דער ״ונתנה תוקף״ האָט פאַראורטיילט,
אונדזער אומגליקלעך יידיש פאָלק.

ווער דורך פייער, ווער דורך וואַסער,
געריסן קינדער פון מאַמעס הענט,
אונזערע ליבסטע פריינד און קינדער,
לעבעדיקע — פאַרגאַזט, פאַרברענט.

הוליעט, קינדער, היינט זייט פריילעך.
מיר האָבן אונזער לאַנד באַקומען,
היינט איז דער טאָג פון אונזער פרייהייט,
זאָל אייביק לייכטן, ווי פרילינג בלומען.

און אויך צו אייך, פריינט פון ישראל,
מיר ווינטשן אייך גליק מיט גרויס דערפאָלג,
זאָלן מיר אין גיכן זיין צוזאַמען,
גרויס און שטאַרק זאָל זיין דאָס יידיש פאָלק !

א באגריסונג צום 20־טן יום העצמאות

דאָס לאנד ישראל צום באַגריסן,
צו איר עקזיסטענץ פון צוואנציג יאָר,
ווינטשן מיר זי זאָל געניסן,
פון גרויס שפע, הצלחה ביז גאָר.

סיי פון נאָענטן, און פון ווייטן,
בלויז גוטס — פון איר הערן:
אַזוי ווי אין שלמה המלך׳ס צייטן,
פאר דער גאַנצער וועלט אַ מוסטער ווערן.

אירע פירער זאָלן ווערן באַזעלט,
אויף אַ גלייכן וועג די מלוכה פירן,
אַז מיר יידן פון גאָר דער וועלט,
זאָלן האָבן מיט וואָס צו שטאָלצירן.

די אַלע ״נאָסערס״ און ״שוקיירי׳ס״
זאָלן ווערן צעטומלט, צעמישט;
זיי זאָלן באַקומען א שטאַרקע מורא,
זייערע פּאַרניכטונגס־פּלענער זאָלן ווערן צו נישט.

די אלע איינוואוינער די געטרייע,
וועלכע זיינען קיין יורדים נישט געוואָרן,
זאָלן ווי בירגער אין אַ לאַנד אַ פרייע,
פון אַלדאָס גוטס געניסן, א סך יאָרן.

מיר זאָלן באַקומען פון דיר נחת,
אַ גרויס באַפרידיגונג אונז געבן,
אַלע דיינע שונאים אויף צו להכעיס,
קיין נקמה אין דיר נישט דערלעבן.

לכבוד דעם 21־טן יום העצמאות פון ישראל

לאָמיר אַלע הוליען אין אַ מזלדיגער שעה,
אונזער לאַנגע האָפענונג איז פאַרפאַלקאָמט דאָ!
מיר אַלע זענען דער גליקלעכסטער דור!
קינד און קייט, יונג און אַלט
טאַנצט אין די גאַסן, זינגט און שאַלט,
עס איז ניט מער קיין חלום, עס איז וואָר!

ווי אַלע פעלקער, אַ פאָלק געוואָרן,
אַן אייגן לאַנד, מיט יידישע מיניסטאָרן;
יידישע עראָפּלאַנען, טאַנקען און שיפן!
ווער האָט זיך אַזעלכעס פאַרגעשטעלט —
אמבאַסאַדאָרן איבער דער גאַנצער וועלט;
עס איז נישט מער קיין שפּאַס צו שטיפן!

עס איז דאָך ממש אַן אומגלויבלעכע זאַך,
פּאָליציי, וואָס רעדט מיטן לשון פון תנ״ך;
העלדישע גענעראַלן מיט א שטאַרקער אַרמיי!
אַ דעמאָקראַטישע רעגירונג מיט אַ פּאַרלאַמענט,
געבענטשט זאָלן זיין די בויערס הענט.
פאַר אונזערע צייטן געוואָרן, קוק און זע,
ברוך אתה השם... שהחיינו וקיימנו לזמן הזה!

צום 22־טן יום העצמאות

הײַנט איז אַ יום־טוב, אַן אמת געטרײַער,
הײַנט שפּירט זיך דער ייִד, אַז ער איז אַ פרײַער,
די צאָל וואָס ער רעכנט איז ריכטיק אָן טעות,
דער 22־טער יאָר, דער יום העצמאות.

אַ יום־טוב אין ייִדישן לוח, אַ נײַער,
דער ייִד האָט באַצאָלט פאַר אים זײַער טײַער;
אָבער הײַנט איז ישראל מער ניט קיין פרעמדער,
ער האָט איצט אַ לאַנד, ווי אַנדערע לענדער.

אַ לאַנד מיט שטעט, מיט דערפער און שטראָמען,
אַ לאַנד מיט אַ פאָן און אַן אייגענעם נאָמען;
און האָט מיט עקשנות אויף זיכער באַשלאָסן,
צו נוצן אין לאַנד זײַן אייגענעם לשון.

אַריבער שוין באַלד צוויי טויזנט יאָרן,
איידער די „התקוה" איז מקוים געוואָרן,
אַ נע־ונדניק געווען ישראל דער קריכער,
אַ לעבן אָן האָפט און אַ לעבן נישט זיכער.

אין איין לאַנד געטאָגט, אין דעם צווייטן גענעכטיגט,
צו אַ זיכערער היים געווען נישט באַרעכטיקט;
געשפּאַנט אויף אַ וועג, אַ שווידערלעך שווערן:
פאַגראָמען מיט בלוט, מיט שווייס און מיט טרערן.

געצוואונגען מיט געוואַלד, פרעמדע געטער צו דינען,
צו געטער פון ליים, פון שטיין און אָן זינען.
אין נגישות געלעבט, אַ שווערן, אַ האַרבן,
אויף קידוש השם געגרייט זיך צו שטאַרבן.

געמאַטערט, געפּלאָגט זיך, מיט בייטשן געטריבן,
און טראָץ אַלע צרות איז די זריעה געבליבן;
און איצט פײַערט די זריעה אַ יום־טוב אַ ליבן,
אַ ייִדישן יום־טוב, אַ יום־טוב פון פרידן.

פילט אָן די כוסות,
און האָט ניט קיין מורא,
זינגט אַלע בציבור:
„הזורעים בדמעה, ברינה יקצורו"!

לכבוד דעם 23-טן יום העצמאות

ביי אונז יידן איז צהלה ורינה :
אַן אַלטער חלום איז פאַרווירקלעכט געוואָרן,
23 יאָר יידישע מדינה,
אויף לאַנגע, לאַנגע יאָרן.

טויזנטער יאָרן געוואַרט,
געהאָפט און געשוויגן,
די גאַנצע וועלט האָט אונז גענאַרט,
אַלע צוזאָגן זענען געווען ליגן...

אַלע וועגן פאַרשטעלט,
פאַרמאכט אַלע טירן,
ביז דאָס פאָלק האָט "אייגעשטעלט"
און לאַנד ישראל געטאָן פראָקלאַמירן !

דער שיקזאַל האָט אַזוי געוואָלט,
מיר זאָלן זיין פאַרפאָלגט און געשטערט,
מיט 6 מיליון קדושים באַצאָלט,
ערשט דאַן האָט אונז די וועלט דערהערט.

פון אַ וויסט לאַנד אַ גן־ערן געמאַכט,
ס'זאָל זיין א פארגעניגן צו לעבן,
אַלע שכנים ווי גוטע פריינד באַטראַכט,
אַ באקוועמען לעבן זיי געגעבן.

מיט שנאה זייערע הערצער אָנגעפילט
פיינט — פון נאָענט און ווייטן,
דריי מלחמות שוין פאַרשפילט,
און ווילן זייער מיינונג נישט בייטן.

חוסיין ! וואָס האָט ער געוואָלט ?
און וואָס איז זיין שטרעבן ?
די גאָלדענע ירושלים — מיט פול בלוט באַצאָלט,
זאָל מען אים צוריק געבן !

מיין רוף צו דער יידישער וועלט :
ישראל צו איר יאָרלעכן עקזיסטענץ באַגריסן,
איר ווינטשן מיט אונזער נשמה און געלט,
זי זאָל פון אַ זיכערן פרידן געניסן.

א ליד פאַר ישראל

פאַר ישראל זינג איך אַ ליד,
פאַר פריידן און פאַר שלום,
מיר האָבן צוריק אונזער לאנד,
עס איז נישט מער קיין חלום.

פון מיין הארצן מיט טיפער ליבע,
מעכטיקע געזאנגען,
ישראל, מיין טייער לאנד,
פאַר דיר די זון איז אויפגעגאנגען.

צו דיין פידל נעם זיך, יידל,
שפיל און זינג ווי אַמאָל,
זייט צופרידן, ליבע יידן,
אָן אַ מאָס און אָן א צאָל.

אין אונזער לאנד ישראל
זענען אלע יידן פריי,
זיי פילן זיך צופרידן,
פון א לעבן שיין און ניי.

דיינע שונאים, די אראבער,
זיי זענען שלעכט, פאַראַדרבן,
שרעק זיך נישט, ישראל,
ז י י וועלן זיין ד י י ן קרבן.

די וועלף אויף דיר, ישראל,
וועלן אויפהערן ברומען;
גוטע יאָרן אויף דיר, ישראל,
וועלן זיכער קומען.

איך זינג דיר דאָס ליד:
חן האָסטו אין יעדן גליד,
ביי מיר אין הארצן ליבע זיצט,
צו דיר, ברודער, אייביקער ייד.

דאָס גיט אונז קראַפט,
דאָס גיט אונז לעבן,
צו אונזער וואוילשטאַנד,
צו אונזער היים־לאנד.

איבעראל געוועזן אַ פרעמדער,
געטריבן אונז פון אלע לענדער;
אצינד זעען מיר: "אויבן אָן,
פלאטערט הויך די בלוי־ווייסע פאָן"

צו דיינע נייע 20 יאָר,
שיק איך דיר א ברכה גאָר;
"געניסן זאָלסטו פון זונען שיין,
און אימער גליקלעך זאָלסטו זיין"!

זינגט א חלוץ

זיצט א חלוץ
אויף זיין פעלד,
און זינגט אַ ליד
צו דער וועלט:

״ווער מיר צירונג?
״וואָס מיר געלט?
״כ׳בין איין עושר
״אויף מיין פעלד.

״אין לאנד ישראל
״לעב איך פריי,
״ס׳איז מיין לעבן
שיין און ניי.

״כ׳לעב זיך צווישן
״מיינע ברידער יידן,
״ס׳איז מיר וואויל,
״איך בין צופרידן.

״איך לייד נישט מער
״פון שניי און קעלט,
״איך בין איצט זיכער
אין מיין נייער וועלט.

״איך דאַרף נישט לויפן
״אין די פרעמדע הויפן
״פון וועלף און הינט...
״אַזוי שנעל און געשווינד.

״קיינער יאָגט מיך
״ווי דאַן, אַמאָל,
״און מ׳לעבט זיך
״גאָר ניט שמאָל.

״שטענדיג אַן זאָרגן —
״די זון שיינט,
״ס׳קומט יעדער ״מאָרגן״
״פונקט ווי ״היינט״.

״כ׳דאַרף פאַר מערדער
״מער ניט אַנטלויפן,
״און מיין לעבן —
״פאַר געלט אויסקויפן...

״ווייל ארץ ישראל
איז מיין לאַנד,
״איך ווייס נישט מער
״פון שפּאָט און שאַנד!״...

פאָרט א ייד קיין ארץ ישראל

פאָרט א ייד קיין ארץ־ישראל,
צום לאנד פון די אָבות,
דאָרט וועט אים נישט פעלן
קיין שמחות, קיין התלהבות.

דאָס לאנד וועט אים געבן
אַ נייעם פונק אין לעבן,
פארגעסן אין די צרות, וואָס
דער גלות האָט געגעבן.

ער פאָרט קיין ישראל
מיט א האָפענונג א נייע,
ער וועט דאָרט שאַפן
מיט אַ האַנט א געטרייע.

אין כבוד וועט ער לעבן,
ווי ס'פּאַסט פאר א יידן;
כוליגאנעס וועלן מער נישט
מיט די ציין קריצן, זידן...

ליב וועט זיין די פרייהייט,
פרוכטבאר וועט זיין דאָס פעלד,
קיינער וועט מער נישט רויבן,
זיין הויז און זיין געלט.

אין לאנד ישראל די יידן
לעבן אלע גאנץ צופרידן;
ס'הערשט נישט קיין מרה שחורה,
קיינע אנגסטן, קיין מורא.

מיר פייערן אונזער יום־טוב,
מיר לויבן אונזער גאָט,
וואָס ער האָט אונז דערהויבן,
פון גלות — שאַנד און שפּאָט...

מיר דאנקען דיר, ישראל,
פאר דיין קבלת פנים;
מיר וועלן זיין גוטע בירגער,
אויף לאורך ימים ושנים.

די קינדער וועלן מיר דערציען
מיט ליבע און טרייהייט ביינאַנד,
צו ביישטייערן זייער לעבן
און באַשיצן דאָס פאָטערלאנד.

מיר זענען העכסט צופרידן,
געפינען זיך אין אזאַ שטאַנד;
וואוינען מיט אייך, כלל יידן!
אין אונזער אלט־נייעם לאנד!

אַ גערוס פון ישראל

באַקומען האָב איך
אַ פיין גערוס,
פון ברודער פיליפ,
ווי צוקער זיס:

פון תל־אביב
די שטאָט די שיינע,
פון אירע גאַסן
די קלאָרע, ריינע.

אין יעדן שול —
זענען מענטשן פול.
זייער צופרידן —
ברידער — אַלע יידן.

דערציילט ער מיר:
ווי האָניק זיס,
דער אַראָמאַט
פון לאַנד עס איז.

אויף די גאַסן,
אויף די וועגן,
קומען יידן
אייך אַנטקעגן.

עברית זיי רעדן,
ס'איז זייער לשון;
און עס ברויזן,
און עס רוישן

אויטאָבוסן
און מאַשינען,
ביז שפעט ביינאַכט,
פון באַגינען.

אין בית־הספר
קינדער לויפן,
אין די קראָמען
יידן קויפן.

עס גייט נאָרמאַל
אין שטאָט דאָס לעבן,
צו רו און שלום
די יידן שטרעבן.

די בחורים
אין דער אַרמיי
ישראל'ס גרענעצן
פאָרהיטן זיי.

אין לאנד פון די אבות

ישראל! ווי שיין איז דיין געצעלט,
וואו דיינע קינדער קומען פון דער גאַנצער וועלט,
קינדער און שטיף־קינדער פון דער וועלט,
קומען צו־דער־מאַמען אין איר געצעלט.

אַ שטיבעלע, אַ שיכון, גרויס אָדער קליין,
פון קאַנקריט, צי פון שטיין;
דאָס לאַנד, דאָס לאַנד איז וואונדערלעך שיין,
ווי גרויס דער שכון, אָדער דאָס שטיבעלע קליין.

יידישע קידערלעך פון דער זון פאַרברוינט,
אויגעלעך מיט קינדערשע פרייד באקרוינט;
אונטער ישראלדיגער זון לויפן, טאַנצן,
העכסט צופרידענע — ביימעלעך פלאַנצן.

ישראל, ווי שיין איז דיין געצעלט!
וואו די זון־שיין זעלטן פאַרפעלט,
און דער קלאָרער, ריינער הימל
מיט שטענדיגער בלויקייט באַהעלט.

דיינע גרינע בערג, גרינע טאָלן,
נישטאָ דער שרייבער,
נישטאָ דער קינסטלער,
דאָס צו באַשרייבן אָדער אָפּמאָלן.

שלענגלען זיך וועגן פול
יונגע ביימער ביי זייטן,
פאָרט איינער אין אַן אויטאָמאָביל,
אַ צווייטער אויף אַן אייזעלע טוט רייטן.

דאָס איז ישראל לאַנד!
דאָס אויסגעבענקטע לאַנד;
אויב כ׳וועל דיר, ירושלים, פארגעסן,
פאַרגעסן זאָל ווערן מיין רעכטע האַנד!

מודה אני...

גייט א ייד קיין ירושלים
אנגעבויגן איז ער אין דרייען,
"צו גייסטו, ייד, קיין ציון ברענגען
צוויי טויזנט יאָריקע פארלאנגען ?"

"איך ברענג א פעקעלע אויסצולאָדן
אויפן אַלט־נייעם הייליקן באָדן,
א יחוס־בריוו פון גאָר אַלטע צייטן,
גאָלד אַ סך קען עס נישט פארבייטן.

אויף פאַלקס זכרון בין איך געפאָרן
אָפּצוזוכן מיינע עלטסטע שפורן :
אויסגיסן לאנג געהאלטענע טרערן,
ווידער די הייליקע שבועה שווערן :
"אם אשכחך ירושלים !"

זאָל די גאנצע וועלט זען,
הערן און קלערן,
פארוואָס א ייד וועט נישט מיד,
זיין שבועה צו שווערן.

געזאָגט האָט גאָט צו
אברהם אָבינו פארצייטן :
"קוק צום צפון, קום צום דרום
מזרח, מערב — אין אלע זייטן"...

"דאָס לאנד איך גיב דיר
אן אייביקע ירושה,
צווישן דיר, מיין פאָלק,
וועט רוען מיין קדושה".

שטייט א ייד אין ירושלים,
דורכגענומען מיט א גייסט א נייעם,
זאָגט : "מודה אני... מלך חי וקיים,
באטראָטן די ערד פון ירושלים".

זאָל די גאנצע וועלט זען,
הערן און קלערן,
פארוואָס א ייד וועט נישט מיד
די שבועה פון שנות אלפיים שווערן:
"אם אשכחך ירושלים !"

לא ינום ולא יישן שומר ישראל

פון אַלע זייטן אַרומגערינגלט,
פון שונאים אַזוי גרויס אין צאָל ;
אַלע טויערן פאַרזיגלט,
עלנט שטייט מדינת ישראל.

א שטאַלענע רייף פון שנאה,
באַיקאַט און באדראָונג פון קריג,
קעגן דער יידישער מדינה,
מיסלס און באָמבעס פון "מיג".

כמעט אלע אַראַבער צוזאמען —
כאָטש זיי האסן איינער דעם צווייטן,
צעשפרייטן ס'פייער, די פלאמען,
צו קריג מיט ישראל זיך גרייטן.

דער גרעסטער שונא, נאסער,
וואָס רופט זיך פרעזידענט
פארשטעלט דעם וועג צום וואסער,
פארבינדט ישראל'ס הענט...

פארשפרייט דעם גאָלף מיט מינעס,
און פאָכעט מיט דער שווערד —
אַז די אראבישע מדינות
וועלן פארוויסטן ישראל'ס ערד.

ישראל קלאַפּט אין אלע טירן,
און וויל נישט פארגיסן קיין בלוט !
נאָר אויב, חלילה, ס'מוז פאסירן,
האָט ישראל בטחון און מוט...

גאָט וועט ישראל גבורה פארשאפן,
ישראל איז גרייט צום שלאַכט ;
איז מעכטיק מיט חכמה און וואָפן,
מיט אָפענע אויגן אין פינסטערער נאַכט...

משה דיין׳ס אנקומען קיין ניו־יארק

זוניק בלוי, קלאַר דער הימל,
קליינע וואָלקנס וואו נישט וואו,
זעסט א פויגל פליט אין דער לופטן,
זוכט אַ נעסט אויף אַביסל רו.

מאַיעסטעטיש צעשפרייט די פליגל,
צו דער ערד דערנענטערט זיך־וואָס,
ווען דו קוקסט אויף איר שאַרפער אַמאָל,
זעסטו אַ פויגל פון בליי און שטאָל.

ווערסט באַצויבערט פון זיין גרויסקייט,
פון זיין זילבער־גלאַנץ ווי שפיגל;
מיין הארץ ווערט מיר באפרידיקט,
ווען כ׳דערזע אַן ״אל על״ אויף זיינע פליגל.

כ׳זע אַ דריי אַהער, אַ דריי אַהין,
אזוי געשיקט קונציק, מלא חן;
ביז איינגעשטילט די מאָטאָרן,
און דאן בלייבט ער שטיין.

ס׳קומט אַ באַפעל פון דרויסן,
ברייט צעעפנט זיך די טיר.
און ווי אַ מושטרירטער סאָלדאַט,
גייט אַראָפּ דער ערשטער פאסאזשיר.

צעטומלט ווערן אַלע מענטשן,
פון זיין ליכטיק־שיינם אויסזען,
זיי באוואונדערן און בענטשן —
דאָס איז גענעראל משה דיין געווען!

מיט שטורעם און אָוואציעס אויפגענומען,
און יעדער מיטן זעלבן געדאנק:
״נאָכוואָס איז משה דיין געקומען?
און וואָס איז זיין פארלאנג?״

מיר ווינטשן די וועלט זאָל אים הערן,
און אויך מיר אלע יידן;
זיינע פארלאנגען זאָלן מקויים ווערן,
און ברענגען ישראל געזונט און פרידן.

ליבע יידן

יידן, איך האָב אייך ליב,
איר זענט מיר ליב און טייער;
פאר מיין פאָלק און מיין פאָן,
וועל איך גיין אין וואסער און אין פייער!

יידן, איך האָב אייך ליב,
ווייל איר לערנט תורה;
מיר זענען שטאָלץ מיט אייך,
ווייל דאָס איז די בעסטע סחורה.

יידן, איך האָב אייך ליב,
אחינו בני ישראל;
היט אָפּ די תרי״ג מצוות,
וועט אייך זיין גוט און וואויל.

יידן, איך האָב אייך ליב,
ווייל איר פאָלגט אויס גאָט׳ס ווילן,
גיט צדקה און טוט תשובה,
טראָגט ציצית און לייגט תפילין.

יידן, איך האָב אייך ליב,
איבער ימ׳ען און טייכן,
פון אלע פעלקער אויף דער וועלט,
איז נישט צו געפינען אייער גלייכן.

יידן, איך האָב אייך ליב,
פאר אייערע מעשים טובים,
ווען א ייד באַגעגנט אַ יידן,
ווערן זיי באלד קרובים.

יידן, איך האָב אייך ליב,
און שיק אייך מיין ברכה,
געזונט, פרנסה, אלדאָס גוטס,
פאר אייך און אייער משפחה.

יידן, איך האָב אייך ליב,
איר׳ט לעבן לאנג מיט חזקה,
אויב איר וועט אָפּהיטן
תשובה, תפילה וצדקה.

מ׳האט אונז ניט ליב... (געווידמעט מדינת ישראל)

מ׳האָט אונז נישט ליב,
נישט דאָ, נישט דאָרט
מ׳הט אונז נישט ליב,
אין קיין לאנד, קיין אָרט.

מ׳האָט אונז נישט ליב,
וואו מיר זאָלן נישט זיין;
מ׳האָט אונז נישט ליב,
אין שאָטן און שיין.

מ׳האָט אונז נישט ליב,
וואָס מיר שלאָגן צוריק;
ווען מיר קעמפן, באַקעמפן,
און דערגרייכן א זיג.

מ׳האָט אונז נישט ליב,
וואָס מיר באזיצן ישראל;
ווען מיר האָבן קיין לאנד נישט,
וואָלט זיי געווען וואויל.

מ׳האָט אונז נישט ליב,
פאר אונזער בטחון און מוט,
פאר ווייזן ווידערשטאנד, כוח,
ביזן לעצטן טראָפן בלוט.

חוץ דעם האָט מען אונז פיינט
גלאט אזוי סתם,
וואָס מיר לאָזן זיך נישט
אריינטרייבן אין ים...

ווען מיר לאָזן זיך פארניכטן
דורך אַ ביקס, א מעסער,
וואָלטן זיי אונז דאַן
געגליכן פיל בעסער...

מיר וואָלטן די שונאים
מער צופרידנגעשטעלט,
ווען מיר פאָדערן נישט
צו לעבן אויף דער וועלט.

ירושלים

גאָלדענע שטאָט פון אייביקע יידן,
גאָלדענע שטאָט, פון דער גאָלדענער קייט,
גאָלדענע שטאָט פון שלום און פרידן!
גאָלדענע שטאָט פון אייביגקייט!

גאָלדענער חלום, דעם שלום צו שמידן,
פאַר אַלע פעלקער פון דער וועלט;
זאָל שלום זיין אין ישראל און פרידן,
יחזקאל׳ס חלום — מיט זונען צעהעלט.

ירושלים שטאָט פון שלום און פרידן,
גאָלדענע שטאָט פון דער גאָלדענער קייט,
זאָלן אַלע פעלקער דעם שלום שמידן,
פאַר מיין פאָלק ישראל אין אייביקייט!

אויפן הר הצופים — תשעה באב

ירושלים השלימה די קרוין פון קאָפּ,
כ׳קוק אויף דיר פון בארג אַראָפּ;
זע איך דיר אין פולן גלאַנץ און פּראַכט,
ווי געשעצט דו ביסט און געאַכט.

צוויי טויזנט יאָר אויף דעם געוואַרט,
אָבער געקראַגן וואָס דאָס הארץ האט געגאַרט:
א גאנץ ירושלים, די הויפּט־שטאָט פון אַמאָל,
מיט איר פּראַכט־שיין אויף דער וועלט פאַרבלייבן זאָל.

דער כותל המערבי, די הייליקע וואַנט,
און די בערג הר הזיתים והר הצופים;
געווען פארוואקסן אין אַ חורבן שטאַנד —
שטייען איצט ביידע — אין אונזער האַנד.

אַ הייליגער ציטער גייט דורך אין מיין קערפּער,
כ׳פיל, כ׳ווער געטראָגן אויף די כנפי השכינה;
מאַרשירנדיק היינט צום כותל המערבי,
פילנדיק אַצינד — ״מאין עזרי יבוא״...

אַלס קליין ריגנעלע פון דער יידישער קייט,
וואָס ציט זיך אַזוי לאנג און אַזוי ברייט;
צוגעדריקט צום וואַנט מיט גרויס השלמה,
גיסן זיך טרערן פון אַ יידישער נשמה.

און מיטן זעלביקן אַלטן ״איכה״ ניגון,
מט אַ שווערן טרויער אויך באַטאַנענדיק:
״שיבנה בית המקדש במהרה בימינו״ ו
אַן אויפהער געבעטן פון אונזערע אבות אבותינו.

דורכגעדרונגען מיטן ציטער פון קדושה,
דערפיל איך עס איצט אין יעדן אבר;
ווען איך בין זוכה צו שטיין אַצינדער,
ביים הייליקן מוטער רחלס קבר.

פון טיפן האַרצן שעפטשע איך א תפילה:
״נאָך די זעקס טעג פונם העלדישן קריג,
״זאָל שוין קומען דער זיבעטער טאָג פון רו,
״אין אונזער לאַנד אַ טאָג פון פרייד און זיג״.

אַ טאָג פון זיכערקייט אין אונזער לאַנד,
ווייל די לאַגע אין ישראל איז געשפּאַנט;
די שונאי ישראל ווילן אונז רואינירן,
און דאָס האָב־און־גוטס מיר זאָלן פארלירן.

עס וועט זיי אָבער דאָס נישט געלונגען:
טראָץ זייערע אַלע פּאַרפּאַלגונגען,
ווערן מדבריות פארוואנדלט אין אַ וואַסער־קוואַל,
אַלעס בליט און וואקסט אין לאנד איבעראל.

״הזורעים בדמעה ברנה יקצורו״,
זאָל דער פסוק שוין איצט מקויים ווערן;
די ברידער, וואָס מיט טרערן האָבן געזייט,
געניסן זייער מי — זאָל קיינער נישט שטערן.

פּאַרווירקלעכט זאָל ווערן דער לאַנגער חלום,
אויף וואָס יעדער איינער וואַרט מיט געדולד;
דערפרייט צו ווערן, מיר אלע צו הערן:
״אָם ענדע דערלעבט צום אמתן שלום!״

הכותל המערבי

מיר האָבן געזיגט אין מלחמה,
איצט דארפן מיר געווינען דעם שלום;
דאָס ערשטע געווינס און נחמה,
איז ירושלים דער אייביקער חלום.

ירושלים — צהלה ושמחה —
עס הערשט געזאנג, געלעכטער:
״מיר זענען געבענטשט, מיר זענען זוכה״,
טאנצן ישראל׳ס זין און טעכטער.

חיילים מיט ביקסן אין די הענט,
ווישן זיך פון פרייד די טרערן;
פון פרייד, די ליבע אין הארצן ברענט,
די ווערטער פון נביא מקויים געוואָרן.

טרערן פון פרייד אַרום כותל מערבי,
ווען דער נשיא ר׳ זלמן שזר קומט אָן;
ער האָט די זכיה באקומען ערשטע עליה,
ביים כותל מערבי, אונטער יידישער פאָן!

און דאָ באווייזט זיך דער ״יונגער זקן״,
דוד בן גוריון מיט אויגן פארטרערט;
אַרום אים גענעראַלן הערן און קוקן,
ווי דער ״לייב פון ישראל״ דערקלערט:

„היינט איז דער שענסטער טאָג אין מיין לעבן.
כבוד, פיל כבוד אייך, יידישע קינדער!
איר האָט די שונאים צעקלאַפּט און פאַרטריבן
איך דריק אייך די האַנט, יעדן באַזונדער!"

און דאָ באַראָן ראָטשליד שטייט מיט זיין פרוי,
און זאָגן צוזאַמען ביידע אַ תפילה;
ס'רייסט זיך פון האַרץ אַ זיפץ, אַן אוי!
ס'טריפט פון אויג אַ טרער אַ שטילע.

פיל מיניסטאָרן און דעפּוטאַטן
סיי פרומע, סיי פרייע — זאָגן הלל;
גבורי ישראל — אָפיצירן, סאָלדאַטן,
ביים כותל מערבי זענען מתפלל.

דאָ בלאָזט שופר רבי גורן,
ער טראָגט מיט זיך אַ ספר תורה.
דאָס קול פון שופר מוז געהערט ווערן,
ביים כסא הכבוד פון דעם בורא!

אויך פיל יידן פון דער גאַנצער וועלט גאָר,
ווען עולה זיין קיין ירושלים;
כבוד דעם נס, געשען אין אונזער דור,
צוזאַמען זיך פרייען און טרינקען לחיים!

חזק ואמץ, ישראל

ווער ניט פאַרצווייפלט, מיין לאַנד ישראל,
אויב דו מאַכסט דורך א שלעכטע מינוט ;
ס'איז נישטאָ פון וואָס צו ווערן נתפעל,
און פאַרלירן דיין אייביקן מוט.

אונזער געשיכטע דערציילט אונז עפּיזאָדן,
פונעם ווייטן, פאַרגאַנגענעם אַמאָל...
אין רייכטום פארלירן, אין גרויסן שאָדן,
פון מענטשלעכע לעבנס אָן אַ צאָל.

גרויסע פייניקונגען און יסורים,
פון שטענדיקע פעלקער־פיינט,
וואונדער פון אַ חנוכה און פורים,
וועלכע מיר פייערן נאָך היינט...

פון גאָר העלדישע מכבייער,
וועלכע האָבן געקעמפט מיט פיל קראַפט ;
אָן מאַשינערי, בלויז פוסגייער,
האָבן אונז פיל כבוד פאַרשאַפט.

צווישן מדבריות און וואַסערן
האָבן מיר אַ לעבנס־וועג דורכגעמאַכט,
היינט וואָס איז די מורא פאר נאַסערן,
נעמענדיק דאָס אַלץ באַצייטנס אין אַכט.

די מכבייער פון פאַרצייטן,
האָבן אונז א ביישפיל געגעבן ;
אין אַ סכנה —
רופן דאָס פאָלק פון נאָענט און ווייטן,
צו קעמפן פאַר אַ בעסערן לעבן.

טאָ זייט זיכער, ישראל־רעגירער,
בויט און לעבט־אויף ישראל־לאַנד !
איין רוף פון אייך, אונזערע פירער,
זענען מיר מיט אייך האַנד־ביי־האַנד !

ישראל — א וואונדער קינד

ביזט א וואונדער־קינד, ישראל!
נאָך איינס ווי דו — נישטאָ!
דו ווייזט דאָך ממש נסים,
אין דיין שווערער שעה.

דו ווייזט אַרויס גאונות,
מיט דיין שאַרפן מוח;
און אַז מ׳דאַרף זיין שטאַרק,
באַזיצטו אויך דעם כוח.

ביזט אַ וואונדער־פאָלק, ישראל,
ביזט קליין — דאָך אַ גיגאַנט!
דו האלסט די וועלט געפּלעפט,
דו האַלסט די וועלט געשפּאַנט.

אַ גלות פאָלק, א שוואכס,
וואָס וואנדערט שוין פון יאָרן,
קען נישט אַנדערש האַנדלען,
אין צייט פון צער און צאָרן.

אַ יונג־אַלט פאָלק ביזטו,
א פאָלק פון ספר און פון הארף;
דאָך קאָנסטו אויך דערלאנגען
דעם שונא, אז מען דאַרף.

אַז דאָס לעבן שטייט אין קאָן,
און דער שונא שאַרפט די ציין,
וואָס־זשע בלייבט צו טאָן
צווישן וועלף אַליין?

ווייזטו דיין שטאַרקע האנד,
דעם שונא וואָס באפאלט דיר,
איעדן מאָל אָן א שיעור,
אנטלויפט מיט חרפה און שאנד.

ביזט אַ וואונדער־קינד, ישראל,
ישראל מיין ליב פאָלק!
דו פארלאָזט זיך נישט אויף יענעם,
דו מאכסט אַליין אַ טאָלק.

על הנסים

(די זעקס־טעג מלחמה)

וואונדער, איבער אלע וואונדער!
האָט דאָס יידיש פאָלק באַוויזן,
שטאָלץ פילט יעדער ייד באַזונדער,
נאָך באַזיגן שונאים ריזן!

פון אַלע זייטן ארומגערינגלט
מיט שלאנגען־גיפטונג, מיט סם —
דער סועץ־קאנאל פארזיגלט —
אויך אלע וועגן צו דעם ים.

אַ שטאָלענע רייף פון שנאה,
באַיקאַט און באדראָונג פון קריג,
קעגן דער יידישער מדינה,
מיסלס און באָמבעס פון "מיג".

דעם יו. ען. באפוילן
צו פאַרלאָזן דעם עזה פאַס;
און געצילט די טאנקען קוילן
צו פארניכטן ישראל־גאַס...

א גרויסער נס האָט פאסירט —
א נס מן השמים,
משה דיין האָט אַטאַקירט
ירדן, סיריע און מצרים.

דעם שונא'ס ריזיקע לופט־מאַכט
פארניכטעט אין דריי שעה צייט;
דער שונא א ויברח האָט געמאכט,
סיי גענעראלן, סיי שטאטס־לייט.

איבערגעלאָזט האַרמאַטן,
טאנקען, ביקסן, פיל געווער;
אַנטלאָפן זענען די סאָלדאטן,
אוי, אין הייסן זאַמד איז שווער...

משה דיין, דער העלד פון דור,
מיט דער הילף פון שומר ישראל
צעשמעטערט די שונאים ביז גאָר,
אָן הילף פון א פריינד, א גואל...

די אַראַבער האָבן געליטן מפלות,
פארשעמט איז נאַסער אין מצרים;
קוממיות האָבן ישראל חיילות
פארנומען גאנץ ירושלים!

וואונדער! איבער אלע וואונדער,
האָט דאָס יידיש פאָלק באַוויזן;
שטאָלץ פילט יעדער ייד באזונדער,
נאָכן באַזיגן שונאים ריזן.

אונזער זעקס־טאגיקער קריג

מיר האָבן געזיגט, דעם קריג געוואונען,
זעקס טעג האָט דאָס בלויז גענומען ;
מיר האָבן דורכגעמאכט אַ ביטערע צייט,
די אַראַבער האָבן מיר פאַריאָגט, פאַרטריבן,
אונזער לאַנד איז גאַנץ געבליבן,
און שלום איז נאָך גאַנץ ווייט.

פרייט זיך, יידעלעך, זינגט אַלערליי לידעלעך,
אלע צוזאַמען, אָרעם און רייך,
לאָמיר טאַנצן אַ נייע "האָרע"
און אויף אַלע שונאים אַ כפרה,
און זיין א פאָלק מיט פעלקער גלייך.

מיט ביקסן און קאַנאָנען האָט מען אונז באַשאָסן,
און יידיש בלוט האָט זיך געגאָסן,
די וועלט האָט אונזער העלדישקייט אָנערקענט,
אונזערע סאָלדאטן — געקעמפט ווי די ריזן,
און גרויס וואונדער — העלדישקייט באַוויזן.
איצט איז גאַנץ ירושלים אין אונזערע הענט !

מיר שטאָלצירן אַלע מיט דיר, ישראל,
דו וועסט וואַקסן און בליען ווי אַמאָל.
מיר וועלן דיר אָפּהיטן מיט נשמה און גוף,
און אויב דו וועסט נאָך מער קרבנות דאַרפן,
זענען מיר גרייט פאר דיין באַפעל און רוף.

פרייט זיך, יידעלעך, זינגט אלערליי לידעלעך,
אַלע צוזאַמען, אָרעם און רייך ;
לאָמיר טאַנצן אַ נייע "האָרע",
און אויף אַלע שונאים אַ כפרה,
און זיין אַ פאָלק מיט פעלקער גלייך !

בואכם לשלום, אלופי ישראל

פאַרשפּרייט דעם וועג,
מיט קווייטן און בלומען ;
פאר די צוויי גענעראַלן,
וואָס זענען געקומען.

מלאכים זאָלן זיין
זיינע באַגלייטער,
אויפן שטאַפּל
פון פּאָליטישן לייטער.

זיי קומען אַצינד
ווי דיפּלאָמאַטן,
אין די פריינדלעכע
פארייניקטע שטאַטן.

און משה דיין,
מיניסטער פון שוץ,
באשיצער פון שטאַט —
בבית ובחוץ,

גענעראל ראַבין
פאַרנעמט דעם פּאָסטן,
וואו יעדעס וואָרט
מוז ווערן געמאָסטן.

קומט אויך מיט אים
אין דער זעלבער צייט צו פליען ;
און ברענגט פאר אונז
א ווארעמען גערוס פון ציון.

צו היטן דעם כבוד
פון בלוי ווייסער פאָן,
אַלס אַמבאַסאַדאָר
אין וואשינגטאָן.

אַ מלאך זאָל זיי היטן,
אויף יעדן קער און טראָט ;
אויספילן זייער שליחות,
מיט הילף פון אונזער גאָט.

און ברענגען זיי אַהיים,
זאָל דער מלאך מיכאל,
מיט דער גוטער בשורה :
״שלום על ישראל !״

ברוך הבא, דוד בן גוריון!

ברוך הבא, אין די פאַרייניקטע שטאַטן,
פנו דרך — פאר דעם 80־יאָריקן טאַטן!
דער גרינדער פון דער יידישער מדינה,
שיינען זאָל אויף אים די שכינה!

דער ערשטער פרעמיער מיניסטער,
פון א לאנד אַן אָרעם, אַ ווינסטער;
פאַרטיידיקט האָט ער אונזער לאנד,
געטריבן די שונאים צו שפּאָט און שאַנד.

דוד בן גוריון, דער גרויסער נאָמען,
האָט זיינע שונאים בייגעקומען!
מיר זענען אַ פאָלק, נישט קיין סעקטע,
אונזער אמונה — מיט תורה באַפלעקטע,
מיר זענען אַ פאָלק מיט תורה רייך...
און חס וחלילה אין צייט פון נויט,
האָבן מיר נישט מורא פאַר דעם טויט.

אונזערע ספרים — ניט פאַרמעקטע,
אונזערע הענט — מיט בלוט ניט באַפלעקטע;
מיר האָבן בטחון אין אונזער גאָט,
וואָס האָט געגעבן די 10 געבאָט.

ברייט, האַרציק, מיט אַ פולער האַנד,
מוזן מיר העלפן בויען דאָס הייליגע לאנד!
דוד בן גוריון — דער העלד פון דור,
זאָל זיין מיט אונז נאָך לאנגע יאָר!

לכבוד גאלדע מאיר אין ״ווייסן הויז״

(אַ גאַסט ביי פרעזידענט ניקסאָן)

אַ שליח ציבור פון ישראל,
א גאסט צו אונז געקומען ;
צו ראטעווען אונזער לאנד,
פון ים שונאים וואָס שווימען.

איינגעלאדן האָט מען זי
אין אַ בארימטן פאלאץ,
וואו מלכים ווערן אויפגענומען,
מיט גרויס כבוד און געשאץ.

גאָלדע איז צו אונז געקומען
מיט גאָר א וויכטיקער שליחות,
בעטן פאר ישראל הילף,
קעגן די פיל אראבישע כוחות.

זי גיט דעם פרעזידענט און
אַמעריקאנער פאָלק צו פארשטיין,
אז ישראל, צווישן רוצחים,
איז אין גרויס געפאר אַליין.

מיר ווינטשן אונזער פרעזידענט
און זיין פאמיליע — לאנג לעבן,
ער זאָל אויסגלייכן די וועלט,
לויט זיין פארלאנג און שטרעבן.

גאָלדע דערקלערט : ״מיר יידן
ווילן קיינעמס בלוט פארגיסן,
מיר בעטן דאָך אונזערע שונאים
מיט אונז א שלום שליסן״.

מיר האָפן, אז גאָלדע מאיר
איז אונזער ריכטיקער שליח,
און ווינשן : ״אלע וועגן —
זאָל גאָלדע זיין מצליח״.

לאָמיר דעם געהעריקן כבוד
צוטיילן אונזער שליח ציבור ;
ווייל זי איז די פאסיקסטע —
אונזער פאָליטישער גיבור !

חלק ב
אויף דער עלטער

פון יאריד

גייט ר׳ אהרן איצט צו מעריב:
רוהיג, לאנגזאם, טריט ביי טריט;
ס׳איז נישטאָ שוין וואָס צו איילן —
נישט קיין חילוק, יאָ צו נישט...

אָפגעזאָרגט שוין אַלע זאָרגן,
אלץ געלאָזן שוין צו גאָט...
ער וועט פירן, ווי עס דארף זיין,
היטן דארף מען זיין געבאָט...

לאג פארגאנגען שוין די יאָרן
פון פיל האווען און געיאָגט,
מט אַ זין אַ ריינעם, א קלאָרן,
שווער געארבעט און זיך געפּלאָגט.

לאנג פארגאנגען שוין די יאָרן,
ווען דאָס לעבן האָט געשיינט;
ס׳איז אַוועק דער יונגער נעכטן,
און געלאָזט דעם אַלטן היינט...

פילט ער ליידיקייט אין האַרצן,
גיט אים טרייסט די אַלטע שול...
פון אַ מנחה, פון אַ מעריב —
ווערט צוריק אין הארצן פול...

גייט ר׳ אהרן איצט פון מעריב,
רוהיג, לאנגזאם, טריט ביי טריט;
אָפּגעגעבן האָט ער זיין חוב צו גאָט,
און דערפרישט איז זיין געמיט...

די שלאָפלאָזע נעכט

וואָס טוט מען די נעכט ?
אַז מ'קאָן נישט שלאָפן, איז זער שלעכט !
כ'דריי זיך אַהין, כ'דריי זיך אַהער,
איינשלאָפן איז מיר זייער שווער.

בין איך אין דראַג סטאָר געלאָפן,
און געקויפט פּילן צום שלאָפן.
איך שלינג איין אַ פּיל, ליג און טראַכט,
אַז איך וועל שוין שלאָפן אַ גאַנצע נאַכט.

איך ליג זיך אין בעט און האָף :
אָט באַלד באַפאַלט מיך דער שלאָף ;
עס איז שאַ־שטיל ! אַלע שלאָפן !
נאָר איך אַליין האַלט די אויגן אָפן.

נעם איך נאָך אַ פּיל און האָף...
אָבער עס קומט נישט קיין שלאָף ;
איך נעם אַביסל, איך נעם אַ סך,
אָבער ס'קומט קיין הילף, כ'בין נאָך וואַך.

וואָס איז מיט מיר ? וואָס קען דאָס באַדייטן?
ס'דרייט מיך דער קאָפּ, ס'טועט ווי די זייטן;
כ'פּיל, איך גיי באַלד אַראָפּ פון זינען,
כ'קען נאָך אַלץ קיין שלאָף נישט געפינען.

פּלוצים, איך גיב זיך אַ דערמאָן,
וואָס מיין טאַטע האָט דאַן געטאָן :
כ'טרינק מיר אויס אַ גלעזעלע וויין,
און גלויבט מיר, איך שלאָף גלייך איין.

אַ יעדע נאַכט פאַרן שלאָפן גיין,
טרינקט אויס אַ גלעזעלע שאַמפּיין !
און איר וועט זען ווי געשווינד,
איר וועט איינשלאָפן ווי אַ קינד.

ווי א ליד דאס לעבן

ווי א ליד — דעם יידנס לעבן,
פול געזאנג איז יעדע שורה,
ס'איז געמישט מיט פרייד און טרערן,
פון געבורט ביז דער קבורה.

הערלעך קלינגט די ערשטע שורה,
אַ בן זכר!... געהערט די בשורה...
שפּעטער דאָס יינגל גייט אין חדר,
לוסטיג קלינגט דאָס ליד כסדר...

טאַטע, מאַמע, רייך צי אָרעם,
לאדן איין די כלי זמרים, 13 יאָר—
דער זון איז אַלט שוין,
דאָס ליד מעלאָדיע איז אין "מאזשאָר".

ס'איז דער טאָג פון חופּה היינט,
די גאנצע משפּחה נחת'דיק שיינט;
אַ נייעם ניגון זינגט דער ייד,
מזל־טוב! מזל־טוב! איז דאָס נייע ליד.

איינגעשפּאַנט זיך אין יאָך פון לעבן,
געארבעט פיל, געארבעט שווער,
דאָס גאנצע מי, דאָס גאנצע שטרעבן,
פארמאָגן און שאפן וואָס מער.

פרילינג, זומער, הארבסט און ווינטער,
האסטיג לויפן דורך די יאָרן,
ווי א חלום דאָס גאנצע לעבן,
דער יונגער מאַן איז אַלט געוואָרן.

עלנד, שוואך און אָן א היים,
און די נאָענטע — פרעמד און קאַלט,
איינזאם, הילפלאָז און פארלוירן,
ווי שנעל, וו שנעל מען ווערט אַלט.

צייכנס שאַרפע, דייטלעך קלאָר:
מען דארף פאַרלאָזן דעם יאריד,
ס'קלינגען טענער אין "מינאָר"
די לעצטע שורה פון דעם ליד...

דער ראד פון לעבן

ווען ס'קומט א נייער יאָר,
בייט ער דעם דאטום נאָר,
ברענגט די זעלבע וואָכן און טעג,
וואָס גייען זיך דעם זעלבן וועג.

די אַלטע געזעצן
טוט מען אויפסניי איבערזעצן,
פון 'בראשית' פאנגט דאָס לעבן אָן!
יעדער פסוק זיצט פון אויבנאָן...

דאָס נייע ווערט וואָכעדיק,
דאָס וואָכעדיקע ווערט ניי,
יעדער טאָג ברענגט נייע שטונדן,
וואָס ווערן שנעל פארשוואונדן.

דאָס קוהלת... לעבן
ווערט נישט אויפגעגעבן:
שפּאַן און שפּאַן גייען פרוי און מאַן,
האַנד אין האַנד בויען נאָכאנאנד.

ווי אַדם און חוה אין גן עדן,
בויען זייער וועלט אין ביידן;
לייזן פּראָבלעמען צוזאמען,
דער טאַטע מיט דער מאַמען.

מען ליידט פון קינדער,
פון יעדן באזונדער,
דאָך גיט מען נישט אויף...
דאָס איז קיין וואונדער.

ווייל אַזוי איז די וועלט
באַשאַפן געוואָרן —
קינדער ווערן געבוירן
און אזוי פארגייען די יאָרן.

אַ מענטש שווימט אין ים פון לעבן,
קעמפט מיט כוואליעס אַנטקעגן,
ס'לויפן מענטשן ווי די בינען,
אין גערויש פו די מאשינען,

וואָס וואַרפן זיך אין ראָד אויפסניי,
נישט ווייסנדיק צו ס'איז כדאי...
ער ווערט שוואַך, ער ווערט מיד —
קאָן נישט רירן מיט קיין גליד.

אַזוי פון טאָג צו טאָג,
גייט זיך אַ גאַנג, דאָס לעבן לאנג,
לאַזנדיק הינטער זיך זכרונות
פון נישט פארווירקליכטע חלומות.

און אַז מ'קוקט זיך נאָר ארום,
זוכנדיק דאָס גליק אומעטום,
דערזעט מען — שוין ווייט אָפּגעפאָרן
מיט די שווערע ביסל יאָרן...

איך בין רעטייערד

איך בין שוין רעטייערד,
כ'האָב שוין דערצו מיינע יאָרן;
פון דער ארבעט — געפּייערט,
און דאָס איז פון מיר געוואָרן.

ווינציק טראַכטן פון מיין לעבן,
ס'איז אוועק פון מיר די שרעק:
"אָנקל סעם" וועט מיר געבן,
יעדן מאָנאַט מיין טשעק.

זיץ איך און וואַרט,
צייל פון מאָנאַט די טעג;
ווי קיינמאָל מיך געאַרט,
וואָס מיינע יאָרן זענען אַוועק.

צום פאַרברענגען די צייט —
אַלץ זאָל גיין וואָס גיכער,
זוך איך יעדן טאָג און בייט
צייטונגען און אויך ביכער.

איך שפּיל נישט קיין קאָרטן,
איך בין אַ קנאַפּער זינגער;
איך זוך צווישן אַלע סאָרטן,
עפּעס צו טאָן — מיט די פינגער.

איך זיץ און איך טראַכט,
איך פּיל אינגאַנצן אַ מידער,
ביז ס'האָט מיך דערבראַכט,
צו אָנהויבן שרייבן לידער...

אויף די עלטערע יארן

די עלטערע יאָרן —
דערגייען די יאָרן!
מ׳האָט זיי נישט ליב,
דאָך זיי ווערן געבאָרן.

נישטאָ מער דער נעכטן —
טאָ זאָל זיין דער היינט!
אבי נאָר געזונט,
איז ער מיין פריינד!

זאָל זיין די עלטער —
אבי נאָר נישט קראַנק,
און מ׳קען נאָך געניסן,
כאָטש אין געדאַנק...

אפילו אַ קווינטעלע,
איז דאָך אויך גוט,
נאָר אַז דאָס איז נישטאָ,
איז ליידער קאפוט.

די עלטער — נו מילא!
אַבי נאָר אַן צאָרן,
אבי נאָר די עלטער,
דערגייט נישט די יאָרן.

און לאָזט נאָך חלומ׳ען,
לאָזט נאָך שטרעבן,
און מערער פון אַלץ —
זי לאָזט נאָך לעבן.

״אָבער דאָס שטיקל געזונט!״
אין דער עלטער זאָל דינען;
וואו נעמט מען עס?
וואו קאָן מען עס געפינען?

דאָס קרעכץ, דער הוסט,
לאָזט מיר נישט אָפּ;
און דאָס ברענגט מיר,
א ווייטיק אין קאָפּ.

ביי טאָג — נישט צו עסן,
ביי נאַכט — נישט צו שלאָפן;
צו קאָן מען פארגעסן ווי
די יוגנט איז פארלאָפן?

מ׳איז קראנק און שוואַך,
ס׳איז נישט ליב דאָס לעבן...
פאַרוואָס, גאָט, טוסטו
אזא עלטער געבן?...

יוגנט און עלטער

ליב און גוט איז די יוגנט,
דאָך אָפּטמאָל איז די עלטער נאָך בעסער:
ווײַן איז באַטעמ׳טער, וואָס עלטער,
וואָס לענגער ער שטייט אין די פעסער.

אויך בילדער, אַנטיקן וואָס עלטער,
אַלץ העכער די ווערטן דערפון;
אַלט, דאָך יונג איז דער קאָסמאָס,
אַלט, און דאָך יונג איז די זון.

אן אלטער חבר, קאָלעגע,
אויך האַרציקער, חשובער, ליבער!
דערמאָנט — אין טעג לאַנג פארגאנגען,
דערמאָנט — אין צייט לאנג פאַריבער.

אויך ליב און טייער זענען אַלטע פריינד,
וואָס ווערן געשעצט ביזן טאָג פון היינט;
אין טאָג פון פרייד, אין טאָג פון לייד,
איז אנגענעם די האַרציקע רייד...

אויך ליב איז דער טאַטע און מאַמע,
וואָס זענען שוין אַלט — דאָך פול מיט חן!
ווי בלומען אין הארבסט־טעג די טריבע,
וואָס פארוועלקן — דאָך ווי פראכטיק־שיין!

אפגעלעבט א לעבן

אַפּגעלעבט אַ לעבן,
אַפּגעשפּילט אַ שפּיל;
איז דאָס געווען א חלום?
איז דאָס געווען א ציל?...

כ'האָב מיינע יינגע יאָרן,
געוואַנדערט און פריי פאַרבראַכט...
דאָך איז מיין זיווג געקומען,
און מיר האָבן חתונה געמאַכט.

געטרוימט פון שיינע טעג,
פון אַנגענעמע יאָרן,
געניסן פון לעבן,
און אויף אַ צוקונפט שפּאָרן.

געשען פאַרשידענע צייטן,
געלעבט אין גרויס נויט,
געאַרבעט אָן אויפהער,
פאַר אונזער שטיקל ברויט.

דערצויגן קינדער ליבע,
צו לייטן זיי געבראַכט;
געקראָגן זייער זיווג,
און חתונה זיי געמאַכט.

זיי לעבן אָנשטענדיק,
און האָבן ביי לייטן חן,
דערציען די קינדער —
זיין אָרנטלעך און שיין.

געבראַכט אויף דער וועלט,
מיט ליכט און מיט שיין,
געראָטענע אייניקלעך,
געזונט זאָלן זיי זיין!

ווי בלומען אין גאָרטן,
וואַקסן זיי פּרעכטיק פיין,
מיט צאַרטע געזיכטן,
אויף לאַנגע יאָר צו זיין.

מיר האָבן פאַרגעניגן,
מיר דאַנקען, ליבן גאָט,
מיר זענען העכסט צופרידן,
פאַר זיין גוטס און גענאָד.

מיר זענען איצט אַלט שוין,
און ס'איז שוין נאָכן שפּיל...
דאָס איז געווען דער חלום,
דאָס איז געווען דער ציל!...

*

סימנים פון לעבן,
פון גאָט געגעבן:
פריש, קראַפט, יוגנט;
ווערט מען אָבער אַלט —
ווערט מען שוואַך און קאַלט...

א חזן אן א קול

אַ גאנץ יאָר אַ ״בארבער״,
ער גאָלט און ער שערט;
קומט אָן ראש השנה —
אַ חזן ער ווערט.

פארלאָזט זיך אַ בערדל,
א היבשע ביז גאָר —
(ס׳פעלט דאָך נישט אויס,
אַ באַרבער קיין האָר).

און גיט זיך אַ נאָמען:
״רב יוסעלע בים״
דער בארימטער חזן,
מיט דער גאָלדענער שטים.

אָט שטייט ער אויף דער בימה,
און זינגט אויפן קול;
נאָר ס׳זינגט זיך שוין מער נישט,
אַזוי ווי אַמאָל!

די נידעריקע טענער
נאָך נישט אַזוי שווער,
נאָר ווען ס׳קומט צו די הויכע,
איז נישט אהין און נישט אַהער.

ווען מ׳דרף נעמען
אַ העכערן טאָן —
איז ער נעבעך אויף צרות,
ער קרייט ווי אַ האָן.

זיין קול — ווי פארגליווערט,
ס׳גייט נישט און שוין!
זיין נגינה האָט פאַרלאָרן,
דעם אַמאָליקן חן.

ס׳הענגט שוין זיין שטימע,
ווי אויף אַ האָר,
ווי אָפּגעשניטן,
מיט א ראזיר־מעסער גאָר.

ער ציקלט, ער טרעלט,
נאָר ס׳פעלט אויס דער ברען;
זיין שטים איז ווי האָלץ,
נישט מער ווי געווען.

זאָגט זיין ווייב: ״יאָסיל בים!
זיי קיין חזן נישט מער,
פון איצט אָן און ווייטער —
בלייב ביי דיין שער!״

זיי ווייטער ״אַ באַרבער״,
שער בעסער און גאָל,
איידער — אַ חזן
צו זיין אָן אַ קול!...

א ל ט ק י י ט

מ'דאַרף זיין משוגע
צו וועלן ווערן אַלט,
און פילן מיד,
און פילן קאַלט.

וואָס טויג אזא לעבן,
אָן לוסט און אָן גלאַנץ !
אָן פרייד און אָן וויין,
אָן געלעכטער, אָן טאַנץ !

מ'דארף זיין חסר דעה,
צו ליגן אין בעט —
הוסטן און קרעכצן,
פון פרימאָרגן ביז שפעט.

און שלינגען פילן,
און לייגן קאָמפּרעסן,
אויקען און זיפצן,
נישט טרינקען, נישט עסן !

די אלטע יאָרן
זיי האָבן קיין טעם —
בלאס נאָר און טרוקן,
אָן לעבן, אָן פלאם.

ס'איז נישט פאר מיר
צו ליידן צרות אָן גרונט ;
פאר אַלט זיין און שוואַך זיין,
דאַרף מען האָבן געזונט.

אלטקייט און שוואַכקייט —
פאַר אונזערע שונאים,
נאָר פאַר מיר, אוי, זיי האָבן
קיין רייץ, קיין פנים !

פון אַזאַ לעבן פארלירט מען
אַ פונט נאָך אַ פונט —
ניין, ס'איז נישט פאר מיר,
פאר מיין שוואַכן געזונט...

דער אלטער חזן

איך בין א חזן אָן אַן עמוד,
די עלטער קלאַפּט שוין אין דער טיר ;
דאַך קלינגען מיינע תפילות תמיד,
זיי זינגען זיך ארויס פון מיר.

שבת, יום־טוב און ראש חודש
איז געפּאַקט געווען די שוהל,
יעדע תפילה — נועם, קודש...
מיט אַ כאָר גאנץ גרויס אין צאָל.

דאָס קהל איז מיט מיר מתפלל :
"פארגיב אונז גאָטעניו די זינד" !
איך שטיי ביים עמוד און זאָג הלל,
און בעט רחמים ווי א קינד.

היינט הערט קיינער מיין געזאַנג,
קיינער וויל פון מיר ניט וויסן ;
כאָטש ערשט, ערשט נישט לאַנג,
האָב איך געהאַט אַ קול א זיסן.

איז ככלות כוחנו אַל תעזבנו !
איצט בין איך אַן אַלטער מאַן !
איך האַלט שוין באלד ביי עלינו...
יונג, קען קיין מענטש אייביק ניט זיין.

הײנטיקע באָבעס

געדענקט איר פון אַמאָל די באָבע,
אַן אלטיטשקע אידענע ?
געוואוינט בײ די קינדער,
און שטענדיק אַ צופרידענע.

זי האָט געראַמט דאָס הויז,
געהאָדעוועט די קינדער,
און האָט באַדינט,
יעדן אײנעם באַזונדער.

האָט געאַרבעט אין קיך,
פלעגט העלפן מיטן קאָכן ;
פלעגט צוגרײטן אַ יעדנס
בעט צו גײן שלאָפן.

אַט אזוי האָט זי,
אַ גאַנצע וואָך געטון אַלעס,
און פרײטיק פלעגט זי,
באַקן בולקעס און חלות.

הײנטיקע באָבעס גאָר,
פאַרפוצט און שײן אָנגעטאָן ;
זיצן אָפּ פאַר שטונדן
אין ביוטי סאַלאָן.

פארבן די האָר און
דעם פּנים מיט שמינקע,
אַמאָל שווארץ, רויט, אָדער
גאָר אַ בלאָנדינקע.

הײנטיקע באָבעס זיצן
גאָר ווײניק אין שטוב,
זײ באַלאַנגען צו ״הדסה״
אָדער אַן אַנדער קלוב.

מען גײט אין טעאַטער,
צו א קאַנאַסטע גײם ;
אָדער זען די קינדער,
ווען זײ זענען אין הײם.

זי דאַרף נישט שטײן מער
אין קיך, און זײן אַ באַדינער ;
זי קויפט אין מאַרקעט
א כשר׳ן ״טי.װי. דינער״.

זי דאַרף מער נישט באַקן
און קאָכן אַ גאַנצן טאָג ;
זי איז אויף דיעטע
און דאַרף פאַרלירן וואָג.

און פרײטיק רוימען זײ
די שטוב בײדע,
וויפל קאָנען אָנשמוצן,
אַ באָבע און א זײדע ? !

מען קויפט אַ חלה,
א טשיקען, געקאָכט און געבראָטן ;
און מען מאַכט שבת,
ווי גאָט האָט געבאָטן !...

דאס לעצטע ווארט

די יוגנט איז פארלאָפן,
דער מיטל־עלטער איז נישטאָ מער;
די עלטער איז געקומען,
אויפן הארצן איז מיר שווער.

די האָר זענען ווייס געוואָרן,
דער שכל דינט נישט מער;
איך גיי ארום פארלוירן,
איך ווייס נישט ווער איז ווער.

דער קערפער איז געבויגן,
די אויגן זעען נישט מער,
אויפן הארצן איז מיר שווער.
איך טו שוין צו גאָרנישט טויגן,

די קינדער זענען זיך צעלאָפן,
מיין הויז איז געוואָרן לער;
אין מושב זקנים מיר צו טרעפן,
אויפן האַרצן איז מיר שווער.

די פיס זענען שטיין געבליבן,
די הענט פאָלגן נישט מער,
וואָס פון אַלץ איז געבליבן!
נאָר צו פארגיסן אַ טרער.

ביינאכט אויף מיין געלעגער,
ליג איך מיר און קלער,
אַ חלום חלומ׳ט מיר כסדר,
אויפן האַרצן איז מיר שווער!

חלומ׳ט זיך מיר: כלי־זמרים שפילן,
אַז איך בין דאָך נישט אַליין;
מען וועט מיר געבן אַ פלאָץ א קילן.
אַ שטיבעל א קליין...

אין דעם שטיבעלע דאָס קליינע,
שלאָפן וועל איך, נישט הערן מער,
אַמאָל וועט אימיצער קומען,
און לאָזן דאָרט אַ טרער.

אויף דעם שטיבעלע דאָס קליינע
אַ מצבה וועט געוויס שטיין:
אַז דאָרט ליגן טאַטע־מאַמע,
איינזאַם און אליין...

אויסגעקריצט אונזערע נעמען,
וועלן אויף דער מצבה זיין,
צו ערן אונזער אַנדענק יאָרליך,
פאר די זומער שטראלן שיין...

דאס יונג־לעבן

כ׳ליב דאָס לעבן ווי מיין לעבן!
כ׳ליב דאָס לעבן אָן א שיעור,
כ׳וואָלט אים אלץ אוועקגעגעבן,
אבי ליבן זאָל ער מיר.

אזא דראַנג אין מיר צו לעבן!
נאָר דאָס לעבן זיך באַהאַלט,
איך האָב אים ליב, לייב און לעבן,
נאָר דאָס לעבן איז צו מיר קאַלט.

פארלאנגען, רופן, לאָקן, וועקן,
פאָדערונגען לאָזן מיך נישט אָפּ;
נאָר דאָס לעבן טוט זיך שרעקן,
פאר מיין זילבער ווייסן קאָפּ.

איך ליב דאָס לעבן ווי מיין לעבן!
נאָר דאָס לעבן מיך נישט ליבט.
חלומות שיינע טו איך וועבן,
נאָר דאָס לעבן מיך באַטריבט.

גייט דאָס לעבן מיר פארביי,
גייט און גייט, רייצט אָן אַ שיעור!
איך בין אים אזוי געטריי,
און ער קוקט גאָרנישט אויף מיר!

מיינע פיס — פון באגינען —
זענען שוואך מיר באדינען,
צו טראָגן מיך לויט מיין ווילן,
אָבער ס׳פעלט כוח טו איך פילן!

כ׳פיל עס שווינדלט מיר מיין קאָפּ!
כסדר: פון אויבן ביז אַראָפּ!
מיין גוף וויגט זיך הין און צוריק,
ווי א קינד אין זיין וויג!

איך שווער זיך, לעבן, ביי די שטערן,
כ׳האָב דיך ליב מיט יעדן חוש!
דו ביזט טויב, טוסט נישט הערן,
גיסט די יינגערע דיין קוש...

געדאנקען פון אמאל

איך דערמאָן זיך פון דעם אַמאָל
וועלכער איז היינט שוין אזוי ווייט ;
יוגנט־חלומות אָן אַ צאָל —
פון אָפגעגאנגענער צייט.

פון יוגנט — וואָס איך האָב געפונען,
אָן באמיהונגען — אָן שווערע לאסט.
מיין צוקונפט פאַר מיר געפונען,
אין איר זיך אַריינגעפּאַסט.

פון אַ לעבן — אָן זאָרגן,
פון אלץ געוואָלט געניסן ;
נישט אַריינקלערן וועגן מאָרגן,
בלויז בארוהיקן מיין געוויסן.

אלע געשריבענע געזעצן —
פאר מיר געווען קיין שטער,
בלויז די מאָראָל נישט צו פארלעצן,
איז געווען מיין באַגער.

ווי אַ פרייער פויגל געלעבט,
וועגן קיין צוועק נישט געטראַכט ;
מער הנאה — פון לעבן געשטרעבט,
אַלץ צו קליינגעלט געמאַכט.

היינט בין איך אַלט געוואָרן,
און דערמאָן זיך אין דעם אַמאָל,
באדויער איך יענע יאָרן —
מיט אַזויפיל טעות'ן — אָן א צאָל !

ווען מיין יוגנט זאָל מיר צוריקקומען,
און אָנהויבן אַ לעבן פון דאָסניי —
וואָלט איך דאָס שענסטע פון לעבן גענומען,
און אויך מיין צוקונפט געבליבן געטריי !

אויף דער עלטער

אַט די לאַנגע נעכט קאָשמאַרנע,
אַט די גרויסע טעג, די כמאַרנע
אַט דאָס ציטערן פון די הענט,
אַט די קנייטשן אויפן שטערן,
אַט דאָס טויבקייט — נישט דערהערן,
אַט די שאָטנס אויף די ווענט!

אויפן פנים אַט די קאַרטשן
אַט דאָס בייזקייט, אַט דאס וואָרטשען,
דאס נישט קאָנען גיין!
אַט די אויגן — אויסגעלאָשן,
אַט דאָס שווערקייט מיטן לשון,
אַט די פאַלשע ציין!

אַט דאָס גאָרנישט וועלן, שטרעבן,
חוץ איין זאַך נאָר: וועלן לעבן, לעבן!
דאָס נישט האָבן רו!
אַט די פאַלדן, אַט די קאַרבן,
אַט דאס שרעקן זיך פאר שטאַרבן,
אָ, עלטער, דאָס ביסטו!...

אמאליקע יארן

אַמאָל פלעגט מען זיצן
אין בית המדרש און לערנען,
ביי אַ חלבן ליכטל אָן מורא ;
היינט בויט מען טעמפלען
מיט עלעקטרישע לאָמפּן,
אָבער מ'לערנט דאָרט נישט קיין תורה.

אַמאָל האָבן קינדער
געהאלטן פון כיבוד אב ואם,
זיי האָבן געוואוסט וואָס דאָס באדייט ;
היינט — באַשטייט כיבוד אב ואם
פון מוטערס־טאָג און פאָטערס־טאָג :
מיט בלומען, זאָקן, ווען ס'קומט די צייט.

אַמאָל איז די פרוי געווען
אַן אמת'ע אשת־חיל,
זי האָט געפירט א יידיש הויז ;
געבאַקן ברויט, חלה און טאָרטן ;
היינט פאַרבט זי יעדע וואָך
די האָר אין אַן אַנדער קאָליר,
שפּילט פערדלעך, מאדשאָנג און קאָרטן !

נאָר איך וועל פארן אַמאָל
נישט ווערן קיין אבל,
איך ווייס, ס'איז געוואָרן בעסער נאָך בבל ;
איך וועל אויפהערן צו זאָרגן
און חאַפּן אויף א שענערן מאָרגן.

חלק ג

שירי משפחה

צופרידענע טאטע-מאמע

צוויי קינדער — צוויי זין —
האָבן מיר אויף דער וועלט געבראַכט,
אַ מיליאָן דאָלאר ווען מיר געווינען,
וואָלט אונז אזוי ניט גליקלעך געמאַכט!

דעם פארגעניגן וואָס מיר נעמען איין
פון אונזערע קינדער אין צווייען,
ס'איז פאר אונז אַ ליכטיקע שיין,
וואו מיר גייען און שטייען.

פון קינדווייז אָן איבער זיי געוואַכט,
נישט אראָפגענומען די אויגן;
קיין מאָל נישט געוואָרן פארשמאכט,
נאָר צערטלעך, פיין זיי דערצויגן.

אין א יידישער שולע זיי געשיקט,
יידישע לערע צו קריגן;
לערער, דערציער, מיט זיי זיך געקוויקט,
און מיר האָבן געשעפט גרויס פארגעניגן.

וועלטלעכע לימודים זיי געגעבן,
צום צוקונפטיקן לעבן זיין צוגעגרייט!
ויסן און פארשטיין דעם זין פון לעבן,
אויסצוקעמפן פאר זיך דאָס שטיקל ברויט.

אין פארלויף פון אייניקע יאָרן,
פון וועלכע מיר זענען זייער צופרידן,
אונזערע קינדער פראָפעסיאָנאַלן געוואָרן,
און אונזערע הערצער פול מיט פארגעניגן.

אונזער עצה פאר עלטערן: מאכט א באמיונג!
אונזער אפיל נעמט אין זינען —
גיט אייערע קינדער א יידישע דערציונג —
די וועלטלעכע וועלן זיי אליין געפינען!

מיין שטעטל מאטעלע
און דר. חיים ווייצמאן ז״ל

ליבע, לייד און ווייטיק מישן זיך צוזאַמען,
ווען איך דערמאָן מיך פון מיין אַלטער היים,
מיט די ברעטלעך ביי די גערטנערס צוימען,
מיט אירע געסלעך, פול מיט בלאָטע און ליים.

מיט די קרומע הייזער, דעכער — אַלטע שטרוי
און די פוילע ווענט — פול מיט מאָך פארגרינט,
אויסגעקוקט האָבן פיל — הויקערדיק אזוי,
ווי פארבליבן חרוב, נאָך אַ שטורם־ווינט.

וואקסן פאר מיר בילדער — לאג שוין פארגאנגען,
שפּילנדיקע יאָרן, טרוימען פון א קינד:
דאָס פריילעכע שטיפן, די הילכיקע קלאַנגען,
דאָס פארגעניגן — ס׳איז אַריבער געשווינד...

עס דערמאָנט מיך מיין אַלטן שטרענגן רבי׳ן —
אברם־יצחק דעם "רויטן" — אַ שיינער ייד!
זיין בייזער בליק ביים שיעור אַרויסגעבן,
פלעגט אָנווארפן א שרעק אין מיין יעדן גליד.

אלע טעג געלערנט חומש מיט רש״י כסדר,
מיט זיין קאלטן שמייכל און בייזערן זיך דערביי:
"אָט אזוי לערנט א ייִנגל אין א חדר!
"שוין פארגעסן? שגץ! טאַ הויב־זשע אָן אויפסניי!"

פאַרן רבין אברם־יצחק דעם "שווארצן"
געשראָקן האָב איך זיך שוין פיל מער:
זיינע גמרא סברות — פון טיפן הארצן
פארנעמען איז מיר געוועןצו שווער.

ס׳איז אוממעגלעך געווען גלייכן אים צופיל:
יעדן דאָנערשטיק זאָגן אַליין דעם שיעור,
גמרא, תנ״ך, דקדוק, ס׳איז גאָר ניט קיין שפּיל,
זיצן לאַנג ביים טיש — נישט געבן זיך קיין ריר!

ביי מיין רבין „חזן" אברהם־לייב'ן
בין איך שוין גאַר געוואָרן דערהויבן,
מיטן חבר „יענקל אביגדור'ס" צוזאמען געלערנט גמרא!
געמאַכט „א לייענען" מיט דער ריכטיקער סברה.

כ'זע די שול, דעם מזרח, די בעלי־בתים דאָרט,
אין מיין זכרון ליגט נאָך איינער פון זיי:
רב עזר ווייצמאן מיט זיין קורצער באָרד,
שטעלט זיך מיר פאָר וואו איך שטיי און גיי.

רב עזר מיט זיין פרוי, זין און טעכטער שיינע,
אַלע אין שטעטל האָבן א שם געהאט;
צדקה — מיט א פולער האַנד, געטיילט געמיינע,
הונגעריקע — פון זייער הויז אַרויס זאט.

אין מאַרק א הויז — צווישן הייזער צוזאמען,
דער גאנאָק איז באַצירט מיט קאָלירטע גלאָז;
דאָס הויז־געזינד — פון הויכן יחוס שטאַמען,
דאָ וואוינט עזר ווייצמאַן דער שיינער בעל־הבית.

מיט זיין יונגן זון — דער באוואוסטער ח י י ם,
וואס האָט גע'שמ'ט מיט זיין חכמה און פאַרשטאַנד,
זיין הארץ האָט געצויגן קיין ירושלים,
צו ברענגען דאָס יידישע פאָלק אין זיין לאַנד!

✡

פיל יאָרן פון יענער צייט זענען פארלאָפן...
אַ דריטער חורבן האָט אוז יידן געטראָפן,
פון היטלערס רוצחים זענען מיר פארפאָלגט געוואָרן,
אויך אונזערע היימען האָבן מיר פארלאָרן.

געקומען אונזערע העלדן מיט כח און מיט מוט
איינגעשטעלט דאָס לעבן, פארגאָסן זייער בלוט,
מיט נסים פון גאָט, געשפּילט האָט דאָס גליק,
מיר האָבן דערוואָרבן אונזער לאנד צוריק.

חיים ווייצמאַן אלס מנהיג אָנערקענט —
געשמ'ט האָט זיין נאָמען איבער גאָר דער וועלט,
מיט זיין גרויס חכמה און טיפן פארשטאנד —
געוואָרן ערשטער פרעזידענט אין ישראל לאנד.
יהי זכרו ברוך ומבורך!

מיין מאמעס ניגון

ווען מיין מאַמע האָט פּרייטיק
שבת־ליכט געצונדן,
איז טרויער און אומעט גלייך
פון אונזער הויז פארשוואונדן.

די מעשענע לייכטער,
פלעגן מיט זייער גלאַנץ פינקלען,
דער שבת פלעגט זיך פילן,
אין אַלע פיר ווינקלען.

און שבת נאָך מיטאָג,
איר חומש אויפמישן,
די זילבערנעברילן
מיט אַ טיכעלע אויסווישן.

לייענען דעם טייטש חומש,
מיט אַ טיף הארציקן ניגון,
און פון דער נשמה יתירה
גרויס התפעלות קריגן.

נאָר מיט גוטע קינדער
געהייסן מיר זיך שפּילן:
״געדענק! לערן תורה,
צו דעם זאָלסטו זיך צילן!״

״אויב דו וועסט מיך פאָלגן,
וועט גוט זיין אונזביידן,
דו וועסט האָבן כבוד,
און איך — דעם גן־עדן״.

גאָר אָפט — אַ מאָלצייט
קאַרג געווען צו עסן;
נאָר צאָלן שכר לימוד —
קיין מאָל נישט פאַרגעסן.

פארלאנגט האָט זי פונעם רבי'ן,
ער זאָל איר צוזאָגן:
אַ סך מיט מיר לערנען,
און ווייניק מיך שלאָגן.

דערמאָן איך מיין מאַמען!
ווי זי האָט מיך דערצויגן.
מיינע האָר — שוין זילבער,
דער רוקן — געבויגן.

לעבט ווידער אויף דער שבת,
אין מיין מאַמעס פייער;
אין מוח ווערט ליכטיק,
דאָס אַלטע ווערט טייער.

געדענק איך מיין מאַמע
איר האַרציקן ניגון,
איר ״גאָט פון אברהם״
טוט מיין יאוש באַזיגן.

מיינע ערשטע חדר־יארן

זיבן יאָר איז מיר געוואָרן,
און די מאַמע, עליה השלום,
געזאָגט האָט צערטלאך־געשווינד :
"צייט אין חדר גיין, מיין קינד".

אויס, אַ סוף, געגוג געהוליעט,
אויף דער וועלט אַרומגעפלויגן,
פריי און גליקלעך ווי אַצינד,
פריש און פריילעך ווי דער ווינט.

"צייט אין חדר, קדיש מיינער !"
און דער באהעלפער אין זיין טלית,
אין זיין אלטן, פארוויקלט מיר,
געבראכט אין חדר גיך־געשווינד.

אין א ליכטיקן פרימאָרגן,
האָבן שטראלן זיך געגאָסן ;
דורכן פענצטערל, ווארעם פריש
אויפן סידור, אויפן רבינס טיש.

"זאָלסט מיט חשק לערנען תורה,
לערנען חכמה, מיין טייער קינד !
געדענקען זאָלסטו: ווער ס'טוט ניט
לערנען, בלייבט אויף אייביק בלינד"

דער קאנטשיק אויף דעם בענקעלע,
די טייטל אויף דעם טיש,
"נו, לעבעדיקער, יינגעלע !
מיט חשק שנעל און פריש !"

דער רבי הוסט, אין שטוב איז ענג,
ער זיצט פארטראכט אין קלערן,
איך אָבער הער נישט, און נישט זע,
איך לערן, לערן, לערן...

אזוי האָב איך די יונגע יאָרן
אָפגעלעבט אין אלטן חדר,
ביז איך בין עלטער געוואָרן —
אויף דער וועלט געוואנדערט כסדר.

קומענדיק א שטעלע בעטן,
מיט אַ ציטער אין יעדן גליד,
אומעטום אוועק מיט ליידיק,
געוואוסט, אַז כ'בין א ייד !

צום אנדענקן מיין שטעטל מאטעלע

מאָטעלע מיין שטעטעלע,
מיין קינדס־יוגנט בעטעלע,
איך קאָן קיין מאָל ניט פאַרגעסן,
די היים, וואו כ'בין אַמאָל געזעסן.

כאָטש איך בין שוין פיל יאָרן,
פון דער ליבער היים אוועק,
דערמאָנט מיר מיין זכרון,
יענע אָנגענעמע טעג.

איך זע נאָך די "ניישטאָט",
וואו איך בין געבוירן,
וואו כ'האָב מיינע ליבסטע
גרויזאם דאָרט פארלוירן...

בייטאָג ביי מיין אַרבעט,
סיי ביינאַכט אין מיין שלאָף,
זע איך דעם חורבן,
און אונזער שטעטלס סוף.

ליג איך אויף מיין געלעגער,
און קען נישט איינשלאָפן,
כ'באַטראַכט נאָר, וואָס האָט
מיט דער וועלט געטראָפן.

וואָס האָט אַזוי רואיק
געוואַרט און געשוויגן,
און געלאָזט אומברענגען
זעקס מיליאָן יידן.

איז מיין שטעטעלע יידן־ריין...
דער רשע האָט זיי פארצערט
די גאולה צו דערלעבן
זיי נישט געווען באַשערט.

זענען בלויז טרויעריקע
זכרונות מיר פארבליבן;
האָב איך, טייער שטעטל מיינס
מיט טרערן דיך "פארשריבן"...

פארמאטערט פון וואקאציע

זי איז ערשט געקומען פון וואקאציע,
און דארף ווידער פאָרן וואו ;
ערשט געהאט האָט זי א קוראציע
און זי דארף שוין ווידער האָבן רו.

זי האָט נישט דערעסן, נישט דערשלאָפן,
נאָר געשפילט אין ליבע, אין ראָמאנס...
טאָג און נאכט אַרומגעלאָפן,
געלעבט, געשוועבט, ווי אין אַ טראַנס....

און אָט זי פּאַקט זיך ווידער פאָרן,
זי וועט שוין איצטער רוען, ליגן,
צופיל פונטן דאָרט פארלאָרן,
צוליב דעם ביסל פאַרגעניגן...

און זי קומט אַהיים אַ מידע,
אויסגעמאטערט און צעבראָכן !
עס ברעכן איר די גלידער ווידער,
כאָטש פארבראכט דאָרט אַ פּאָר וואָכן.

נאָר זײַט זיך איצט שוין אַנדערש פירן !
דעם יצר הרע צו באזיגן !
נישט לאָזן זיך שוין מער פארפירן,
פון שיינעם, פאלשן ליגן.

נישט מער צו זיצן שפעט מיט מענער,
ביים רעדן, הערן די פאלשע טענער ;
בכדי מיט דעם א פרוי צו פאַנגען,
דאָס אלעס וואָס זיי פארלאנגען !

און ווידער פאָרט זי אין האָטעלן,
כאָטש א שטים אין איר עס רעדט :
"פאָר נישט, טאָכטער, וועסט איינשטעלן,
און ס'וועט דאן שוין זיין צו שפעט !"

אמעריקאנער ווייבעלעך

איך פרעג אייך, ווייבעלעך,
וואָס איז דער מער?
וואָס איר שרייט,
אז איר אַרבעט אַזוי שווער?

אַז קיין האַלץ האַקט איר נישט,
און קיין ברויט באַקט איר נישט,
און קיין קוילן טראָגט איר נישט,
און קיין לאָקשן בראָקט איר נישט.

פרעג איך אייך טאָקע:
וואָס איז דער מער?
וואָס איר שרייט,
איר אַרבעט נעבעך שווער?

אַז אין קינפּעט ליגט איר נישט,
און קיין טשיקנס פּליקט איר נישט,
און קיין קינדער זויגט איר נישט,
און קיין פלייש ווייקט איר נישט.

פרעג איך אייך:
וואָס איז דער מער?
וואָס איר שרייט,
איר אַרבעט אַזוי שווער?

אַז אין שול גייט איר נישט,
און קיין "שמונה־עשרה" שטייט איר נישט,
און קיין גאָרטן זייט איר נישט,
און קיין פאַרטוך נייט איר נישט.

און קיין בהמה מעלקט איר נישט,
און קיין טשאָלנט שטעלט איר נישט,
פרעג איך אייך: וואָס איז דער מער?
וואָס איר שרייט, איר אַרבעט אזוי שווער?

יאָ, טראכט־זשע זיך איבער אַליין!
איר, ווייבעלעך, פון גרויס און קליין,
אייערע ווייען און געשרייען,
זענען אומטרעגלעך, פע! נישט שיין!

פרייטיק צו נאכט אין דער אלטער היים

אַ גאנצע וואָך פול מיט זאָרגן
וואו מען נעמט אויף שבת מאַכן
נישטאָ מער וואו צו באָרגן,
פארמשכנ'ט שוין אַלע זאַכן.

דאָך גרויס בטחון געהאַט,
צו זיין ליבן נאָמען:
"צוגעשיקט אַ פאַרדינסט —
פון הימל ווי געקומען!"

שבת קודש איינגעפירט,
מיט ערע און גרויס פרייד;
איין טאָג פון דער וואָך
גאָרנישט געפילט קיין נויט.

אין לופט שוועבט אַ ריח
פון וויין און פון פיש,
מיט קלאָר־ווייסן טישטוך
געדעקט איז דער טיש.

עס שיינען די לייכטער,
עס פינקלען די ליכט,
מיט חן פונעם שבת
איז אַלץ צוגעריכט.

אויבן אָן צוויי חלות,
ווי פריש און ווי שיין,
עס האָט זיי די מאַמע
געפלאָכטן אליין.

פרייטיק אויף דער נאַכט
ווען דער טאַטע קומט פון שול,
מיטן ניגון פון זיין קידוש
ווערט דאָס הויז מיט פרייד פול.

געזונגען זמירות פריילעך
האָבן אַלע ביים טיש,
געלויבט דעם וואָס לעבט אייביק
פארן וויין, פלייש און פיש.

ס'נעמט דיך אַרום דאָן
א הייליקער גלויבן,
וואָס פלאטערט אין הארצן,
ווי פליגלען פון טויבן...

שבת קודש ארויסבאגלייט
ווייב און קינדער זאַטע:
"פרנסה גיב א גאנצע וואָך,
אָ! הארציקער טאַטע!"

אוי געצויגן אונזער לעבן
האָט זיך גאָר אַמאָל:
פול בטחון — גאָט וועט געבן
מיט גענאָד אָן א צאָל...

די צייטן היינט זיך געביטן,
מיר לעבן אין אַ נייעם שטאַנד;
דעם בטחון גאָר פארלוירן
אוי, אַ חרפה, אוי, אַ שאנד!...

מאטעלע מיין שטעטעלע

אוי, די היים, די אלטע היים,
מיט אירע גוטע, פרומע יידן,
כאָטש געלעבט אין אָרעמקייט,
דאָך זענען זיי געווען צופרידן.

אוי, די היים, די אלטע היים,
אירע שבתים און ימים־טובים!
די שטוב איז געווען שיין צוגערוימט,
עס איז געווען טעם גן־עדן.

אין דער היים, דער אלטער היים,
האָט מען נישט געדארפט קיין עשירות,
מיט דער מאמעס שבת ליכט,
מיט דעם טאטנס שיינע זמירות.

אין דער אלטער, ליבער היים,
חלה געבאַקט פון מיין מאמען,
אין דער פרישער שבת חלה —
האָט מען געפילט אַלע טעמים.

אין דער ליבער אלטער היים,
האָט מען אלץ מיט אַפעטיט געעסן,
אויך טאטע־מאמעס סדר־נאַכט,
וועל איך קיינמאָל נישט פארגעסן.

אויפן טיש געווען אָנגעשטעלט:
פלעשלעך, גלעזלעך, כוסות,
און מצות דריי — צוגעדעקט,
אויך מרור מיט חרוסת.

אוי! די היים, די אלטע היים,
וואו כ׳האָב פארבראכט מיינע יונגע יאָרן;
זיין דאָרטן וואָלט איך נישט וועלן מער,
און צוריק אַהין וואָלט איך נישט געפאָרן...

לכבוד מאמעס טאג — "מאטערס דעי"

זיצט זיך די מאַמע אין אירע עלטערע יאָרן,
פארטראכט אין א ווינקלביים אריינגאנג פון טיר,
זי זיצט און קלערט ווי זי האָט פאַרלאָרן,
איר יוגנט, איר לעבן, וואָס איז איצט מיט איר?

חנוכה צוגרייטנדיק די סעודה פאר די קינדער,
און אייניקלעך אלע אויסגעזעצט ביים טיש,
די לאַטקעס די באַ'טעמ'טע דערלאנגט אצינדער,
מיט די געשמאַק־געקאָכטע געפילטע פיש.

די מאַמע נאכהער מיט אירע אייגענע הענד,
האָט פונאנדערגעטיילט מיט פרייד דאָס חנוכה געלט,
צו איר גרויס פארגעניגן איז נישט געווען קיין ענד,
געפילט האָט זי זיך — די גליקלעכסטע אויף דער וועלט.

פורים צו דער סעודה, געווען אלע אינאיינעם,
די שמחה, ווי גרויס איז ביי דער מאַמע געווען;
געדענקט האָט זי דאָס פאסירט נישט ביי קיינעם,
אזוינס זאָל פאסירן — דאָס קאָן ערגעץ ניט געשען.

פסח דער סדר־טיש — געווען פראכטיק געדעקט,
דורך דער מאמעס הענד מיט א פריילעכן געזיכט;
אין יעדן ווינקל האָבן גוטע ריחות געשמעקט,
ביים דערלאנגען צו די קינדער יעדן געריכט.

זאָגנדיק די הגדה, זינגענדיק כסדר,
גלייך ווי קינדערלעך, לערענדיק אין חדר;
האָט די גאנצע פאמיליע זיך צוזאמען געקלעפט,
און די מאמע האָט פון אלעס נחת געשעפט.

געהאט פארגעניגן, געדאנקט און געלויבט גאָט,
פאר זיין גרויס חסד און גוטן גענאָד...
ס'איז דאָך שוין אלעס פאַריבער, ס'איז שוין נאָכן שפיל,
ס'אז שון דערגרייכט געוואָרן דער געוואונשענער ציל...

יאָר איין, יאָר אויס איין טאָג איר כבוד געגעבן,
מיט פרעזענטן און הערצלעכע ברכות באַגריסן:
"מיר אלע זאָלן איבעראַיאָר דערלעבן,
מיט שמחות און פרייד זאָל זיך דער יאָר שליסן".

זיבן ברידער

ווי די טעג אין וואָך,
מיר זענען ברידער זיבן ;
נחום איז געשטאָרבן,
זענען זעקס געבליבן.

זעקס זענען מיר געווען,
אין ספר החיים פארשריבן ;
ברודער דוד איז געשטאָרבן,
פינף זענען מיר געבליבן,
ווי אין האַנד די פינגער,
גאנץ פיינע זינגער.

פינף ברידער זענען מיר,
מאיר־משה איז געשטאָרבן ;
זענען מיר געבליבן אין חדר,
ווי די ארבע כוסות ביים סדר.

פיר זענען מיר געטריי
אבא־לייב איז געשטאָרבן ;
זענען געבליבן דריי.

דריי זענען מיר געווען,
פון די ברידער זיבן ;
אברהם־יעקב איז געשטאָרבן,
זענען מיר נאָר צוויי געבליבן.

יוסף, יצחק זענען מיר
ברידער געבליבן אַ פּאָר,
פון אַלע ברידער זיבן !
אונז צו לאנגע יאָר !

מיין ווייבל האט א "ראק"

מיין ווייבל האָט א ראק,
נישטאָ צו איר קיין רופא,
רק זי שעלט, רק זי שעלט,
אזוי ווי א מכשפה.

אָן אויפהער פארלאנגט זי נאָר,
רק געלט איר צו געבן,
טאָג איין, טאָג אויס, א גאנץ יאָר
פארביטערט מיר דאָס לעבן.

קומענדיק אַהיים צו גיין,
פון שווערע ארבעט דערשלאָגן,
הער איך רק איר געוויין,
הער איך רק איר קלאָגן.

עפעס פעלט איר, דאָס פעלט איר,
טו איך רק הערן,
זאכן פיל, אָן א שיעור,
וואָס זו טוט אויסקלערן.

ווינטער אָוונט, יעדן טאָג,
וויל זי ברידזש שפּילן ;
רק זי וויל אלע קלאָג
נאָר מיין ביטער הארץ נישט פילן.

יעדן זומער וויל זי אויך
אין דער קאונטרי פאָרן ;
רק זי וויל, שרייט הויך !
פארקירצט מיר מיינע יאָרן.

פון פרי ביז שפּעט אין נאָכט
רק זי טוט אויף צו להכעיס ;
זי הייבט מיט מכות אָן,
און ענדיקט מיט קדחת.

וואָס זאָל איך טון מיט איר ?
גרויסער גאָט אין הימל ?
מיין לעבן איז צעפוילט,
און ראַסטעט אין אַ שימל.

אויב דו ווילסט, גאָט ליבער !
איך זאָל פון אַ לעבן וויסן,
שיק איר דעם ריכטיקן "ראק"
איר גרויסן מויל צו שליסן...

היינט אנדערש ווי אמאל

אַמאָל זענען ווייבער
באלעבאָסטעס געווען,
ווי א גן־עדן האָט
די היים אויסגעזען.

געקאָכט, געשייערט,
געשטריקט און גענייט,
א גאַרטן געמאכט,
גרינסן געזייט.

געקנאָטן טייג,
געבאקן חלה,
לכבוד שבת,
דער הייליגער כלה.

פרייטיק פארנאכט
ליכט אָנגעצונדן,
די וואָך־אַרבעט —
געוואָרן פאַרשוואונדן.

אַלץ איז היינט אנדערש,
ס'איז אַלץ פארקערט,
דעם אייגענעם מאן —
ווי דעם קאָטער מ'הערט.

בייטאָג שפילט מען קאָרטן,
ביינאַכט אַ מאזשאָנג גיים,
זיי פארגעסן —
אז זיי האָבן א היים.

מ'קאָכט נישט קיין סאפער,
מ'קויפט גרייט און מ'קייט,
עס איז אזא מאָדע,
עס איז אזא צייט.

אַלץ איז היינט אַנדערש,
ס'איז אַלץ קאפויער,
די אַמאַליקע אשת־חיל
נישטאָ שוין מער.

היינט טראָגט זי די הויזן
און רייט אויפן פערד,
דער מאן איז ביי איר
ווי פארשווארצטע ערד...

דעם טאטנס טאג — ״פאטערס דעי״

ס׳איז היינט דעם טאַטן
לוסטיג און פריילעך!
ער איז היינט א צווייטער
שלמה המלך.

דער היינטיקער טאָג
איז זיינער אינגאַנצן,
מעג ער היינט זינגען,
מעג ער היינט טאַנצן.

מ׳ליבט אים, מ׳ליבט אים:
ער איז היינט דער בעסטער,
דער פיינסטער, דער קלוגסטער,
און אפילו דער גרעסטער.

מ׳גיט אים מתנות,
מ׳טיילט אים היינט שבחים:
ער איז היינט א פרינץ,
ער איז היינט אַ חכם.

אַלץ גיט מען דעם מלך,
אַלץ גיט מען דעם טאַטן:
הויזן און רעקלעך,
העמדער, קראַוואַטן.

אויך ציגאַרן און משקה,
שירעמס, קאַלאַשן,
דער טאַטע איז היינט הויך,
ווי עוג מלך הבשן.

ער איז היינט דער הויפט,
ער איז היינט דער עיקר,
מ׳צערייסט דעם טאַטן
פשוט אויף שטיקער.

מיט ליבּ־געזאַנגען, מיט שבחים,
ער איז פול היינט און זאַט,
נאָר מאָרגן ווערט ער ווידער
אַ פּראָסטער סאָלדאַט...

די ווייב וויל נישט עסן

(לכבוד מוטערס טאָג)

מיין ליבער מאַן!
כ'האָב אַ בקשה,
הער מיר נאָר אויס,
ס'איז נישקשה.

היינט פארלאנג איך
פון דיר אַ נייס,
לאָמיר אַרויס
כאַפּן א בייס.

איז דאָך, דאכט זיך,
גאָר שוין גוט!
נאָר הערט און שטוינט
וואָס דאָס ווייבל טוט

איך לעב מיט דיר
שוין יאָרן פיל,
רוהיג, געטריי,
באשיידן, שטיל.

לכבוד מאַטערס דעי
זיך זען מיט לייטן,
גאַנץ פארשטענדלעך,
אַ וואָרט פארבייטן.

זי האָט טאַקע גענומען
אַ גלעזל טיי.
נאָר נאָך די טיי —
אוי ווי! אוי ווי!

וואָס דיין באגער?
פיל איך שנעל אויס,
קיין זאַך פאר מיר
נישט שווער און גרויס.

זי האָט געזאָגט:
איך וויל נישט עסן!
כ'האָב נאָר וואָס
איצט אָפּגעגעסן!

זי האָט באַשטעלט
געפילטע פיש,
קישקע, צימעס,
און אַ קניזש.

אין הויז איז ריין,
זויבער, ליכטיג,
אויפגערוימט שיין,
פיין און ציכטיג.

און דווקא, דווקא,
גאָר אַ סך,
אַ דאנק, כ'וויל נישט
קיין שום זאַך!

אויך פאַרשמעקט
האָט זיך איר
אַ גלעזל וויין,
א פלאַש ביר.

דאָס עסן איז גוט,
פאר דיר געמאַכט;
נאָך דיין פארלאנג,
סיי טאָג, סיי נאכט.

אפשר... טיי בלויז,
און נישט מער...
"אויך דאָס איז איצט
פאר מיר צו שווער".

און "דזשעלי ראָל",
און עפּל־סאָס,
אָן א סוף
און אָן אַ מאָס!

און ווען דערזען
כ'האָב דעם "טשעק",
געמיינט — איך חלש!
באלד אַוועק...

ס'האָט מיר געטרייסלט
פיס און הענט,
כ'האָב געהאט ביי זיך
נאָר פופציק סענט!...

ער בענקט נאָך דער אלטער באַד

מיין שכן בענקט נאָכן מרחץ,
נאָך דער יידישער באָד פון אַמאָל,
נאָך די בעזימלעך וואָס האָבן געשמיסן,
און האלטן שוין איצט אַזוי שמאָל.

ווי קען מען פאַרגלייכן אַ וואַנע!
ווי קען מען פארגלייכן א שפריץ!
צו דער אויבערשטער באנק מיט "א שעפעלע"
ווי געווען אין אַמאָליקער שוויץ!

א יידישע באָד־אינסטיטוציע —
אָט דאָס איז דער מרחץ געווען,
וואו מ׳האָט זיך גע׳טובל׳ט, געוואשן,
מיט פאַריקן, קאָכיקן ברען.

די באָד האָט גערייניקט דעם קערפּער,
גערייניקט דעם גייסט, די נשמה,
ערב־שבת, ווי אויך ערב יום־טוב,
אָפּגעוואשן דעם שטויב און די טומאה.

אַ שאָד, וואָס די באָד גייט איצט אונטער!
אַ שאָד, וואָס די באָד האלט שוין שמאָל!
כ׳וועל נאָכן מרחץ שטארק בענקען,
און געדענקען די באָד פון אַמאָל.

איך וועל אויך געדענקען דעם בעדער,
וואָס האָט ממש אַ ניי לעבן געגעבן;
דער בעדער — דאָס בין איך דאָך געווען,
פון שמייסן — געמאַכט מיר אַ לעבן.

יעדן בעל־הבית באדינט,
מיט גרויס רעספּעקט און פיל ערע,
אַ ניי "בעזעמל" דערלאנגט געשווינד,
פארן באלוין פון קאָפּיקעס שווערע...

אזוי רעדט מיין שכן פון מרחץ,
וואָס האָט ביי אים וווירדע און גענאָד;
נאָר זיין ווייב איז דווקא דאַגעגן:
"א דאגה דיר, חיים — האָסט עס אין באָדן!"

געפייערט א בר־מצוה

געוועז אויף אַ בר־מצוה,
בײַ משה׳לען אין אטלאנטיק סיטי,
די עלטערן פֿאַרטיזאנער העלדן,
פון ווייס רוסלאנד און ליטע.

האָט דאָס בחורל שיין געדאווענט,
שחרית, מוסף ביים עמוד,
פון דער תורה געלייענט פליסיק,
געהאט פון אים פיל נחת און כבוד.

אויך אַ דרשה ר׳האָט געהאלטן
אין א זאַפטיקן יידיש,
רעדן אַזוי עלטערן, משפחה,
איז עס נישט קיין חידוש.

די טאַטע־מאַמע זיך ארויסגעצייגט,
אלץ געגרייט מיט דער פולער האנד,
צדקה אויך געטיילט,
באזונדערס פארן יידישן לאנד.

האָבן יידן כוסות געהויבן,
פאר ישראל׳ס וואוילזיין, נצחון,
דערבײַ צוגעגעבן :
״פארן שלום שטערן,
״זאָל נאַסער דער אראבער,
מיטן רוס זיין חבר,
אין איין טאָג אַ כפרה ווערן״.

הלואי, וואָס מער אזעלכע שמחות,
זיך מערן אַזעלכע בנים,
כבוד און ליבע פאר ישראל,
אויף צו להכעיס אונזערע שונאים !

בטחון אין גאָט

מיין טאַטן כ'געדענק,
פאַר אַ תלמיד־חכם אַ ייד,
מיט אַ ספר איז ער געווען,
אַ וואוילער קרוב, אַ ידיד.

די פרנסה פאַרזאָרגערין
פון דער גאַנער וואָך,
איז געווען מיין מאַמע —
געטראָגן דעם גאַנצן יאָך.

אין קרעמל געשטאַנען
פון פרי' ביז שפּעט אין נאַכט ;
דאָרט געשוויצט, געפראָרן —
אביסל קליינגעלט געבראכט.

פלעגט זי מיט גרויס אָפּשיי
צום טאַטן צוגיין
און פלעגט אים פרעגן :
פון תכלית — וואָס איז זיין מיין?

די קינדער ווערן עלטער,
מ'דאַרף אַ קלייד, א קאַפּאָטע,
אין שטוב הערשט דער דלות,
ס'איז נישטאָ קיין פרוטה !

״דער עיקר איז ״בטחון״,
פלעגט ער טרייסטן דער מאַמען,
״די ישועה וועט קומען,
פון זיין ליבן נאָמען״.

״גאָט איז אַ בעל רחמים,
ער שפּייזט יעדן איינעם,
ער וועט אונז נישט פאַרלאָזן,
ער פאַרלאָזט נישט קיינעם״.

״אונזער לעבן וועט דורכגיין
מיט גאָטס וואונדער,
ער וועט אונז באגליקן
מיט נחת פון די קינדער״.

מיין טייערער אוצר

כ׳האָב יאָרן פאַרמאָגט אַן אוצר,
אין מיינע באשיידענע חדרים,
עס הייליק געהאלטן און טייער,
ווי אלע הייליקע ספרים.

באלויכטן מיין יעדן חדר
האָט עס מיט פראַכט און שיין,
אזוי זיך געצויגן כסדר,
פיל יאָרן מיט מיר צו זיין.

דער אוצר איז, זכרונה לברכה,
מיין ווייב די ליבע געווען.
איר אַרבעט געווען מיט הצלחה,
אַלץ איז פינקטלעך געשען.

זי האָט מיך באַגלייט מיין לעבן,
מיט פיל כבוד, גוטסקייט און חן,
דערציען קינדער — איר שטרעבן,
צו מאַכן זיי לייטיש און שיין.

די גוטסקייט צו יעדן איינעם,
געווען קענטיק אויף איר געזיכט ;
געהיטן זיך נישט באליידיקן קיינעם,
שטענדיק איז געווען איר פליכט.

דעם גאנצן לעבן באלויכטן מיין וועג
וואו איך פלעג זיך קערן און ווענדן;
יעצט איז זי פון מיר אוועק,
און געענדערט מיינע אומשטענדן.

ס׳איז פלוצלונג געקומען אַ שטורם,
און דער אוצר איז פארשוואונדן,
פאַרפינצטערט מיינע חדרים,
אין הארצן געלאָזן וואונדן.

געבליבן בין איך עלנד אליין,
גלייך ווי אין מיטן וועג שטיין,
נישט האָבנדיק צו רעדן צו וועמען,
ווען מיין הארץ טוט מיר קלעמען...

נישטאָ צו וועמען צו רעדן,
פארגרינגערן מיינע ליידן,
אלץ איז טונקל און שווארץ,
פארביטערט איז מיין הארץ.

גיי איך ארום אַ פארזאָרגטער,
אויף אַלע מיינע וועגן,
זוך מיין פארשוואונדענעם אוצר
אָבער ער קומט נישט אַנטקעגן...

אַ הזכרה נאָך מיין אָפגעלעבטער פרוי ע״ה
שנפטרה יום ו׳ עש״ק, כ״א ימים לחודש
אדר א׳, שנת תש״ל. תנצב״ה.

די געטרייע מאמע ע״ה

געהאט האָט איר, קינדער, אַ מאַמע אַ געטרייע,
א מתנה פון גאָט אויף לאנגע יאָר,
געווען איידל, קלוג, ליב, מיט א האנד א פרייע,
גוט צו יעדן, נישט געמינערט אויף אַ האָר.

ס׳דערמאָנט זיך אירע יאָרןביים דערציען די קינדער,
מיט מי און מיט ליבע, מיט צער און מיט פרייד ;
געצערטלט, געליבט יעדן איינעם באזונדער,
נישט קענענדיק זיי נאָכגעבן — געפילט פיל לייד.

געציילט די סקול־טעג פון די קינדערשע יאָרן,
ביז דאָס לערנען פארענדיקט און מענטשן געוואָרן ;
די צייט אין סקול זיין — געשעצט און געאַכט,
געלערנט זיך פלייסיק סיי טאָג, סיי נאכט.

דערצויגן אלע קידער, זיי צו לייטן געבראכט,
געפונען זייערע זיווגים און חתונה געמאכט ;
זיי לעבן אלע אַנשטענדיק, האָבן ביי יעדן חן,
דערציען זייערע קינדער איידל און שיין.

די ענדע איז געקומען צו אירע באשערטע יאָרן,
זי איז פון אונז צוגענומען געוואָרן ;
צו רוען אין דער אייביקייט פון יענער וועלט,
וועלכע אונז איז אומבאוואוסט — גאָר פארשטעלט.

פאר יעדן איינעם פון אונז וועט זי זיך באַמיען,
אונזערע לעבנס זאָלן זיך מיט פרייד ציען ;
פאר אלעמענס אייניקלעך, אין הימל פארטרעטן,
און א גוטן מזל פאר זיי אויסבעטן.

לאָמיר האָפן אז צום נייעם יאָר,
וועלן מיר געניסן פון שמחות נאָר ;
דער אלמעכטיקער גאָט זאָל אונז געבן
געזונט און פיל נחת צו דערלעבן.

ערב שבת ביי מיין מאמען

איך קען זי נישט פֿאַרגעסן,
איך קאָן קיין רו געפינען,
סיי אין שלאָף, סייביים עסן,
האָב איך מיין מאַמען אין זינען.

וואָס זי האָט פאר מיר געטאָן,
האָב איך צום באַווייזן,
ווען איך גיב זיך א דערמאָן,
נאָך לאנגער צייט פון אומקרייזן.

פון יוגנט־היים אָפּגעריסן געוואָרן,
כ׳האָב זיך אַליין געמוזט ערנערן,
מיין מאַמעס טריישאַפט פארלאָרן,
און אַזוי מיין לעבן באַשווערן.

כ׳געדענק יענע טעג, יענע וואָכן,
מיין מאַמע נאָר איינס געטראַכט:
חלה, קיכל, פיש קאָכן,
מיטן גאנצן געשמאַק געמאַכט.

ערב שבת אַלץ געוואַשן,
ס׳האָט געשמעקט, אזוי ריין;
צו ביסלאך פלעג איך שטיל נאַשן...
געניסן, וואָס אלץ איז מלא חן.

פארנאַכט ליכט צינדן,
מיט פיל געפיל געמאַכט אַ ברכה,
דער קאָפּ מיטן טיכל פארבונדן
און געגלויבט אין דער הבטחה...

סיי אין עסן, סיי אין בענטשן,
איז געווען ביי איר אין געדאנק:
פון מיר מאַכן אַ מענטשן
אויף יאָרן, לאנג און לאנג.

היינט וואָלט איך מאַמען באַצאָלט,
פאר איר טריישאפט צו מיין לעבן,
דאָס בעסטע, וואָס זי נאָר געוואָלט,
פון טיפסטן הארצן איר געגעבן.

די צייט איז שוין פאַריבער,
שוין לאנג זי איז פון אונז אַוועק,
אויפן האַרץ אַן אומעט אַ טריבער,
וואָס צו אלץ קומט אַן עק...

זכרונות פון אונזער מאמעס „סדר״

די הכנות צום פסח דעם שיינעם,
דעם יום־טוב דעם ריינעם:
הויז געפוצט, געקאלכט די ווענט,
אַלע געהאָלפן, וויפל נאָר געקענט.

די מאַמע האָט געכשר׳ט, געשייערט
מיט אַ מין ציטער, הייליקן פייער;
מיט גרויס גייסט פאר דער הכנה,
געטאָן אַלץ מיט גרויס כוונה.

ווייס געווען דער טיש געדעקט,
שיינע כוסות אויסגעשטעלט,
אומעטום גוטע ריחות געשמעקט,
גאָר קיין זאַך נישט פארפעלט.

מעד און וויין פאר ארבע כוסות
פון קאַלטן חדר ארויפגעבראַכט,
מצות, מרור, כרפס, חרוסת,
אַלץ מיט אייגענע הענד געמאַכט.

קינדער אין די נייע קליידער,
ארום טיש — ווי בינען „זשומען״,
באַטראַכטן דעם טיש צום סדר,
וואַרטן טאַטע זאָל פון שול קומען.

די מאַמע אויך אויסגעצוואָגן,
אָנגעטאָן אַ ניי קלייד;
טויזנט חן טוט זי פאַרמאָגן,
די מאכלים דערלאנגען זי איז גרייט,

דער טאַטע, ווי א ווירדיגער מלך
די קינדער הגדות פאַרטיילט;
אין שטוב איז ליכטיג, פריילעך,
באַדייטונג פון פסח זיי דערציילט.

מיט דרך־ארץ טאַטן אויסגעהערט,
יעדער איינער בּרייט געזעסן,
קיינער קיינעם נישט געשטערט,
גוטע מאַמע טיילט אויס דאָס עסן.

נאָכן עסן די הגדה געזאָגט כסדר,
געזונגען, ווי קינדער אין חדר;
משפחה האָט צוזאַמען געקלעפּט,
און די מאַמע האָט נחת געשעפּט.

אין זאָגן און זינגען פאַרבראַכט
ביז נאָך האַלב־נאַכט געזעסן;
אזוי האָט אויסגעזען די סדר־נאַכט
וואָס כ׳וועל קיינמאָל ניט פארגעסן.

מיין שטעטל אמאל

קומט מיר אָפט אין זכרון
די היים פון מיין וויגל,
אַן איינפאַך שטיבל,
די טיר אויף אַ ריגל.

שבת און יום־טוב
געדאַרפט האָט איר זען !
ווי רוהיק און שטיל
ס'איז אין שטעטל געווען.

דאָרט בוימער צעוואַקסן,
מיט קוויטן און בלומען ;
און אויף דעם אלטן מאַרק
פיל יידישע קראָמען.

אויף שלאָס און ריגל
די קראָמען פאַרהאַקט,
און דאָס בית המדרש
מיט יידן געפּאַקט.

מיין שטעטל א פריילעכס
באַזעצט מיט יידן,
געפירט מסחרים,
געפאָרן אויף יאַריד'ן.

שבת, מענטשן פול,
ביי משניות, גמרא'ס,
געלערנט אין שול,
פאַרגעסן פון צרות.

געהאַנדלט, געוואַנדלט,
פרנסה געהאַט,
און אָפט זיך פאַרטיפט
אין גמרא אַ בלאַט.

היינט מיין שטעטל פוסט,
קיין זכר פון מאָל,
יידישע היימען באַזעצט,
מיט גויים אָן א צאָל.

זענען בלויז טרויעריקע
זכרונות מיר פאַרבליבן ;
האָב איך, שטעטל מיינס,
לזכר דיך פאַרשריבן...

צום טאָג פון דער מאַמעס יאָרצייט

די ליפּן זיי שעפּטשען נאָך איצטער אַ תּפילה:
"שלאָף רוהיק, נשמה, דו ריינע און שטילע...
שלאָף רוהיק, און ס'זאָל דיר נישט שווער זיין די ערד
און ס'זאָל דיר דיין רו נישט ווערן געשטערט".

דאָס לעבן, דאָס שטאַרבן, דאָס זיין, דאָס נישט ווערן —
אַ חלום אַ פּוסטער — אַ שאָד גאָר די טרערן;
צו נעכטן, צו מאָרגן, צו פריער, צו שפּעטער,
פאַרוויאַנען עס מוזן דאָך אַלע בלעטער.

אַוועקגיין מוז יעדער — וואָס איז נאָר געקומען,
אַ בוים, צי גראָז, סיי דערנער און בלומען,
פאַרבלייכט מוזן ווערן די פּרעכטיקסטע פאַרבן,
ווער ס'איז געבוירן נאָר, דער מוז דאָך ווען שטאַרבן.

און נאָר אַמאָל ווענד איך די אויגן אַרום:
מצבות שטייען פאַרזונקען און שטום,
עס בלאַנדזשען אַרום נאָר די אותיות אַליין,
וואָס שיינען אַרויס פון קאַלטן, גרויען שטיין.

פאַרבראַכט האָסטו דיינע באַשערטע יאָרן,
מיט שכל, חכמה און מיט גוטסקייט איבעראַל;
יעדער איינער פון דיר איז באַהאַנדלט געוואָרן,
ליבלעך, גוטהערציק, מיט צופרידנקייט בכלל.

די גוטע מעשים אין דיין וועלטלעכן לעבן,
וואָס דו האָסט געשאַפן און אַוועקגעגעבן,
פאַר קינדער, פריינד און מענטשהייט אויף דער וועלט
מיט צופרידקייט געשאָנקען, און באַצאָלט מיט געלט.

מיר, אַלע קינדער, וועלן דיר אייביק געדענקען!
דיינע ליבלעכע בליקן, וואָס פלעגסט אונז שענקען,
מיט ווערטער געטרייע פון האַרצן דערצו:
"אונז ווינטשן אַ גליקלכן לעבן און רו".

און שפּרינגען און שווינדלען געדענקען פון דאָס ניי
דיינע טעג און יאָרן וואָס זענען פאַרביי;
אין זכרון נאָר איין טרייסט האַלט זיך נאָך איין:
וואָס דיינע יאָרן האָבן דערגרייכט צו אַכציק-ניין.

חלק ד
ימים-טובים לידער

יידישע ימים טובים

פסח, פסח, א פיינע צייט,
גאָט האָט אונז פון מצרים באפרייט:
איבערן ים אונז געלאָזט פירן,
און די מצריים געמאכט פארלירן.
יאָ ס'איז גוט, יאָ ס'איז פיין
צוליב דעם אַ ייד צו זיין.

שבועות, שבועות, איז גאָר א לעבן,
גאָט האָט אונדז די תורה געגעבן;
באַקן, באַקן מיר פוטער קוכן,
און יעדער ייד מוז פארזוכן.
יאָ ס'איז גוט, יאָ ס'איז פיין...

ראש השנה, בלאָזט מען תקיעות,
און יעדער ייד קויפט עליות;
צו תשליך גייען מיר אַלע גלייך,
אונזערע עבירות ווארפן מיר אין טייך.
יאָ ס'איז גוט, יאָ ס'איז פיין...

יום כפור, אַ טאָג פון תפילה,
פאר יידן אין יעדער קהילה;
צו גאָט פאסטן מיר און בעטן נאָר,
צו שענקען אונז אַ גוט יאָר.
יאָ ס'איז גוט, יאָ ס'איז פיין...

סוכות טוען מיר אתרוג בענטשן
מיר יידן, גאָט'ס געאכטע מענטשן;
מיר פארמאָגן די בעסטע סחורה,
און פרייען זיך מיט שמחת תורה.
יאָ ס'איז גוט, יאָ ס'איז פיין...

פורים אויך א יום־טוב אַ שיינער,
מיר קלאַפּן אויס המן'ס ביינער;
עסן, עסן מיר המן־טאשן,
און נאָך זאַכן טוען מיר נאַשן...
יאָ ס'איז גוט, יאָ ס'איז פיין...

דער אייביקער פלאם

איך באזינג דעם זיגרייכן חנוכה,
וואָס איז מיר ליב און טייער,
טיף אין הארצן, אין דער נשמה,
ברענט דאָס חנוכה פייער.

דורך אלע פארגאנגענע דורות,
צווישן די פינצטערע גזירות,
לייכט דאָס אייביקע ליכט,
באשיינט דעם יידישן געזיכט.

אין מיטן ווינטער אין ווייסן שניי,
די שיין פון די קליינע ליכטעלעך,
דערמאָנט זכרונות אָן א צאָל,
פון אונזער אַלטן פאָלק ישראל.

וועקט צום קאמף זיין גרייט,
און העלפן אין געפאר און נויט;
געשען איז עס אויך היינטיקן דור,
צוריק מיט העכער צוואנציק יאָר.

פון די פונקן ווערט אַ פלאם,
וואָס לייכט אין פינצטערע נעכט;
ווען שונאים אונז טוען פיל שלעכט,
ווארעמען אונזער האָפנונג 8 נעכט.

זענען אויפגעשטאנען מכבייער,
ווייניק אין צאָל, ווי אַ מאָל,
אויסגעלייזט דאָס פאָלק פון שאַנד,
און דערוואָרבן אונזער לאנד.

אין צייט פון גרויס געפאר,
צעשטערט ער דעם בייזן גזר;
פארקוקט פון צייט צו צייט,
אין נשמה פון פאָלק, וואָס ליידט.

א גרויסער נס איז געשען,
מיט אונזערע אויגן געזען,
ווי פיל יידן פון גאנצער וועלט,
קומען זיך באַזעצן אין זיין געצעלט.

יעדעס קינד באצויבערט ווערט,
ווען געשיכטע פון נס חנוכה הערט.
ווי די ליכטלאך ברענען מיט פלאם
פון נצח ישראל׳ס אייביקן שטאַם.

חנוכה

יעדעס יאָר איז חנוכה,
א יום־טוב פון באנייאונג;
דערמאָנט מען העלדן יידישע,
קעמפער פאר באפרייאונג.

איז דער נס פון חנוכה,
וואונדערלעך און הייליק;
פון יענער צייט א זכר איז,
געבליבן אונז אויף אייביק.

יעדן אָוונט־חנוכה,
צינדט מען די ליכטעלעך,
באלייכטן זיי דעם לאנגן וועג,
פון יידישע געשיכטעלעך:

פון בריה׳שאפט און מוטיקייט,
פון העלדנשאַפט און בלוטיקייט.

וואונדער פון אַמאָל,
וואָס געשען אָן אַ צאָל,
וואונדער, וואָס האָבן באַשיינט,
די נסים, וואָס געשען היינט.

פונעם ייד דעם וואנדערער,
געשלאָגן און געטריבן.
דער נס, מיט נסים אנדערע,
זענען אין אונזער לעבן פארבליבן.

געוואָרפן מוטיק זיך אין קריג,
איבער שונאים אָפגעהאלטן א זיג;
מיט גאָטס הילף און גרויסן גליק,
באקומען אונזער לאנד צוריק.

האָבן יידן אן אייגן לאנד,
און פילן זיך דערהויבן;
על הנסים זאָגן מיר היינט,
מיר דאנקען גאָט און לויבן.

שיינער יום־טוב, חנוכה!
ליב איז אונז און טייער!
מיט גרויס כבוד געדענקען מיר,
די העלדן, די באפרייער!

חנוכה ליכטלאך

ברענען זיך חנוכה ליכטלאך אַכט,
פינקלען און שפרינקלען מיט ליכט אין דער נאַכט;
ליכטלאך, ליכטלאך, ווארפט שוין א שיין,
פון האַפענונג און גלויבן צו אונז אויך אַריין!

ברענען זיך חנוכה ליכטלאַך שטיל,
הוידען זיך, סוד'ן זיך, ווי אין אַ שפיל;
ליכטלאך, ליכטלאך! זאָגט מיר דעם סוד,
וואָס דרעמלט און פלעמלט אין ליכט קאראהאָד.

ברענען זיך חנוכה ליכטלאך העל,
טרוימען זיך, רוימען זיך, שמעלצן זיך שנעל;
ליכטלאך, ליכטלאך, איידער ס'ווערט שפעט,
זאָגט מיר דעם סוד אויס, איך בעט אייך, איך בעט.

טוליען זיך חנוכה ליכטעלאך איין,
ווארפן שוין מער נישט קיין שטראַלנדן שיין,
נייגן זיך, בייגן זיך, זאָגן אונז אויס:
ס'גייען יונגע מכבייער פאַר אונז פאַרויס!

צו דערווערבן צוריק אונזער אלט־ניילאנד,
צו וועלכער מיר שטרעבן פון יאָרן לאנג;
מיט ירושלים אונזער הייליגער שטאָט,
דורכן כוח און הילף פון אונזער אלמעכטיגן גאָט!

חנוכה־קלאנגען

ברוך אתה... זינגט דער טאַטע
און ער צינדט די ליכט,
און די שטראלן, מילדע פאלן,
אויף זיין בלייך געזיכט.

און א פייער, הייליק, טייער,
פון די אויגן לייכט;
און דער מידער, מיט די גלידער
האָט זיך אויסגעגלייכט.

עס דאכט זיך און עס טראכט זיך,
ס'איז נאָך עפּעס דאָ;
ס'איז געבליבן, וואָס צו ליבן,
הייליק איז די שעה!

אלטע קלאַנגען, לאנג פארגאנגען,
ניין, עס קלינגט נאָך אַצינד!
זינג מיר, טאַטע, ברוך אתה,
מיט דיר זינגט אויך דיין קינד...

*

אַכט קליינע ברידער,
זינגען שטומע לידער,
מיט אַ גרויסן פלאַם,
מיט אַ בראַוון שטאַם.

פון א שטאם פון קריגער,
און פון שטאָלצע זיגער,
איבער שקלאַפעריי,
מוטיק און געטריי.

אַכט שטומע עדות,
פון די עלטער־זיידעס,
געצונדן מיט פארשטאנד,
אין ארץ ישראל לאנד.

*

חנוכה אַ יום־טוב א שיינער,
פריילאך פארברענגט יעדער איינער,
אַלע נעכט אין "דריידלאך" שפּילן,
עסן לאטקעס און גוט זיך פילן.

יהודה האָט פארטריבן דעם רוצח,
אין בית־המקדש געזונגען למנצח,
ירושלים האָט ווידער אויפגעלעבט,
צו א נייעם לעבן יידן געשטרעבט.

געשווינדער צינדט, קינדער,
די קליינע ליכטעלעך אָן.
זינגט על הנסים,
לויבט גאָט פאר די נסים,
וואָס אין יענע צייטן
ער האָט פאר אונז געטאָן.

א חנוכה מעשהלע

אַ מעשה׳לע וויל איך, מיין קינד, דיר דערציילן,
א מעשה׳לע וואונדערלעך שיין!
וואָס עלטער וועסט ווערן, וואָס מער וועסט קלערן
אַלץ בעסער וועסטו עס פארשטיין.

מיר האָבן אמאָל אַ בית המקדש געהאט,
אַ הערלעכן, הייליקן טעמפל;
און צווישן פיל כלים ״אנטיקלעך״ איז דאָרט,
געווען אַן אַנטיקל אַ לעמפל.

א וואונדער אַ לעמפל, זיין גלייכן, מיין קינד,
געפינען וועט קיינער נישט קענען,
אויף אייביקע דורות באַפוילן האָט גאָט,
דאָס לעמפל זאָל לייכטן, זאָל ברענען.

און דורות לאנג האָט דאָס לעמפל ביז היינט,
געלויכטן מיט די זעלביקע שטראַלן,
וואָס האָבן אמאָל אויף די זיידעס געשיינט,
דערנאָך אויף די אייניקלעך — פאַלן.

עס זענען פיל יאָרן, פיל דורות אַוועק,
דאָס פאָלק אין גלות פארטריבן;
דער טעמפל צעשטערט, פון די כלים קיין שפור,
דאָס לעמפל איז אָבער פארבליבן.

ס׳ברענט נאָך דאָס לעמפל, ס׳פילט דאָס פאָלק,
אַז ס׳ווערט צייטנווייז בלייכער;
דאָך ווען נישט דער שיין פון דאָס לעמפל,
וואָלט שוין לאנג פון אים נישט געבליבן קיין זכר.

דאָס לעמפל באלייכט אונזער גלות וועג,
וואו מיר טוען זיך ווענדן און קערן;
יעדן שריט אין די שווערע טעג,
אויף שניי און אייז נישט געשטרויכלט ווערן...

על הנסים

באפאלן זענען די רשעים,
שטאַרקע שונאים, גרויס אין צאָל,
אין דער צייט פון חשמונאים,
דאָס יידישע לאנד ישראל.

האָבן יידן זיי צעשלאָגן,
די שונאים זענען באזיגט געוואָרן ;
על הנסים די יידן זאָגן,
אַכט טעג חנוכה די אלע יאָרן.

נסים זענען אויך היינט געשען,
ווען שונאים זענען ישראל באַפאלן ;
אומצוברעננען גרייט געווען,
געשטורעמט מיט האַרמאַטן קנאלן.

ס'איז לית ברירה, מ'דארף זיך אַיילן !
האָט ישראל זיך מאָביליזירט,
פון די העלדן — גענעראלן
דיין און ראַבין אָנגעפירט.

גבורים יידן ריי נאָך ריי,
מיט געווער און מיט בטחון ;
באַזיגט די שונאים האָבן זיי,
וועלט באַוואונדערט דעם נצחון.

געדויערט זעקס טעג האָט דער קריג,
די שונאים צעקלאַפּט און פארטריבן ;
די נסים פון דעם גרויסן זיג,
ווערן אין געשיכטע פארשריבן.

דאנקען די יידן און לויבן,
פאר די נסים די גרויסע, די זיגן ;
ביקס אין האנד, קאָפּ דערהויבן,
אַ שלום ווילן יידן קריגן.

קריסמעס־יידן און חנוכה־יידן

קריסמעס־יידן איז היי־יאָר נישט אָנגענומען,
ווייל חנוכה איז מיט אַ וואָך פריער געקומען;
דער ייד וואָס וויל חנוכה מיט קריסמעס צונויפמישן,
שעמט זיך אויפהענגען חנוכה מיט קריסמעס־זאַכן צווישן.

אָבער ווען דער עלעקטריק חנוכה לעמפל טוט ברענען,
קען מען אַן בוימל שטעלן און זיך נישט שעמען,
זאָגנדיק: ״ס׳איז היינט חנוכה, דארף מען זיך אַמוזירן,
אויך פאר פרעמדע, דארף מען נישט פארמאכן די טירן.

קריסמעס־יידן זענען היי־יאָר חנוכה נישט פארנומען,
ווייל חנוכה איז מיט אַ וואָך פריער אויסגעקומען.
דער ייד, וואָס וויל קריסמעס אָנגענעם פארברענגען,
שעמט זיך אין חנוכה קריסמעס־זאַכן אויפהענגען.

אָבער די חנוכה־יידן דארפן קיין תירוצים נישט געבן,
זיי ווארטן אויף חנוכה, זיי ווארטן און שטרעבן.
און אין חנוכה טוען זיי פון אַלעס געניסן,
און פאר זייערע פריינד טוען זיי די טירן אויפשליסן.

און זאָגן צו זיי: קומט, ליבע יידן, לאָמיר מאכן אַ לחיים:
״היינט האָבן די מכבייער צוריק גענומען ירושלים״.
דער נס חנוכה איז, ווען די יידן האָבן יונים געשלאָגן,
און פון אונזער הייליקן טעמפל זיי געטאָן ארויסיאָגן.

יידן! לאָמיר אין דריידל שפילן און פיל לאַטקעס עסן,
אונזערע קליינע מכבייערלאַך אויך נישט פאַרגעסן!
זיי וועלן זיין די מכבייערס פון אַמאָל,
זיי וועלן דארפן זיין די שומרים פון ישראל.

לאָמיר זיי מתנות־חנוכה געבן, און שטארקן וואָס מער,
ווייל יעדער גלות־ייד האָט אין ישראל אַ שער!

חנוכה געלט

אונזערע אייניקלאך האָבן קיינמאָל פאַרפעלט,
פון צייט וואָס זיי זענען געבוירן;
צו קומען צו זיידע־באָבען נאָך חנוכה־געלט,
און אַזוי פלעגט גייען אלע יאָרן.

דערוואַרט האָבן מיר זייער קומען,
געגרייט פאַר זיי דאָס בעסט;
מיט ליבשאַפט זיי אויפגענומען,
ווי ס'פּאַסט פאַר אַזעלכע געסט.

די גוטע באָבע — נישט לאַנג געטראַכט!
און דער זיידע — פריילאַך פילט.
חנוכה לאַטקעס פאַר זיי געמאַכט,
אין דריידל מיט זיי געשפּילט.

דאָס מאָל זיי דערציילט פון גרויסן זיג,
וואָס די ישראל אַרמיי האָט געמאַכט;
אַז אין בלויז א זעקס־טאָגיקע קריג,
האָבן זיי די שונאים אומגעבראַכט.

נאָכן ענדיקן דאָס דערציילן,
ווי שטענדיק פלעג איך זיך פירן,
חנוכה געלט זיי צעטיילן...
האָבן זיי אָנגעהויבן פּראָטעסטירן:

"ניין! זיידע לעבן!
ס'קען נישט זיין, ווי אלע יאָר איז געווען,
דעם חנוכה דאַרפסטו אונז דאָפּלט געבן,
פאַר אַזא גרויסן נס, וואָס איז געשען"...

זייער גערעכטן פּראָטעסט אין אכט גענומען,
געשלאָסן אַן אָפּמאַך נאָך זייער שטרעבן.
זאָל יעדער יאָר א נס צו אונז קומען,
און דאַרפן זיי דאָפּלט חנוכה־געלט געבן...

זיי עסן די לאַטקעס און זענען צופרידן,
פאַר די נסים פון גאָט, געטאָן צו אונז יידן;
געבראַכט די מפּלה צו אונזערע שונאים,
געקראָגן פאַר דער וועלט אַ בושת פּנים.

א חנוכה קינדער־ליד

איר, טייערע שיינע חנוכה ליכטעלאך,
איר, אונז קינדערלאך, דערציילט געשיכטעלאך;
מיר, יידישע קינדערלאך, געשיכטעלאך פארשטייען,
מיט די געשיכטעלעך אונזערע הערצלעך זיך פרייען.

אונזערע מכבייער זענען געווען בראווע יונגען,
פאר זיי וועלן מיר היינט הנרות הללו זינגען:
דאָס קליינע יידישע פאָלק האָט די יוונים צעשלאָגן,
און פון אונזער הייליקן טעמפל זיי געטאָן פאַריאָגן.

אַ קליין קריגעלע בוימל האָט אַכט טעג אין טעמפל געברענט!
און נס חנוכה פאר א יום־טוב האָבן יידן אָנערקענט;
אַרום די ליכטעלאך לאָמיר זינגען און טאנצן,
די חנוכה לאטקעס וועלן מיר אויפעסן אינגאנצן,
בוימעלאך אין אונזער לאנד וועלן מיר פלאנצן.

פאר אונזערע אויגן זענען אויך נסים געשען,
די גאנצע וועלט האָט געקענט די נסים זען...
אלע פעלקער האָבן געזען די גרויסע וואונדער:
אונזער ארץ ישראל האָבן איינגענומען יונגע קינדער...

אין ים האָבן זיי געוואָלט דערטרינקען אַלע יידן באלד,
און פלוצלונג: יידן שלאָגן גאָר! און זיי שרייען גאָר געוואלד!
זיי זענען אנטלאָפן פון וואסער און אָך מער פון פייער,
און אונזערע ברידער פילן זיך היינט פרייער.

ווי צעהאקטע שלאנגען טוען זיי זיך ווארפן,
דאָך טוען זיי אויף אונז די שווערדן שאַרפן.
שטייען גרייט טאַטעס, מאמעס, טעכטער און יונגע־לייט,
בייצוקומען די ווילדע שלאנגען צו יעדער צייט.

אַרום די ליכטעלאך לאָמיר זינגען און טאנצן,
בוימעלאך אין אונזער לאנד וועלן מיר פלאנצן;
די חנוכה לאטקעס וועלן מיר אויפעסן אינגאנצן,
פארבייסן וועלן מיר מיט רויטע פאַמעראנצן.

בליל חנוכה

מהמנין האב הזקן,
אך זה עתה שב;
כל הילדים בצחוק חיבה,
קידמו את השב.

הוא במנורה יצק שמן
והדליק את הפתיל,
בין רגע כל הבית
רחש ששון וגיל.

את הזקן כל הילדים
סובבו, ושאונם הרעים:
הזקן, קראו, דמי־חנוכה
לנו תן, בברכה!

דמי־חנוכה, ילדים טובים,
תקבלו עוד היום.
גם אספר לכם דבר,
אם תקשיבו דום.

תודה, אבא, קראו כולם
ובגיל מחאו כף:
את השיחות מה נאהבה
ספר, ספר, אב!

על גבורת חשמונאים
להם הזקן שח...
משמחה, לב הילדים
מה יפעם (כך!)

על הזקן מתתיהו
זה האיש הרם,
שראשונה דגל החופש
הרים אל העם.

אחריו בניו הגבורים,
אלעזר עם הפיל,
על גבורתם רגזה יון
ויאחזה חיל.

אך מכולם המכבי
יהודה הרהיב עוז,
זה הגבור לברק חרבו
כל צבא יון חת.

זה האריאל בלב בוער,
באהבת העם כאש;
חרף נפשו — עד ישראל
החל להרים ראש.

ולחרותו מבלי הרף
נלחם כל העת,
לא הניח את החרב,
עד כי נפל מת...

דער נס פון חנוכה

מיט הונדערטער, הונדערטער יאָרן צוריק,
ווען דאָס יידישע פאָלק האָט געלעבט נאָך אין גליק,
אין זיין אייגענעם לאַנד און איז פריי נאָך געווען,
איז אַ שרעקלעכע, שרעקלעכע מעשה געשען:

אַ קעניג אַ בייזער מיט שווערד אין דער האַנד,
איז אריין מיט זיין חייל אין יידישן לאַנד,
אנטיוכס הרשע — דער גיפטיקער האר,
וואָס האָט אונז פארשאפט פיל צרות און צער.

ער האָט זיך צעלייגט ווי א שטאָט באלעבאָס,
און געגעבן באַפעלן: טוט דאָס און טוט דאָס;
"איך, קעניג אנטיוכס, באַפעל אייך אזוי,
יעדער יידישער מאַן, יעדע יידישע פרוי,

און אפילו דאָס מינדעסטע יידישע קינד,
זיי טאָרן קיין יידן נישט זיין מער אצינד;
נאָר גריכן, נאָר גריכן מוזן אַלע איצט זיין,
און רעדן די גריכישע שפראַך וואָס איז פיין.

און בוקן זיך נאָר צום גריכישן גאָט,
און הערן און פאָלגן מיין יעדן געבאָט;
און ווער מען נישט פאָלגן — דאַן שינד איך די הויט,
און כאַפּ איך א יידן — באלד גיב איך אים טויט".

אך, וואָס פאר א צרות און שרעקלעכן צער,
ער האָט אונז פארשאפט, דער גריכישער האַר!
נאַר ענדלעך, ווען יאָך איז געוואָרן צו שווער,
האָט זיך דערהערט אַ שטימע: איך קען שוין נישט מער!

"צו גרויס די יסורים, צו שווארץ איז די שאנד!
שטייט אויף אלע יידן, פאר פאָלק און פאר לאנד!"
יאָ, ס'האָט זיך געפונען א מוטיגער העלד,
מתתיהו הכהן, ר'האָט זיך קעגנגעשטעלט.

נישט געלאָזט צו פארשקלאפן זיין פאָלק און זיין לאנד,
און געשלאָגן דעם שונא מיטן שווערד אין דער האנד.
עס איז אים, דעם רשע, נישט אָפגעגאנגען גלאַט,
פינף העלדישע זין האָט מתתיהו געהאט.

דער גרעסטער העלד איז יהודה המכבי געווען,
און נאָך וואָס א קעמפער דאָס פאָלק האט געזען!
צעקלאַפט האָט יהודה דעם שרעקלעכן פיינט,
און ס'איז א ליכטיקער יום־טוב פארבליבן ביז היינט.

פאר די פיל חסדים און גרויסן גענאָד,
מיט א תפלה "הלל" זענען מיר דאנקבאר גאָט,
א יום־טוב פון פרייהייט פאר פאָלק און פאר לאנד,
א חנוכה יום־טוב, אַכט טאָג נאָכאַנאנד.

דער מאמעס חנוכה־לאטקעס

אַז ס'קומט אָן חנוכה,
געדענק איך די מאַמען:
עס האָבן אירע לאטקעס
געהאַט טויזנט טעמ'ען!

אַז זי פלעגט די פּעכיקע
לאטקעלעך באַקן,
פלעג איך זיי שלינגען,
אוי! פלעג איך זיי פּאקן!

ס'איז מיר נישט אָנגעגאנגען,
די העלדן, די מכבייער,
כ'האָב נאָר לאַטקעס געשלונגען,
געשלונגען זיי וואָס מערער.

וואָס מיר העלדן!
ווער מיר נס!
כ'האָב פון לאַטקעס געטראכט!
א גאנצן מעת לעת.

ס'האָבן די לאטקעס גערייצט מיר,
געוואונקען מיט חן.
ווי זיי וואָלטן געוואוסט,
אַז איך בין אַליין.

קיין ברידער, קיין שוועסטער
ווי אליין אין פעלד,
איך בין א בן־יחיד...
אַ חנוכה העלד...

איך שלינג די הייסע לאטקעס
און די באקן זיי פלאַמען,
ווי עס פלאַמען די לאטקעס,
געבאקט פון דער מאמען.

היינט נישטאָ שוין די מאמע!
אויך די לאטקעס נישטאָ...
נאָר דער זכרון ער לעבט נאָך!
איז פריש נאָך, איז דאָ!

דער חודש אדר

ווי עס קומט דער חודש אדר,
גרעסערט זיך די שמחה,
יינגלעך פריי פארנאכט פון חדר,
און מען לערנט בלויז ביז מנחה.

און דאָס ביסל וואָס מען לערנט
וועגן אחשוורוש מלך,
לערנען יינגלעך גאָר גערן,
שוין פון אָנהויב איז פריילעך!

מאַכט דער מלך לויט זיין מאָדע,
מאָלצייטן — ס׳בלענדט די אויגן;
פאר דעם חיל פון פרס, מדי,
לאנג זיך דער באל געצויגן.

הונדערט אכציק טעג איגאַנצן!
פארן פאָלק אין שושן דאָרטן.
זיבן טעג צו הוליען, טאנצן,
אין דעם מלך׳ס פאַלאַץ־גאָרטן!

די מלכה אין א קלייד א בלויען,
מאַכט א מאָלצייט גאָר באזונדער,
אין איר אייגן הויז, פאר פרויען,
ווייזן וועט זי — אירע וואונדער!

און אַזוי אלץ ווייטער, ווייטער
מיט דעם טראָפּ פון פורים ניגון,
און דער רבי שמייכלט אונטער,
מיט הנאה און פארגעניגן.

ער זיצט און שאָקלט זיך כסדר,
ווי זיין מנהג מיט אונז אין חדר;
מיט א געמיט פון פרייד און פריי,
זינגט ער צו, זאָגנדיק דערביי:

„לערנט קינדערלעך מיט התמדה,
וועט אייך גאָט געזונט געבן,
אויך צו לערנען די הגדה,
זאָלן אַלע איבער אַ יאָר דערלעבן״.

זמר לפורים

היום כל ילד כבר גילה
את הכתוב במגילה:
כיצד נתן אחשורוש
על היהודים לחרוש.

בפורים הכל שמחים,
בין עני ובין עשיר,
בפורים הכל רוקדים
ונותים קולם בשיר.

כיצד המן הפיל פור...
ומה היה סוף הסיפור?
הלא אסתר ומרדכי
הודיעו: "עם ישראל חי!"

בפורים הכל שמחים,
בין גדול ובין קטן,
בפורים שולחים מנות
ואוכלים אזני המן.

בכל שנה ודור וזמן,
מחדש יקום — המן.
על היהודים יחרוש רעות
של דם ודמע ופרעות.

בפורים אנו צוהלים
ומרעישים ברעשן,
בפורים הכול שמחים
ואומרים: ארור המן.

אבל תמיד קם מרדכי,
עם ישראל לנצח חי!
על כן נחוג את חג פורים
במסכות ובשירים.

בפורים הכל שמחים
ומברכים את מרדכי,
בפורים אנו צוהלים
ואומרים: "עמנו חי!"

לכבוד פורים

פורים אַ יום־טוב א שיינער,
מיר קלאַפּן אין המן'ס ביינער,
עסן, עסן מיר המן־טאַשן,
פיל גוטע זאַכן צום נאַשן.

המן הרשע איז געווען צופרידן,
וואָס ער וועט פּטור ווערן פון יידן,
מענער, פרויען, קינדער אומברענגען,
זיין סוף — אויף דער תליה הענגען!

מרדכי הצדיק זיך געוואָנדן צו גאָט
מיט א הארציקער תפילה־געבעט,
צעשטערן המן'ס וויסטן שטרעבן
און דאָס יידישע פאָלק זאָל לעבן!

געכאַפּט האָט די מפּלה
המן מיט זיינע בנים,
מיר'ן דערלעבן די זעלבע קללה
זאָל געשעו אַלע שונאים.

לאָמיר זינגען לידער,
און אויך טרינקען לחיים,
היינט איז פּורים, ברידער,
קלאַפּט צו מיט די ידיים.

לאָמיר היינט זיין פריילעך,
פון זאָרגן זיך פארגעסן,
וויין טרינקען געמיטלעך,
און המן טאַשן עסן.

נעמט זיך איצט צוזאמען,
און לאָמיר אַלע טאַנצן,
ס'איז אַ מצוה פריילעך זיין,
היינט דעם טאָג דעם גאַנצן.

עס איז א נס געשען,
א נס מן השמיים,
לאָמיר זיך משמח זיין,
און מאכן א צווייטן לחיים!

מגילת אסתר בחרוזים

געהערשט האָט אמאָל אַ קעניג אין א לאנד,
וואָס האט נישט געוואוסט פון קיין חרפה און שאַנד;
געווען איז ביי אים איין זאַך דער עיקר,
טרינקען פיל וויין און שטענדיק זיין שיכור.

דער קעניג האָט געהייסן אחשוורוש,
פון יידן קיין מאָל נישט געמאכט קיין פירוש;
אין זיין לאַנד האָבן געלעבט יידן,
אָנשטענדיק, רוהיק און גאנץ צופרידן.

דעם מלך האָט זיך פארגלוסט זיין קעניגין ווייזן,
פאר זיינע לייט פון די הויכע קרייזן;
איר פראכט און שיינקייט צו זען:
צו קומען אנטבלויזט, ווי נאָר זי קען...

ושתי המלכה האָט נישט געוואָלט אויספילן
דעם קעניג אחשוורוש'ס שענדלעכן ווילן...
ער האָט זי דערפאר פון זיך פארטריבן,
און אסתר'ן אויף איר אָרט אויסגעקליבן.

מרדכי האָט איר א ברכה געגעבן:
זי זאָל זיין גליקלאך איר גאנץ לעבן,
דער קעניג זאָל איר ליבע צייגן,
איר כבוד ביי אים זאָל הויך שטייגן.

אסתר איז געווען העכסט צופרידן,
זי האָט אים פארשפראָכן זיין גוט צו יידן.
ס'זאָל זיך אפילו פאָדערן איר לעבן,
וועט זי גרייט זיין פאר איר פאָלק אָפּגעבן.

המן הרשע האָט נישט געקאָנט צוקוקן,
וואָס דער ייד מרדכי וויל זיך פאר אים נישט בוקן;
ער האָט געגארט פון וועג אָפּרוימען
אים, מיט אַלע יידן צוזאמען.

„אדוני קעניג!" האָט המן געזאָגט:
ס'איז דאָ א פאָלק צעזייט און צעשפרייט,
זיי ווילן נישט אויספילן דיינע באַפעלן,
מ'דארף מיט זיי מאכן א סוף א שנעלן".

דער קעניג האָט נאָכגעגעבן המן׳ס ווילן,
און דערלויבעניש געגעבן זיין וואונטש דערפילן:
פארניכטן די יידן, צעראבירן זייער גוטס,
מ׳טאָר זיך נישט קעגנשטעלן, נישט געבן זיי קיין שוץ.

ווען אסתר האָט דערהערט די ביטערע גזירה,
איז איר אַ פחד באפאלן, אַ מורא,
שנעל צום קעניג אומגעבעטן געגאנגען,
רחמנות אויף יידן פון אים פארלאנגען.

גלייך ווי אחשוורוש האָט איר דערזען,
האָט ער פארשטאנען — עפעס איז געשען:
"וואָס ווילסטו טייערע אסתר?
דו ווייסט דאָך, כ׳בין דיין פריינד דער בעסטער".

ענטפערט אסתר מיט טרערן אין די אויגן:
„צו דיין מיניסטער המן ביסטו געבויגן,
דיין גאָלדן רינג האָט ער באקומען,
און זיגלט מיט אים — מיין פאָלק׳ס אומקומען.

ער חתמעט דעקרעטן מיט אים אין דער שטיל,
ער לויפט, ער ארבעט, טוט וואָס ער וויל;
שטרענגע באפעלן הייסט ער צו שרייבן,
פון אונז יידן — זאָל קיין זכר נישט בלייבן".

רופט גלייך אויס דער קעניג מיט צאָרן:
"וואָס איז געשען? וואָס איז געוואָרן?
ברענגט אים אַהער, דעם המן הרשע!
מיט אים זיך אָפּרעכענען גאָר נישקשה"!

המן מיט זיינע קינדער האָט מען אויפגעהאָנגען,
ביי יידן האָט געהערשט פרייד און געזאנגען;
דעם 14־טן אדר, טאָג פון פיין און פלאָג,
פייערן מיר פורים ביז היינטיקן טאָג.

*

ווידער אין דיר, גאָט, האָבן מיר בטחון:
איבער היינטיקע המן׳ס, שאף אונז נצחון,
אַ מפלה זאָלן קריגן אונזערע שונאים,
א געבראָכן געמיט, מיט בושת פנים.

דער שמש — משלוח־מנות טרעגער

הו־האַ, א טאָג געווען א יאָר!
געבליבן שיעור אָן כוחות גאָר;
באַרעכענען — סכנות,
וואו איך בין אויסגעווען דעם טאָג?
און וויפל מאל, אָן מאָס, אָן וואָג,
געטראָגן משלוח־מנות!

ס'איז מיר געווען אי קאלט, אי הייס,
געברענט, געפרוירן און אין שווייס,
געוויקט זיך און געבאָדן;
אלץ פאר כלי־קודש על פּי רוב,
געטראָגן לעקערלאך צום רב,
צום פּרנס חודש — פלאָדן.

די שוחטים האָבן זייער גאָב,
געהאט זיך קישעלעך ווי באָב,
און המן־טאַשן מאָסן;
נו, פון פאָמעראַנצן רעדט מען ניט,
דעם משלוח־מנות לויף און שיט,
ווי האָגל אויף די גאַסן.

אַי, וואָס דער שכר איז ווערט אַ שפּיי?
געבליבן באָרוועס פון דאָסניי!
און ציטער, ווי פון פיבער;
זאָגט, ברידער, וואָס איר ווילט אייך דאָרט,
אַ כלל־טוער געוועזן פאָרט,
געדינט לצרכי ציבור.

און איצט נאָך פורים אַנגסט און נויט,
צעשפּרייט ווי שטן'ס פון טויט,
יידישער לאַנגער גלות;
ווי פריער בלאָזט דער קאַלטער ווינט,
ווי פריער רייסן בייזע הינט,
די לעכערדיקע פּאָלעס...

דערפאַר איז איצט א גוטע צייט,
פאַר די באַרימטע פיינע לייט,
פאַר די "גוט יום־טוב" בעטער;
אויף ברכה גיין אַהין, אַהער,
צו א מחותן, צו א שווער,
און צו א רייכן פעטער.

און אויפן אלטן שטייגער דאָרט,
אַביסל יי"ש, אַ ברעקל טאָרט,
באַקומען פון שיריים;
אָך! דאָס "גוט יום־טוב בעטן" גיין,
איז אונז פון אייביק פיין און שיין,
צו מאַכן אַ לחיים!

פורים

פורים איז א יום־טוב,
קדחת איז א קרענק,
אזוי האָט מיר מיין זיידע
געזאָגט, זונעלע, געדענק!

און איך געדענק גאנץ גוט,
כ'וועל קיינמאָל נישט פארגעסן,
דאָס שיקן משלוח מנות,
און די המן־טאַשן עסן.

דאָס דרייען מיטן גרעגער,
דאָס קלאַפּן מיט די פיס,
לייענען המן'ס מפּלה
איז דאָך צוקער זיס.

ווען אין שושן, די קרוין־שטאָט,
האָט אחשוורוש דער מלך
געמאכט א גרויסע סעודה,
אזוי לעבעדיק און פריילעך...

זיך אָנגעפרעסן, אָנגעטרונקען,
דער ווייַן פון אים געשפּירט;
האָט ער מיט זיינע מינסטאָרן
אַ געשפּרעך פארפירט:

זיין ווייב ושתי איז די שענסטע
אויף דער גאנצער וועלט;
און באפוילן זי זאָל טאנצן,
אזוי ווי אים געפעלט...

נאָר די קעניגין, די בראווע,
האָט זיך אָפּגעזאָגט צו טאנצן,
פארפוצט זיין ווי מוטער חוה,
מיט פייגן־בלעטער קראנצן...

און דער מלך פון גרויס צאָרן,
האָט געקראָגן דאָס קדחת;
פארשעמט די מיניסטאָרן,
נישט דערפילט זיינע הבטחות...

האָט דער מלך אויפן פלאַץ
זער שטרענג זי באַשטראָפט;
פון דעם קעניגליכן פאַלאַץ
פארטריבן איר זאָפאָרט!

און איר פאלאץ פאַרנומען האָט
די שיינע אסתר—הדסה,
דורך מרדכי מיט הילף פון גאָט
געראטעוועט ס'פאָלק, איר ראַסע.

המנען האָט מען אויף א תליה
געהאָנגען מיט זיינע בנים,
אַזאַ סוף זאָלן האָבן
אויך אלע יידישע שונאים!

פורים איז א יום־טוב,
קדחת איז א קרענק,
מען מעג טרינקען לחיים,
אפילו אין אַ שענק!

לכבוד פורים

פערצן טאָג אין חודש אדר,
פייערן מיר דעם נס פון פורים,
מען וועקט אויף די אלטע מכה,
וואָס האָט געבראַכט פיל יסורים.

ווען המן האָט דורך בלבולים פארנומען,
דאָס יידיש פאָלק אומצוברענגען,
פון קעניג אחשוורוש אַ באַפעל באקומען,
פיל פארניכטן און צו הענגען.

דעם יידישן צד צו פארטרעטן,
דעם קעניגס הארץ צו געווינען,
האָט מען געזוכט און געבעטן,
און אַזעלכעס האָט זיך געפונען.

אסתר, אַ יידיש מיידל,
האָט די שליחות אָנגענומען,
דורך איר שיינקייט, צארט און איידל,
איז זי צום קעניג אָנגעקומען.

המן׳ס ליגנס אויפגעדעקט,
געמאכט פון זיי נישט געשטויגן,
רחמנותביים קעניג דערוועקט,
און די גזירה צוריקגעצויגן.

און אַרויסגעגעבן א באַפעל א שטרענגן,
קיין צייט נישט פארלירן,
המנען אויף דער תליה אויפהענגען,
טאַקע באַלד דאָס דורכפירן.

אסתר המלכה׳ס גרויסער זיג,
גיט אונז מוט און בטחון ;
סיי אין שלום, סיי אין קריג —
אויף אונזער זייט דער נצחון.

עס איז אונז געשען
געשען מן השמיים,
לאָמיר זיך טאַקע פרייען
און מאכן א גוטן לחיים !

קידוש פאר פורים צו דער סעודה

יום הששי ויכולו השמים...

השמים מספרים כבוד...

כבודו מלא עולם, משרתיו שואלים זה לזה איה...

איה שרה אשתך?

אשתך כגפן פוריה בירכתי ביתך ובשעריך...

והיה אם שמע תשמעו אל מצוותי אשר אנכי מצוה אתכם היום...

היום תאמצנו, היום תברכנו, היום תגדלנו, היום תדרשנו לטובה.

כהיום הזה ששים ושמחים לעשות רצון קונם, וחפץ צורם פועל אמת...

אמת ויציב ונכון וקים, וישר ונאמן, ואהוב וחביב ונחמד ונעים ונורא ואדיר ומתוקן ומקובל, וטוב ויפה הדבר הזה עלינו לעולם ועד אמת...

אמת כי אתה הוא יוצרם, ואתה יודע יצרם כי הם בשר ודם...

דם, צפרדע, כנים, ערוב, דבר, שחין, ברד, ארבה...

ארבע מי יודע? ארבע אני יודע: ארבע אמהות, שלשה אבות, שני לוחות הברית, אחד הוא אלהינו...

הוא אלהינו, הוא אבינו, הוא מלכנו, הוא מושיענו והוא ישמיענו שנית לעיני כל חי להיות...

להיות כל איש שורר בביתו ומדבר כלשון עמו. אחר הדברים האלה כשוך חמת המלך...

המלך הקדוש... אתה בחרתנו מכל העמים, אהבת אותנו ורצית בנו ורוממתנו מכל הלשונות, וקדשתנו במצוותיך וקרבתנו מלכנו לעבודתך, ושמך הגדול והקדוש עלינו...

עלינו לשבח לאדון הכל לתת גדולה ליוצר בראשית...

בראשית ברא אלהים את השמים ואת הארץ...

והארץ נתן לבני אדם...

אדם יסודו מעפר וסופו לעפר בנפשו...

נפש כל חי... הנשמה לך והגוף שלך ד׳ עשה למען שמך, אתאנו למען שמך מלכנו...

מלכנו תמיד... כי כל פה לך יודה וכל לשון לך תשבע וכל ברך לך תכרע, וכל קומה לפניך תשתחוה... האל בתעצומות עוזך הגדול בכבוד שמך הגבור לנצח והנורא בנוראותך, המלך היושב על כסא רם...

רם ונשא שוכן שחקים, תולה ארץ על בלימה, חי וקים נורא מרום וקדוש, ובכן ואמרתם זבח פסח...

פסח שהיו אבותינו אוכלים על שום מה?...

מה ידידות מנוחתך את שבת המלכה...

מלכה נסיכה, לבוש בגדי חמודות...

בגדי חמודות של עשו בנה הקטן...
קטן וגדול מחויבים לשמע ברכת חנוכה...
ברוך אתה השם אלקינו מלך העולם שעשה נסים לאבותינו בימים ההם...
בימים ההם כשבת המלך אחשוורוש על כסא מלכותו...
מלכותו בקהל עדתי, וכבודו היא אמונתי. אליו בקשתי לכפר עון חטאתי וביום
צום כיפור סליחתי יענה ויאמר סלחתי, כדבריך!
ברוך אתה ד׳ אלקינו מלך העולם שהכל...
הקול קול יעקב, והידים ידי עשיו אחיו שעירות, ויברכהו, ויאמר:
ברוך אתה ה׳ אלקינו מלך העולם שהכל ברא...
ברא לכבודו, ששון ושמחה חתן וכלה, גילה רינה, דיצה וחדוה, אהבה ואחוה
ושלום ורעות; הרה ד׳ אלקינו ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים
קול ששון וקול שמחה, קול חתן וקול כלה, קול מצהלת חתנים מחופתים
ונערים ממשתה נגינתם.
ברוך אתה ד׳ יוצר אור ובורא...
ובורא פרי הגפן! לחיים, לחיים...
לשנה הבאה בירושלים.

זמן חרותנו

אויך פרייהייט, ווי נאַטור, א סעזאָן פארמאָגט:
נישט אייביק קאָן א פארשקלאפטער רעגירן.
קומט אָן די צייט, דער "זמן חרותנו",
מוז דער טיראַן זיין ממשלה פארלירן.

הונדערטער יאָרן געהערשט האָט די רוט,
איבערן לייב פון יידן־שקלאַפן;
אונטער א גליענדן הימל, אויף אַ פייערדיקן קנוט,
פיראמידן פאר מצרים שאַפן.

זייער קערפער — געשמיסן, צעביילט, צעפליקט,
אין טייכן פון טרערן און שווייס — דערטרונקען,
די הייליקע נשמות פאַרשמוצט, דערנידערט
אין "מם־טית" שערי טומאה פארזונקען.

און קינדער נאָך קליינע, נאָר וואָס געבוירן,
מיט געוואלט געכאפט פון זייער וויגל;
צום אָפּגרונט אין נילוס אַריינגעוואָרפן,
אויך פארמויערט אין ווענט פון ציגל.

איז געקומען די צייט — זמן חרותנו,
באַצאָלט האָט פרעה גאנץ גוט:
פיל מכות געקריגן, די יידן באפרייט,
צעבראָכן אויף שטיקלאך זיין רוט.

פילייכט געבליבן אָן אַרמיי איז אים,
האָט דער ים איר ענדע געמאַכט:
דעם פערד מיט זיין רייטער, ווי בליי גאנץ שנעל
צו דעם גרונט אַרונטער געבראכט.

און פרעה׳ס מיליטער, אין דעם מעער
האָבן באקומען זייער קבורה;
און אונזערע לייט, אויפן צווייטן זייט,
האָבן פריילעך געזונגען שירה.

צום בארג סיני האָט זיי משה געבראכט,
צו זיין גרייט פאר קבלת התורה,
ביי גאָט ווערן געליבט און געאכט,
פארן דינען דעם אייביקן בורא.

ויהי בחצי הלילה

צען מכות האָט משה
מלך פּרעה׳ן געגעבן,
וואָס האָבן אים געקלעקט
ביזן סוף פון זיין לעבן.

און ביז מלך פּרעה
פון שלאָף האָט דערוואכט,
האָט משה די יידן
באפרייט ביי דער נאכט.

ס׳האָט גענומען נישט לאנג,
נישט מער ווי א ווײלע,
פאסירט האָט עס אלץ
בחצי הלילה.

די יידן זענען געוואָרן פריי
פון מצרים׳ס שקלאפעריי,
און פּרעה׳ס חיל־גבורה,
האָבן אין דעם מעער
באקומען זייער קבורה.

די יידן אין דער זעלבער צייט
אויפן צווייטן זייט,
האָבן פריילעך געזונגען שירה;
אַלץ איז געשען אין א קורצער ווײלע,
אַלץ האָט פאסירט בחצי הלילה.

יציאת מצרים

שטייט א וועלט דערשטוינט און גאַפט:
א פאָלק, וואָס איז געווען פארשקלאפט,
געפייניקט אונטער מצרים'ס רוט,
און געבאָדן זיך אין אייגן בלוט...

האָט זיך פלוצים, שנעל דערוואכט,
פון דער לאנגער, פינצטערער נאכט,
זיך באפרייט פון שקלאַפעריי,
און אָנהויבן לעבן פון דאָסניי.

דאָס פאַסטוך־פאָלק פון ארץ גושן,
באהויכט פון הויכן גייסט פון משה'ן,
אין צוועק ווי איינער איז געוואָרן —
מיט דראנג נאָך פרייהייט ניי געבוירן.

מיט גאָט'ס בטחון צעמענטירט,
האָט קעגן רשעות רעוואָלטירט.
פאָרויס צו פרייהייט אויף דעם וועג,
שטראָמט מיט מוט דאָס פאָלק צום ים ברעג.

יאָגט דער שונא נאָך צום ים,
מיט בלוט־האס צום ייד, ווי פלאם.
וויל דער שונא אים דערטרונקען,
און ווערט אַליין אין ים פארזונקען...

ווערט משה פריילעך און ער זינגט,
יובעלט אויך דאָס פאָלק און קלינגט.
מרים קלאַפט אין פויק און קוועלט:
"זיך אויסגעבענקט א פרייע וועלט".

ווען הונגעריק די יידן, פארצווייפלט געזעסן,
״זאָרגט נישט״, זאָגט משה, ״גאָט וועט געבן עסן״.
און דעם טעם פון שפייזן אין מן געפונען,
פלייש, פיש, האָניג איז פון מן גערונען...

דאָס פאָלק צעריסן האָט די קייטן,
אויף דעם פרייען ברעג א ברייטן,
שפרייזט ער מוטיק צו זיין לאנד,
דורך דעם הייסן מדבר זאמד...

ער פאלט צו דער גוטער אייגענער ערד,
וואו עס הענגט נישט מער די שווערד.
וואו זיכר וועט ער קאָנען לעבן,
און דער וועלט אויך עפּעס געבן.

עס האָט די וועלט פון אים גענומען,
פון זיין פעלד די שענסטע בלומען...
און באַצאָלט אים מיט דער שווערד,
מיט זיין בלוט פארשווענקט די ערד.

אונזער דור איז צוריק געקומען,
און זיין לאנד מיט בלוט פארנומען.
לאָמיר דערפאר טרינקען לחיים!
לכבוד לאנד ישראל וירושלים!

מיט הערצער פול מיט פרייד,
גוטן געזונד, אָן לייד,
פארברענגען פסח פריילעך,
און א גאנץ יאָר פילן ווי א מלך.

די ארבע כוסות

דער גרויער ווינטער איז אוועק,
דער יונגער פרילינג אז געקומען!
צינדט אָן די ליכט פון עק ביז עק,
באקראנצט דעם טיש מיט פרישע בלומען.

דריי שענסטע רויזן, העל און פיין,
קלייבט אויס מיט חן און שטעקט אריין,
אין מרור, כרפס און חרוסת.

מיט פרייד און ליבע אָן אַ מאָס,
מיט הייסן גלויבן, טיפער טרייהייט,
הויבט אויף מיט שטאָלץ דעם ערשטן כוס,
פאר דער אלטער מצרים פרייהייט.

דעם צווייטן כוס הויבט אויף יידן,
לכבוד אונזער אלטער תורה,
די ליבע איינציקע מנורה,
וואָס לייכט אין גלות, אפילו אין ליידן.

אין שטורעם, פינצטערניש און רעגן,
פארהיילן אונזער לייד און פיין,
פארגיסן ווארעמקייט און שיין,
פאר אונז, אויף אלע ויסטע וועגן.

דעם דריטן כוס נעמט אויך אין האנד,
און הויבט אים אויף ווי א זכרון,
פון אונזער אלטן פאַטערלאנד,
פון יענע טעג, פון יענע יאָרן.

ווען אונזער פאָלק האָט אויף דער וועלט
געהאט א היים און רוהיק געזעסן,
און פון זיין אייגן פרייען פעלד,
אַן אייגן שטיקל ברויט געגעסן.

דעם לעצטן, פערטן כוס גיסט אָן
און טרינקט "לחיים, ברידער!"
פאר אונזער ווייס בלויען פאָן,
וואָס פלאטערט אין ישראל ווידער.

נישט וויסן פון שרעק און נויט,
דעם לאנגן גלות צו פארגעסן,
און ווידער אונזער אייגן ברויט
פון א ו נ ז ע ר פעלד אין נחת עסן.

אליהו הנביא

אליהו הנביא
לויפט אַרום כסדר,
ער איז אָנוועזנד
ביים פסחדיקן סדר.

ער טרינקט דעם כוס וויין,
ווייסן אַלע קינדערלאך;
ער איז דאָ ביי בריתין
פון יידישע ייִנגעלאך.

ער פארשטעלט זיך אמאָל
פאן אַן אַלטן יידן,
ער וויל אויף דער וועלט
ברענגען גליק און פרידן.

מיט מעשהלאך פון אליהו
טוען קינדערלאך זיך קוויקן,
ביי "שפוך חמתך" זוכן אים,
אין יעדן ווינקעלע זיי בליקן.

ער איז באשאפן אונז
גוטע בשורות אָנזאָגן,
ער יאָמערט, ווען ער זעט
שונאים אונז מערדערלעך שלאָגן.

ער וואָלט וועלן האָבן
דעם כוח אונז לאָזן וויסן,
ווען די מלאכי חבלה
גייען אונזער בלוט פארגיסן.

ער וואָלט וועלן אונז טרייסטן,
מוט און האָפענונג געבן,
ווען ער באמערקט נאָר,
ווי פארביטערט אונזער לעבן.

זאָגט מען צו אים:
"צו דעם האָסטו נישט קיין רעכט!"
וואנדערט ער אזוי
צווישן אונז די טעג און נעכט.

ער האָפט און האָפט —
ער זאָל שוין אונז קאָנען זאָגן:
"משיח אז געקומען!
קיינער וועט אייך מער שלאָגן!"

"אין אייער לאנד וועלן פיל
פון אייך זיך צונויפקומען,
אונזערע שונאים וועלן מוזן
פון חרפה און שפאָט שטומען!"

מה נשתנה?

מה נשתנה, מה נשתנה,
הלילה הזה מלילות השנה?
בלילה הזה כל פה סח
את כל הנסים שהביאו לפסח.
בלילה הזה נאכל המרור
ונספר איך יצאנו מחושך לאור.

מה נשתנה, מה נשתנה,
הלילה הזה מלילות השנה?
בלילה הזה נאכל מצה
ונספר: ישראל ממצרים יצא.
נזכור כי תמיד בקשו לכלותנו,
אבל השם תמיד מצילנו.

מה נשתנה, מה נשתנה,
הלילה הזה מלילות השנה?
בלילה הזה אנו מכינים הסדר,
כאשר למדנו בבית רבנו, ב"חדר".
בסעודה שתי פעמים אנו מטבילין
ולאות חרותנו — מניחין אנו תפילין.

מה נשתנה, מה נשתנה,
הלילה הזה מלילות השנה?
בלילה הזה נתבונן מסביב
ונראה כי הגיע סוף־סוף האביב.
נספר: עבדים היינו בארץ מצרים
נקוה — לשנה הבאה נחוג בירושלים.

די אלטע הגדה

די אלטע הגדה, ליגט אָפן א בלאט,
א גאנצע, איך לייען זי גערן...
א חשבון א קלאָרער מיט דרוש און מיט פשט,
פון מכות, וואָס פרעה האָט נעבעך געהאט.
אוי! מכות, בעהיט זאָל מען ווערן!

דער חשבון ביי ר׳ עקיבא׳ן איז קלאָר:
צוויי הונדערט מיט פופציק! א קלייניקייט גאָר!
מ׳קאָן שוין מיט דעם, דעם גיהנום פארשפאָרן.
איך לייען די אלטע הגדה און טראַכט:

רבונו של עולם! ווי גרויס איז דיין מאכט,
און שרעקלעך איך אונזערע שונאים דיין צאָרן,
אויף זייערע קעפּ אויסגעגאָסן געוואָרן...

אָבער יידישע קינדער, דער חשבון זאָל ווערן
נאָך קלאָרער: בארעכנט די אומגליקן, שלעק,
די בלוטיקע מכות, די ביטערע צרות,
וואָס גאָט האָט געשאטן אויף אונז אָן אַן עק!

און ר׳ יהודה׳ס סימנים,
ווי שרעקלעך, ווי ברייט,
צעגאָסן, צעשפרייט,
עס ליגט אויפן יידישן פנים...

יאָ, גרויס ווי די וועלט
איז די צרות, און דאָך
מיר לעבן נאָך, יידן,
מיר ציען זיך נאָך.

פון שמוץ און פון שימל,
פון שלאָפקייט און דרימל,
פון הונגער און קעלט,
אויף יידישער וועלט...

*

דאָך דער יונגער דור,
יידישע קינדער,
האָבן באוויזן
א גרויסן וואונדער:

מיט כוח און מוט,
פארגאָסן זייער בלוט,
פארנומען אונזער לאנד,
אין קאמף, אָן שאנד!

לכבוד דעם יום־טוב
פון פריילעכן פסח,
לאָמיר טרינקען לחיים,
פאר ישראל וירושלים!

די הגדה — נישט אין מאָדע

ווען דער פסח קומט, באַגריסט מען אים גאַנץ פיין,
מען נעמט אים אויף מיט מצה און מיט גוטן וויין.
טאַטע, מאַמע, אלע יאָר כסדר —
לאַדן די קינדער צום פסח סדר.

די זין, די טעכטער, איידעמס און שנור,
און די אייניקלעך, באַליבט אָן א שיעור;
אָנגעבאַקן, אָנגעגרייט איר׳ט באַדאַרפט זען,
וואָס א טייערע, יידישע מאַמע קען.

ווען אַלע קינדער זענען אָנגעקומען,
האָט מען זיי גאָר פיין אויפגענומען;
אַלע זיך צעקושט מיט דער מלכה און מלך,
אין הויז איז געוואָרן לעבעדיק, פריילאַך.

אַלע האָבן זיך געזעצט צום גרייטן טיש,
מ׳האָט זיך גענומען צו די געפילטע פיש;
מען האָט פאַרטרונקען מיט וויין און סאָדע,
און אינגאַנצן פאַרגעסן פון דער הגדה.

אַלע האָבן זיך צוגעכאַפּט מיט גרויס אַפּעטיט,
די מאַמע האָט דערלאַנגט מיטן גאַנצן געמיט;
און אלע האָבן געלויבט דער מאַמען:
״יור יידיש מיעל״ — האָט אלע טעמ׳ן!

ווער קען דען אָפּשאַצן די פרייד פון א מאַמען?
ווען אלע קינדערלעך קומען זיך צוזאַמען;
און נאָך דעם ווען האָבן פיין פאַרבראַכט,
זיך געזעגנט און געוואונטשן: א גוטע נאַכט!

ווען די קינדער זענען געווען אויף יענער זייט טיר,
איז די מלכה אריין אין קיך, וואַשן די געשיר;
און דער מלך האָט גענומען זאָגן די הגדה,
ווייל אין אמעריקע איז די הגדה — אויס מאָדע...

לכבוד פסח

צא ולמד... גיי און לערן...
זאָגט אונז די הגדה,
און מיר טועו עס גערן,
אויך א תירוץ איז דאָ...
וואָס לאָזט אונז הערן?
„עבדים היינו" — טוט ער קלערן.

די קשיות, דער תירוץ
זיי האָבן איין באדייט:
א פאָלק פון זיין שקלאַפן־יאָך,
ווערט דורך משה'ן באפרייט,
גאָר שווער איז דער וועג,
דאָס לאנד אזוי ווייט...

צו טראכטן, באַטראַכטן,
ווי גרויס איז די געפאר?
אפילו דאָס ברויט באקן
צום וועג, קומט אָן מיט צער!

ווער האָט דאָס צייט
די טייג זאָל פארזויערן;
דער מאָמענט איז געקומען,
עס טאָר נישט געדויערן,
זאָל זיין מצות, טרוקן און פלאך,
דאָך פריי פאָלק, אונטער אייגן דאַך.

פערציק יאָר מדבר,
עס ברענען די טריט.
נאָר דער עמוד האאש
די וואָגלער ער היט.

דורך פייער און פלאַם
ווערט אַ פאָלק געשמיד,
קומט די הגדה,
און זאָגט אונז: „רב ייד!

צא ולמד... והגדת לבנך!
זאָל קלינגען דיין עכאָ
פון גאָטס גרויסע וואונדער,
דערצייל דיינע קינדער...

פון עבר, פון ווייט,
וואָס גיט דיר א רמז
אויף איצטיקער צייט...
דערצייל דיינע קינדער,
וואָס פסח באדייט"...

דורך פייער און פלאַם
ווערט א פאָלק באפרייט.
דער עבר ווערט ווידער
אונז נאָענט פון ווייט...
א פאָלק ווערט באפרייט
ווערט ווידער באפרייט,
אויך אין היינטיקער צייט!

לאָמיר דערפאר גרעסערן די מאָס
און אָנפילן אויך א פינפטן כוס
און טרינקען צוזאמען לחיים
פאר ישראל וירושלים!

דער וועג פון מצרים...

ווען די יידן זענען פון מצרים ארויסגעגאנגען,
זענען זיי אנטלאָפן ווי פון גיפטיקע שלאנגען,
און אזוי ווי די יידן האָבן דערפילט גאָטס פארלאנגען,
איז ס'וואסער פארשוואונדן — אין טריקעניש דורכגעגאנגען.

משה האָט די מצרים מיט מכות געשלאָגן,
די יידן האָבן צו פרעה'ן ביטערלאך געשריגן:
מיר קאָנען שוין מער נישט דעם יאָך איבערטראָגן,
שוין גענוג! מיר מוזן אונזער פרייהייט קריגן!

און אָנשטעקן זיך מי די מכות,
האָבן יידן נישט געהאט מורא,
ווייל זיי האָבן געוואוסט — ס'קומט פון בורא,
דערפאר האָבן זיי אויך מקבל געווען די תורה.

״לייען ביי די מצרים! גאָלד, זילבער, וואָס איר קענט,
איר זאָלט נישט ארויסגיין מיט ליידיקע הענט.
געארבעט, זאָגט משה, הונדערטער יאָרן ווי שקלאפן,
קיינמאָל נישט גערעדנקט באַצאָלן אייך זיי דארפן״.

ווען די יידן זענען שוין איבערן ים געווען,
האָבן זיי דערזען די נסים וואָס זענען געשען.
אין ים האָבן די מצרים באקומען זייער קבורה,
געלויבט האָבן יידן גאָט און געזונגען צו אים שירה.

ווען אין מדבר קיין וואסער צום טרינקען נישט געפונען,
שלאָגט משה דעם שטיין און וואסער האָט גערונען,
דערפרישט האָבן זיך אַלע, מענער, פרויען און קינדער,
אויך אָנגעטרונקען האָבן זיך זייערע פי און רינדער.

אויב הונגעריק זענען יידן
פארצווייפלט געזעסן,
״זאָרגט נישט, זאָגט משה,
מ׳וועט אייך באלד געבן עסן״.

״מן״ האָט אָנגעהויבן פון הימל צו גיין,
יידן האָבן געעסן און נישט געקענט פארשטיין...
דעם טעם פון אלע שפייזן האָבן זיי אין מן געפונען:
פלייש, פיש, פרוכט או האָניג איז פון מן גערונען.

פארוואונדערט האָבן יידן
געדאנקט, געלויבט גאָט׳ס גבורה.
האָפנדיק און צופרידן,
אז זייער וועג וועט זיין כשורה...

אין א סדר נאכט

פופצן טעג אין חודש ניסן,
איז יום־טוב פסח ביי יידן;
ווינטש איך אַלעמען — זאָלן געניסן,
פון יום־טוב, פריילעך און צופרידן.

ס׳איז שוין גאָר אַן אַלטע מאָדע,
וואָס מ׳וועט איר נישט פארגעסן:
ביים סדר־טיש זאָגן די הגדה,
און הנאה האָבן פון פסח׳דיק עסן.

אויפן טיש — מצות, מרור און חרוסת,
כלים, גלעזער, וואָס שיינען.
אויך אָנגעגאָסן די ארבע כוסות,
מיט די בעסטע מעד און ויינען.

ברידער, שוועסטער פון וויטע וועגן,
גאנצע פאמיליעס פון נאָענט און וויט,
קליינע קינדער — קשיות פרעגן,
ווילן וויסן — פון פסח דעם באדייט.

און דער טאטע מיט אַן ערנסטן פנים,
די באַדייטונג פון פסח זיי דערציילט:
ענטפערט די קשיות — אויך וועגן די ארבע בנים,
דעם אפיקומן צווישן די געסט פארטיילט.

די גוטע מאמע קוקט און קוועלט,
די שטוב פארשמעקט מיט געשמאקע גערוכן;
פון די שענסטע מאכלים אויפן טיש געשטעלט,
אלע בייזיצער זאָלן פון זיי פארזוכן.

בלויז איין שטול איז נישט פארנומען,
אויך דער כוס איז נישט ליידיק געוואָרן;
וואו איז ער, אליהו הנביא — פארוואָס נישט געקומען?
וואָס לאָזט ער אונז וואַרטן אזוי פיל יאָרן?

קום וואָס שנעלער, משיח אונזער גאסט,
מיר ווילן פון דיר זער שטארק הערן;
זאָג אונז ווערטער פון האָפענונג, ווי פאר דיר פּאַסט,
און מיר זאָלן באפרידיקט ווערן.

דער פארשטערטער סדר

זיצט ביים סדר דער רענדאר
ברייטלעך אין זיין קיטל,
הייסן הייסט ער יאשקע כאַם
און זיין ווייב חנה־גיטל.

מיטן זון דעם גראָבן יונג,
גראָב אויף אַלע גלידער,
13 יאָר געוואָרן אַצינד,
און לערנט נאָך אלץ סידור.

אונזער מלך קוועלט גאָר אָן:
ס׳איז ביי אים א חידוש,
גאָר פיין האָט דער זון געמאכט
דעם פסח׳דיקן קידוש.

און די מלכה שמעלצט זיך גאָר,
פון דעם זון דעם תנא,
שייך, קונציג גאָר געפרעגט:
טאַטע, מה נשתנה?...

אויפן טיש איז אָנגעשטעלט
פלעשלעך, גלעזלאך, כוסות,
מצות דריי צוגעדעקט,
מרור מיט חרוסת.

אליהו הנביא׳ס כוס,
אויך צווישן אלע גלעזער.
אין הגדה האלט מען נאָך
"מעשה ברבי אליעזר".

דאָ נעמט דער זון דעם כוס,
גיסט אָפּ יעדן איינעם,
ציילט זיי פאר מכות אַלע,
און לאָזט נישט דורך קיינעם.

שרייט דער טאַטע: זע, מיין קינד!
דאָ זענען דאָך תנאים!
פארשעמט זיי האָסטו דאָך
און גערעכנט פאר רשעים.

און די מאַמע שעפּטשעט נאָך:
"אויסגעפּאַטשט רבנים!...
פרומע לייט אָפּגעגאָסן,
ווי, צו מיינע שונאים!"

און א מאָדנע שטילקייט הערשט,
ווי נאָך אַ מחלוקת,
אָדער ווי ס׳טרעפט אין הויז,
שרעקלעכע היזקות.

נאָר דער עולם ביסלעכווייז
איז צו זיך געקומען.
די הגדה צו פראָווען,
ווידער זיך גענומען...

אונזער יאשקע מאכט אלצדינג
ווי עס ווייזן דינים
אין הגדה קומען זיי
צו דם, צפרדע, כנים...

דאָ נעמט דער רענדאר זיין כוס,
מאכט אַ קליינע הכנה,
גיסט אָפּ יעדן טראָפּנווייז
און ציילט זיי מיט כוונה...

"טאַטעו אויו" שרייט אויס דער זון,
האָסט פארשמעט די תורה
רבנים דאָ אָפּגעגאָסן
האָסט דאָך אַן עבירה!"

נאָר דער טאַטע ענטפערט שטיל:
"ווילסט מיין קינד אויסהערן,
וואו מיר זענען דאָ אצינד,
וועל איך דיר דערקלערן:

פריער זענען יאָ געווען
פרומע לייט, דיינים
אָבער אצינד זענען גאָר
מכות... נישט רבנים!...

שיר פסח

אופה, אופה, למי זה תאפה
עוגה זו עגולה?
— מצה היא לחג הפסח,
פת לחג הגאולה.

מוזג, מוזג, מה זה תמזוג
אל תוך הבקבוקים?
— יין טוב לארבע כוסות,
ילדי, המתוקים!

אמא, אמא, מה תגרורי
ובעיניך דמעות?
— מרור הוא לחג הפסח,
זכר מר לתלאות.

אבא, אבא, מה זה תכתוש
תשקול במאזניים?
— קנמון, שקדים לחרוסת,
זכר לטיט מצרים.

הר סיני

(מוקדש לחג חשבועות)

מול הר סיני
עמד העם,
כאיש אחד,
גאה ורם.

עשן ההר,
פלא הוד,
כולו הדר,
עטוף בסוד.

צפור שתקה,
אריה נדם.
הים קפא,
שתק אדם.

פתאום נדלק
לפיד ברק,
הקול נראה,
גבר, חזק.

חרד הנוף,
מרחב רעד,
אלוהים עם העם
ברית כרת.

עשר דברות
נתן האל,
תורה־אורה
לישראל.

דער יום־טוב שבועות

דער יום־טוב שבועות איז דער הייליגסטער,
פון אלע ימים טובים, דער טייערסטער;
אויפן בארג סיני האָבן יידן געקריגן די תורה,
פאר דעם דאנקען מיר און ליבן אונזער בורא.

ווייל אלץ, וואָס איז אין איר צוזאמענגעשטעלט,
איז די גרעסטע געזעצגעבונג אין דער וועלט.
אויף דורות פארבליבן, איז זי אונז טייער,
כאָטש מ׳האָט אונז צוליב איר געברענט אין פייער.

שבועות איז נישט נאָר הייליק — נאָר אויך שיין!
די גרינקייט פון דער ערד גיט אַ באזונדערן חן,
ס׳בליען די בוימער און בלומען אין גאָרטן,
וואו נישט וואו הערט מען — זינגען פייגעלעך דאָרטן.

שבועות איז דער יום־טוב פון פארטיקע תבואות:
חג הביכורים, חג הקציר וחג העצרת;
דאָס זענען די סימבאָלישע נעמען,
פון דעם הייליקן יום־טוב, חג־תפארת.

גרינס און בלומען מיטן ריח פון פארפיומען,
באפוצט די הייזער פארן יום־טוב, וואָס וועט קומען.
לזכר דער שמחה פון מתן תורתנו,
פאר אונזערע אבות אבותינו.

די לופט איז פול מיט פויגלשע געזאנגען,
און מיט פריילאכע קינדערשע קלאנגען;
אין גאס בלאָזט אַ זומערדיק־ווארעם ווינטל,
די זון ווארעמט מיט שיינענדיקן אויג, אַ פינטל.

און שיקט אַראָפּ אירע גאָלענע שטראַלן,
וואָס שענקען דער וועלט געזונט־קוואַלן;
אַלע דריקן אויס דאנקבארקייט צו גאָט,
פאר דער זונס שיינונג מיט אַזויפיל גענאָד.

ווי שיין עס קלינגט דער ניגון פון הקדמות!
ר׳פילט אָן די הערצער פון די יידישע נשמות;
אין יעדן יידישן הויז,
איז די שמחה זער גרויס.

קומענדיק אהיים פון שול צוגיין,
יעדער מיט פאמיליע, גרויס און קליין,
אַ מילכיקע סעודה איז גרייט צום געניסן,
אן עונג יום־טוב פילט זיך אין יעדן ביסן.

צו זיין א ייד איז גוט און וואויל,
די פוטער־קיכלעך צעגייען אין מויל;
געזונט און גליק זאָל אונז גאָט געבן,
אלע זאָלן מיר איבער א יאָר דערלעבן.

לכבוד שבועות

זיבן וואָכן האָט מען אונז געהייסן ציילן,
ווען מ'האָט די תורה אונז געטאָן צוטיילן,
יעדעס יאָר הייסט מען אונז דערמאָנען —
"נעשה ונשמע" — פון בארג סיני דערקאָנען.

און די פעלקער טוען זיך טאַקע וואונדערן,
וואָס די תורה הייסט פון זיי זיך אָפּזונדערן;
דערפאר מוזן מיר מיט זיי אַ געשפּרעך האַלטן,
וועגן אונזער שבועות, דעם הייליקן, דעם אַלטן:

"די תורה איז אַן אוצר, איר קענט עס נישט פארשטיין,
לעבן לויט דער תורה איז אַ גליק פאר גרויס און קליין,
איר ווייסט, וואָס די תורה טוט פאר אונז באדייטן?
רחמנות און מענטשלעך לעבן מיט לייטן.

"איר ווילט נישט אָבער אייער פריי לעבן פארבייטן,
און זיך פארבונדן מיט אַזעלכע שוועריקייטן;
דאָס האָבן מיר שוין געזען פון גאָר אלטע צייטן,
זיך פון אונז אָפּגעקערט אין אלע זייטן.

"איר ווייסט? איידער מיר האָבן די תורה גענומען,
איז מען צו אייך, פעלקער, מיטן פעקל געקומען.
מען האָט אייך געזאָגט, וואָס עס שטייט אין דער תורה,
האָט איר געענטפערט: דאָס איז פאר אונז נישט קיין סחורה!

"וואָס אין אייער תורה שטייט מיר שוין לאנג ווייסן!"
דאָך ווילט איר פון אונז די תורה אָוועקרייסן!
און פרעגט: "וואו איז אייער גאָט געליבטער, געטרייער,
פארוואָס לאָזט ער זיינע קינדער ברענען אין פייער?...

די מערדער, וואָס דארפן דערפאר באצאָלן טייער,
גייען גאָר ארום ווי פריער, מער זיכער און פרייער".
מיר האָבן קיין ענטפער... מיר קאָנען עס נישט באהאלטן!
דער "איינער" קאָן ענטפערן, וואָס האָט דעם ים געשפּאָלטן!

חלק ה

ברכות לשנה טובה

לשנה טובה תכתבו

לטובה ולברכה תחל השנה,
שלום בואה ושלוה נאמנה;
נועם ונחת תשוכן באהליכם,
הצלחת עולם תופיע עליכם.

טובה תביאכם בכל מעבדיכם
ודרכיכם ומעשי ידיכם יכונו,
ברוכים כן יהיו כל ידידיכם,
הנלוים אליכם, ומטוב תרונו.

תמיד תשירו משמחה וטוב לב,
כבוד וגדולה תנחלו לרוב;
תהלה ותפארת מכל חי,
ברכה והצלחה עד בלי די.
ו״שנה טובה״ יובל לכם שי.

מעמקי לבתי, שלוחה ברכתי,
אף כי מרחק ביני וביניכם,
תהי שירתי חשובה לפניכם.

דודנכם הדורש שלומכם
וטובתכם כל הימים,
דודן רחוק וגם קרוב
נאמן בכל נפש ולב.

הדוד דורש **שלומכם,**
דוד דורש **טובתכם,**
ודוד רחוק **וקרוב,**
דוד בכל נפש **ולב.**

אם תחפצו **לדעת מקור ברכותיכם,**
התבוננו בראשי **החרוזים בעיניכם;**
רודף ואוהב **השלום שמו,**
נא, שימו עין, **ולא תכלמו בו.**

קבלו ברכותי **היוצאים ממעמקים,**
רוחכם ונפשכם **ישבעו ממתקים;**
ופיעו הימים **הבאים לטובה,**
בשנה החדשה — **לגאולה קרובה,**
ימלאו לטובה כל **משאלותינו,**
צהלה ורנה **ברחובות עירנו,**
קול ששון וקול **שמחה,**
ישמעו מפי כל **תושבי ארצנו.**

ברכת השנה

למה תאמר יעקב ידידך שכחך!
בכל עוז ידידותי בך דבקה,
באשר אפנה תמיד אראה רוחך
לבלות בחברתך נפשי שוקקה.

ידיד נאמן אתה, ומי ישכחך,
כמה גברים כאלה איפא בשוקא?
שתוכל לקנות בכסף ובזהב?
ידידותנו לא תסולא בשלל רב.

אף לא אאמין בברכות וקללות
ובסתרי הנפש והלחשים,
בכל זאת ברכת ידיד לראשך אשים:
היה עם אשתך תמיד צולח,

שאנן, רענן, טוב לב ושמח,
אתה ורעיתך כנטע רטוב פורח
שתמוץ הדבורה מתק וליח
וישמח דבשכם אלקים ואנשים.

אשתך כגפן פוריה בירכתי ביתך,
בניך כשתילי זיתים סביב לשולחנך,
שמחים תבלו כל ימות השנה,
בעונג ונחת, בשמחה ורננה.

לשנה טובה

מקרב לבי עולה בקשה,
הלואי ונעבור אימי דרך קשה,
בזעף של יום ובשרב יבשה,
ירחק מגבולנו צורר מרושע.

לא נהיה עוד לשמצה ובושה
וכל האדם במהרה יוושע,
מאה שערים לו בשדה מורשה,
לשלום ולפריחה, שנה חדשה.

תכלה שנה וקללותיה,
וכחלום תעוף ;
תחל שנה וברכותיה,
שנת חיים וכל טוב.

ברכת ראש השנה

תהא השנה עלינו
לטובה ולברכה,
לנו ולכל עמנו
שנת אושר והצלחה.

תכלה שנה וקללותיה
וכחלום תעוף;
תחל שנה וברכותיה,
שנת־חיים מתוקה כצוף.

תביא השנה עלינו ברכה,
בשביל החיים, בנתיב האורה;
מלווים נהיה בהצלחה,
והשם יתן דרכנו אורה.

ברכת ידיד נאמנה
מקרב לב שלוחה,
יהי רצון ותהי השנה
שנת שמחה ומנוחה.

לשנה טובה

ברכתו לשנה טובה
לנו יתן איום וקדוש,
גאולה שלמה לעמנו
אחוה לכל אנוש.

יקבל השם תפילתנו
ובספר החיים יכתבנו;
ישלח מלאכו הטוב לפנינו,
להניח ברכה בבתינו.

שנה טובה וברכות
מקרב לב נאחל,
שנת עושר ושמחות,
ושלום על ישראל.

תהי השנה כדבש מתוקה,
השם ימלא משאלותינו,
לשמרנו מכל צרה ומצוקה,
ושמחת עולם תופיע עלינו.

לשנה טובה

בשנה טובה יברכנו
מלך איום ונורא,
במהרה משיח צדקנו,
יופיע בבית הבחירה.

מקבץ נדחי עמנו,
בונה ציון וירושלים ;
ישלח לכם שנה טובה
וברכותיו כפליים.

יהי רצון שבכל יום ויום
בכל שנות קצבת חיינו ;
נרוה נחת ועונג
בכל שנפנה פנינו.

זאת הברכה לכם שלוחה
מאת ידידים טובים וקרובים ;
תהי שנה מאושרה וברוכה,
עם חיים נעימים ושלווים.

ברכת ראש השנה

אלקי אבותינו ישפיע עליכם
מטל שמים ומשמני ארץ,
תהיו שמחים אתם ובניכם,
שאננים מכל איד ופרץ.

שנה טובה ומאושרת
תופיע לנו ולעמנו ;
פרי הארץ לגאון ולתפארת,
יתן לנו ברחמיו בוראנו.

אשתך פוריה בירכתי ביתך,
בניך כשתילי זיתים סביב לשולחנך,
שמחים כן תקבלו כל ימות השנה,
בעונג ונחת, בשמחה ורננה.

ותהי לכל ישראל שנת ברכה
וגם לך, רבי יחיאל דוד סינגר.
תקות השם מעוזכם, אַל תעצבו,
לשנה טובה, אתה וביתך, תכתבו.

לשנה טובה

לכם ידידים רחוקים וקרובים,
במרחקי ים ויבשה;
ברכתי לימים הבאים,
ברכה לשנה החדשה.

תביא השנה עליכם ברכה
בשביל החיים, בשביל האורה,
יופיע לפניכם צל הצלחה,
להפיץ על דרככם שמחה ואורה.

אלהי אבותינו ישפיע עליכם
מטל שמים ומשמני ארץ,
נזהרים תהיו אתם ובניכם,
שאננים מפחד, מאיד ופרץ.

מתוקה כדבש תהי שנתכם בכל,
השם ימלא כל משאלותיכם;
בשורות טובות על כלל ישראל,
שמחת עולם תשרור בבתיכם.

שנה טובה ומאושרת
תופיע לנו ולעמנו,
פרי הארץ לגאון ולתפארת,
יתן לנו ברחמיו בוראנו.

ותהי לכל ישראל שנת ברכה,
גם לכם ולבני ביתכם הצלחה,
בעזרת השם, אל תעצבו,
לשנה טובה לאלתר תכתבו.

לשנה טובה

אַ יאָר פול מיט פרייד,
נישט וויסן קיין לייד,
לאָמיר אלע דערלעבן ;
זאָל זיין גאָט'ס ווילן,
מיט גרויס גליק דערפילן,
אונזער יעדנס שטרעבן.

אַ יאָר פון הצלחה,
פון מזל און ברכה,
גיב גאָט אונז יידן ;
אָן דאגות מלחמה,
אָן רשעות, נקמה,
מיט חסד אויסשמידן.

אַ יאָר פון וועלט פרידן,
און רוהיק פאר יידן,
זאָל גאָט טאָן באַשערן ;
פאר אונזער לאנד ציון,
זאָל גאָט זיך באמיען,
מיט גוטס איר באשווערן.

אַ יאָר פול מיט ישועות,
פאַר די קראַנקע רפואות,
זאָל גאָט אונז שיקן.
די גאנצע וועלט יידן,
זאָלן לעבן צופרידן,
מיט ברכות אונז באגליקן.

לשנה טובה

דער אלטער יאָר גייט אַוועק,
אַ נייער וועט קומען;
לאָמיר אלע האָפן שטאַרק,
מיט שמחות זיין פארנומען.

מיר דאנקען דיר, ליבער גאָט,
פאר דיין חסד און גענאָד;
פאר געזונט און כוח געבן,
און צום נייעם יאָר דערלעבן.

דער אַלטער שטעלט אים פאָר:
דאָס איז מיין יורש אויף אַ יאָר;
און דאָס פעקל שווער אין וואָג,
וואָס איך שלעפּ דאָ, וואָס איך טראָג.

האָב איך אים אַוועקגעגעבן,
צו טראָגן זיין גאנץ לעבן;
ס'איז דאָס פעקל איצט זיינס,
כ'בין שוין אָפּגעקומען מיינס.

איך לאָז אים איבער אין א צייט
פון שנאה, קנאה און פון שטרייט;
זאָל ער עס נעמען ווי אַ פילאָזאָף,
און נישט פארלירן רו און שלאָף...

טאָ זיי געזונט, מיין צייט איז אויס,
דו גיי אַריין, איך גיי ארויס,
ס'איז מער קיין צייט נישטאָ צו רעדן,
מיר וועלן זיך זען אין גן־עדן.

לכבוד קהילת תפארת ישראל

לויפן יאָרן, שווינדן טעג,
קורצער ווערט דער לעבנס־וועג;
נישט געמינערט אויף אַ האָר,
ווידער קומט א נייער יאָר.

צום באַדויערן גאָר,
פילן מיר אָבער נאָר,
ס׳דערשיינען בייזע צייטן,
פון נאָענט און פון ווייטן.

פרעמד די טעג, פרעמד די יאָרן,
מיר האָבן זיי גיך פארלאָרן;
ס׳איז קלאָר דער לעבנס־זין:
מיר טראָגן לעבן אויף טערמין.

שלעכטע פירער אין זייער לאַנד,
אָן בושה און אויך אָן שאַנד,
טוען די וועלט נאָר צעשטערן
און פון יושר — גאָרנישט הערן.

די וועלט באַשטייט אויף 3 זאכן,
וואָס איז גרינג גוט צו מאַכן.
דאָס זענען: אמת, שלום, דין
צו דערגרייכן אַ קלאָרן זין.

פון יעדן איינעם, ווייסט איר ווער?
שטענדיק דער ייד ליידט מער!
יעדעס לאַנד פאַר אירע צרות,
נאָר מיט יידן שלאָגן זיי כפּרות.

דער אמת — דער בעסטער שווינדל,
מיר מוזן לעבן ווי איין געזינדל,
זיין געטרייע ברידער אַלע,
ווי געקנאָטן פאַר איין חלה.

אומעטום ווערט ער געיאָגט,
וואו גענעכטיגט, נישט געטאָגט;
קיינע רעכט — נישט געניסן,
דעם ביסן ברויט — ארויסגעריסן.

ווען עס הערשט נאָר אַ שלום
אויף דער וועלט פון א חלום,
וואָלט מען נישט באַדאַרפט זאָרגן
פאַרן היינט און פאַרן מאָרגן.

צוגענומען זיין פארמעג,
טרייבט מען אים: נעם די וועג!
יעדן איינעם, גרויס און קליין,
לאָזן זיך אויף הפקר גיין.

ווען דורך דין זאָל גיין דאָס לעבן,
צו וועלכן מיר אַלע שטרעבן,
וואָלט רוהיק אויף וועלט געווען,
און קיינע צרות נישט געשען.

דעריבער יעצט צום נייעם יאָר,
דאַרפן אונזערע תפילות גאָר,
צום הויכן הימל גרייכן, צו גאָט!
נישט ליידן פון שאַנד און שפּאָט:

צום נייעם יאָר געהאָלפן ווערן,
שלעכטע נייעס מער נישט הערן;
קריגן זאָלן אונזערע שונאים,
באַצאָלט מיט אַ בושת פּנים...

לשנה טובה

ראש השנה
אַ טאָג פון תפילות,
פאר אונז יידן
אין אלע קהילות.

גיין אין שול
און גאָט בעטן,
יעדער פאר זיך
און וואָס אונז פארטרעטן.

דער נייער יאָר
זאָל זיין אָן לייד,
שאפן ברכות,
פארגעניגן און פרייד.

נחת פון קינדער
אַלע געניסן,
פון קיין צער
קיינמאָל נישט וויסן.

גוטן געזונט
זאָל אונז גאָט געבן,
און אַלע צופרידן
איבער אַ יאָר דערלעבן.

אין ספר החיים
זאָל אונז גאָט שטעלן,
און פון אונז קיינער
זאָל דעם יאָר נישט פעלן.

לשנה טובה

אין יאָר אַ טאָג אָן זאָרג,
קומען מיר צופרידן ;
און גאנץ לאנג, מיט געזאנג,
דאוועגען מיר יידן.

אָרעם, רייך, אַלע גלייך,
נישטאָ קיין יחסנים.
דורך דער תורה, די בעסטע סחורה,
געוואָרן מיט גאָט מחותנים.

הייליגע טעג, אין זייער וועג,
דערשיינען פאר אונז יידן ;
צו בעטן גאָט, פאר זיין גענאָד,
אונז געבן גליק און פרידן.

אין די ימים נוראים פאַרגיב די חטאים,
אָ, גאָט ! מאך אונז ריין און קלאָר ;
שיק דיין ברכה און הצלחה,
מיטן אָנקום פון נייעם יאָר.

בראש השנה... מי יעשר ומי יעני !
נעם אָן אונזערע תפילות ;
געזונטע א ישועה, קראנקע א רפואה,
צו אלע אונזערע קהילות.

אונזער ווילן זאָל גאָט דערפילן,
צו אַלעס וואָס מיר שטרעבן :
נישט וויסן קיין לייד, א יאָר פון פרייד,
לאָמיר אלע דערלעבן, אמן.

לשנה טובה

לויפן יאָרן, שווינדן טעג,
קורצער ווערט דער לעבנס־וועג.
נישט געמינערט אויף אַ האָר,
ווידער קומט אַ נייער יאָר.

פרעמד די טעג, פרעמד די יאָרן,
מיר האָבן זיי גיך פארלאָרן;
ס׳איז אונז קלאָר דער לעבנס זין,
מיר טראָגן לעבן אויף טערמין.

ווען ס׳הערשט נאָר א שלום,
אויף דער וועלט פון א חלום,
וואָלט מען נישט באדארפט זאָרגן,
פארן היינט און פארן מאָרגן.

דו, אלמעכטיקער גאָט!
קאָנסט אַלץ פאר אונז שאפן.
שיק אונז דיין ברכה,
וואָס מיר אלע דאַרפן:

דער שופר זאָל שאַלן,
דער שונא איז געפאַלן,
די קריג איז געענדיקט,
פעלקער זיך פאַרשטענדיקט.

שנאה איז פארשוואונדן,
פון מענטשן אין דער וועלט,
אויך שלום טוט הערשן,
אין ישראל׳ס געצעלט.

לשנה טובה

געבענטשט זאָל זיין די ערד,
דער באָדן וואו מיר לעבן;
פאר די פרוכט און שפייז אונז
יעדן יאָר ארויסגעבן.

געבענטשט זאָל זיין די זון,
פאר איר ווארעמקייט און שיין,
וואָס מאַכט יעדן פילן
מוטיק און צופרידן זיין.

געבענטשט זאָל זיין דער טאָג,
צום אָנפאנג יאָר דערשיינט;
געבענטשט זאָל זיין דאָס וואָרט,
פון אַן אמת'ן, גוטן פריינט.

געבענטשט זאָלן זיין די יידן,
וואָס וואוינען אין אונזער לאנד
און לעבן גאנץ צופרידן,
אין א רוהיגן, זיכערן שטאנד.

געבענטשט זאָלן זיין אונזערע קינדער,
וואָס וועלן פארנעמען אונזער פלאַץ;
זיי זענען אונז ליב און טייער,
זיי זיינען אונזער פארמאָג און שאַץ.

געבענטשט זאָל זיין דאָס יאָר,
וואָס מיר דערווארטן, דערלעבן:
אונז און אונזערע פריינד,
זאָל גאָט געזונט און גליק געבן.

לשנה טובה

מיר יידן פייערן ראש השנה,
לויט דעם דין פון אונזער תורה,
די תפילה "מי יעשר ומי יעני"
דערמאָנען מיט רעספּעקט און מורא.

מיר יידן איבער ימ'ען און טייכן,
זענען זיך צונויפגעקומען צוזאַמען,
עס איז נישטאָ צו אונז קיין גלייכן,
פון הייליקע אבות מיר אלע שטאַמען.

ראש השנה'דיקע תפילות,
פון אלע יידישע קהילות,
גרייכן צום הימל ווי א חזקה,
דאָס זענען: תשובה, תפילה, צדקה.

מיר בעטן גאָט זאָל אונז געבן
די אלטע ברכה אין לעבן:
גוטן געזונט צו געניסן,
א געבענטשט יאָר, א זיסן.

אויף דער וועלט זאָל הערשן פרידן,
שלום וברכה על ישראל;
אויף דער ערד זאָל אויסשמידן
שלוה, רו — דער מלאך מיכאל.

אונזער ווילן זאָל גאָט דערפילן,
מיט אלעס צו וואָס מיר שטרעבן.
נישט וויסן קיין לייד, אַ יאָר פון פרייד,
לאָמיר אלע יידן דערלעבן.

בראש השנה

״בראש השנה יכתבון
וביום צום כפור יחתמון״;
גאָט האָט אזוי אָנגעשריבן,
און אזוי איז דאָס פארבליבן.

ווער וועט לעבן נאָך אַ יאָר,
און ווער וועט גיין פריער גאָר,
דאָס ווערט באַשטימט פון גאָט אַליין,
ווער ס׳בלייבט לעבן, ווער ס׳מוז גיין.

הויבט דאָס הארץ צו פּאָנפּען אָן...
שטייט דאָס לעבן דאן אין קאָן;
און ווי עס שטעלט זיך אָפּ,
פון דער סצענע מ׳גייט אַראָפּ!

קומען איצטער די דאָקטוירים
מאַכן א הארץ, נייע אברים...
נישט צופרידן מיטן גזר השמים...
אז מ׳דארף נישט אַ מת מיט א הארץ אַ נייעם.

מ׳וועט ברענגען אַ מאַן מיט א הארץ פון א פרוי,
פון א טערק צי א טאָטער, צי סתם א גוי.

שטעלן וועט מען אים פארן בית דין של מעלה,
און אָנהויבן וועט זיך די ריכטיקע שאלה:
איז ער א מאן? צי איז ער א פרוי?
איז ער א ייד? צי איז ער א גוי?
איז נישט אַהער און נישט אהין —
איז וואָס זאָל זיין מיט אים דער דין?...

לשנה טובה

אַ נייער יאָר איז ווידער דאָ,
פונקט אין צייט און צו דער שעה ;
דער אלטער יאָר מיטן גרויען באָרד,
האָט אָפּגעטראָטן אים זיין אָרט.

און דער אלטער שטעלט אים פאָר :
דאָס איז מיין יורש אויף א יאָר ;
און דאָס פעקל שווער אין וואָג,
וואָס איך שלעפּ, וואָס איך טראָג

האָב איך אים אעקגעגעבן,
זאָל ער עס טראָגן זיין גאנץ לעבן...
ס׳איז דאָס פעקל איצט שוין זיינס,
כ׳בין שוין אָפּגעקומען מיינס...

אַלף תשרי — ראש השנה,
יום תרועה — חג זכרון.
גאָט אין הימל ! בענטש אונז יעדן,
מיט געזונט און גוטע יאָרן.

ס׳איז דאָס אַלטע יאָר אויסגעגאנגען,
אלדאָס שלעכטס מיטגענומען ;
בעטן מיר א כתיבה טובה,
זאָל פאר אונז יעדן קומען.

געבענטשט זאָל שוין זיין דער יאָר,
וואָס מיר דערווארטן דערלעבן ;
אונז, און בכלל אלע יידן,
זאָל גאָט געזונט און גליק געבן.

לשנה טובה

אין א ים פון שנאה,
די כוואליעס ברויזן ;
מענטש מיט מענטשן
קאָנען נישט הויזן.

אין א וועלט פון שטורעם,
פון רציחה ברומען,
מענטש מיט מענטשן
קאָנען נישט אויסקומען.

דו, אלמעכטיקער גאָט !
קאָנסט אלעס שאפן :
שיק אונז דיין ברכה,
וואָס מיר אלע דארפן.

דער שופר זאָל שאלן:
דער שונא איז געפאלן,
דער קריג איז געענדיקט,
פעלקער זיך פארשטענדיקט.

מיר אלע צוזאמען
געפלאָכטן ווי א קייט,
יעדער טוט געניסן,
פון זיין לעבן די פרייד.

שנאה איז פארשוואונדן
פון מענטשן אין דער וועלט,
אויך שלום טוט הערשן
אין ישראל׳ס געצעלט !

לשנה טובה

לשנה טובה — צו אלע יידן:
א נייער יאָר גייט קומען;
א סך געזונט אין פריידן,
אוזערע שונאים זאָלן פארשטומען.

א יאָר מיט פיל זיגן,
דורכויס אויף אלע געביטן;
די שונאים זאָלן די מפּלה קריגן,
נישט האָבן ווער ס'זאָל זיי פארהיטן.

אונזער לאנד ישראל זאָל בליען,
א מוסטער פאר דער וועלט ווערן;
פון אלע עקן צו איר ציען,
צו איר וואָרט זיך צוהערן.

נישט פירן קיין מלחמות,
זיך נישט שרעקן פאר קיינעם,
נישט ברענגען מער אומזיסטע קרבנות,
לעבן אין שלום מיט אירע שכנים.

צוזאמען מיט זיי ביי איין טיש זיצן,
און נישט פילן קיין מורא;
פארשטיין, נישט לאָזן זיך אויסנוצן
פון נאסער'ס צרה'דיקע תורה...

נאָר אזוי וועט מיטל־מזרח אויפלעבן,
ווען קיינער וועט נישט שטערן;
זאָלן מיר זיי א ברכה געבן,
אונזער ניי־יאָר וואונש זאָל מקויים ווערן.

לשנה טובה

אַ יאָר פֿול מיט פֿרייד
נישט וויסן פֿון קיין לייד,
לאָמיר אלע דערלעבן.

זאָל זיין גאָטס ווילן,
מיט גליק דערפֿילן,
אונזער יעדנס שטרעבן.

אַ יאָר פֿון הצלחה,
פֿון מזל און ברכה,
גיב גאָט פֿאר אונז יידן.

אָן דאגות מלחמה,
אָן רשעות, נקמה,
מיט חסד אויסשמידן.

אַ יאָר פֿון וועלט־פֿרידן
און רו פֿאר אונז יידן,
זאָל גאָט טאָן באשערן.

פֿאר אונזער לאנד ציון,
זאָל גאָט זיך באַמיען,
מיט גוטס איר באשווערן.

לשנה טובה

נאָך אַ יאָר איז שוין אוועק!
ס'נעמט דאָך פּשוט אָן א שרעק,
ווי שנעל די יאָרן לויפן;
ווי גיך פון מאָרגן ווערט א היינט,
און דאָס ערגסטע, ליבע פריינט,
וואָס מ'קען קיין צייט נישט קויפן.

וואָלט מען זיך געקענט פארזאָרגן,
מיטן היינט און מיטן מאָרגן,
אַנגרייטן זיך אויף שפּעטער;
ווייסט נישט, מענטש, אין וועלכן טאָג,
אַ שטימע וועט געבן א זאָג:
"צייט צו גיין, רב פּעטער!"

לוינט זיך נישט צו טראַכטן, קלערן,
וואָס וועט זיין און וואָס וועט ווערן,
שווער זיך דאָ פונאנדערקלייבן.
ס'איז דער סדר פון דער וועלט,
פון בראשית איינגעשטעלט,
און וועט אזוי פארבלייבן.

דעריבער זאָל גאָט'ס ווילן,
מיט פיל גליק צו דערפילן,
אונזער יעדנס שטרעבן:
אַ יאָר א נייער, מיט פיל פרייד,
נישט וויסן פון קיינע לייד,
לאָמיר אלע דערלעבן.

לשנה טובה

א גוטער יאָר, אונז ליבע יידן!
פון דער גאנצער וועלט;
זאָל דער נייער יאָר ברענגען פרידן,
וואָס דער וועלט עס פעלט.

פרידן, שלום, זיכערקייט,
זיכער מיטן מאָרגן.
ס׳איז שוין צייט, שוין צייט,
וועגן שלום מער נישט זאָרגן.

זאָל דאָס נייע יאָר ברענגען,
אביסל פרייד און גליק;
דער שלום זאָל נישט הענגען,
זיך וואקלען אויף א שטריק.

דאָס אלטע יאָר — ווייט אין מעריב,
צאָנקט נאָך אין רויטע פארבן;
פארענדיקט דאָס לעצטע פלעמל,
ווי א ווידוי פארן שטארבן...

ס׳איז דאָס יאָר שוין אויסגעגאנגען,
אַלדאָס שלעכטס מיט זיך גענומען,
בעטן מיר א כתיבה טובה,
זאָל פאר יעדן אונז שוין קומען.

שיווי זכויות לגברים ולגברות

תנו רבנן: הכל עולים למנין "שבעה קרואים", אפילו קטן ואפילו אשה (מגילה, דף כ"ג)

"הצהרה"

מנהג חדש נגהיג באמריקה המדינה,
חג "בת־מצוה" גם לרחל וגם לדינה;
חוצץ נעביר במחנה ישראל הרינה:
"לא נשב כאורחים עניים בפינה,
ונביט אל אחינו "בני מצוה" בקנאה
שיווי זכויות גם למילטן וגם ללינאה".

עוד ידינו נטויות לקעקע הבנין:
בטליתות ותפילין נהיה עטופות,
ובבתי מדרשים "למנין" נהיה צרופות;
"EQUAL RIGHTS" לזכר וגם לנקבה,
נקרא ל"עליות" ונעבור לפני ה"תיבה",
בדיני ישראל — שיווי זכויותינו,
והוא "לא" ימשול נחרות על דגלנו;
נהנה גם אנחנו מזיו השכינה,
אבן מאסו הבונים — תהיה לראש פינה.

ויבואו האנשים עם הנשים — כתוב בתורה,
ולא יראו ולא חששו מהרהורי עבירה;
הלא שנינו? אין יצר הרע נכנס לבית מדרשנו,
ומדוע נפלינו אנחנו בבתי כנסיותינו?...
לא לנו עוד לסוך דרכנו ב"מחיצות",
הלא נהיה עטופות בטלית ובציצית;
כבר בתהילים כתוב: יתמו חטאים ולא חוטאים,
לא ניתנה תורה למלאכי השרת ולא לשוטים.

*

ואני הצעיר בתומת לבתי
לכן, בנות החן, הסכמתי...
תחזקנה ידיכן — בלי פחד ומורא,
ובעזרתכן יהי... הגדול, הגבור והנורא.

חלק ו
ברכות מזל־טוב

געדאנקען צו געדענקען

ברכת מזל-טוב

לך, דודני חיים, אשלחה
מזלא טבא, שלום וברכה ;
לכבוד חג כלולותיך,
באתי בזה לברכך.

בשלום ושלוה תבלה חייך,
עם רעיתך הכבודה, יפודו מעינותיך ;
בכל אשר תפנה יהי דרכך תמים,
ביתך אשר תבנה — הלואי לאורך ימים.

ברוך תהיה בצאתך ובבואך,
אשתך כגפן פוריה בירכתי ביתך,
נועם ונחת תשכן באהלך,
הצלחת עולם תופיע עליך.

טובה תביאך בכל מעבדיך,
ודרכיך ומעשי ידיך יכונו,
ברוכים יהיו גם הוריך,
הנלווים אליך, מטוב תרונו.

ברכת מזל-טוב

אנו מביעים איחולים לבביים,
להורי הכלה צפורה ודוד נ״י,
דודנינו החביבים,
לכבוד כלולות בתם העדינה,
חנה תי״ו עב״ג שלמה נ״י,
יהי רצון שתרוו רב נחת וגדולה
בבנין עדי עד ודור מישרים מבורך.

לכבוד הזיווג
אשא בזה כוס ברכה,
לחיים טובים והצלחה,
לכם, הזיווג, שלמה וחנה,
יפרח מזלכם כשושנה,
ויופיע מצור העולמים,
קשר קיימא לאורך ימים.

לכבוד ההורים
המון ברכות וצבא שמחות,
לאין קצבה לכלולות מצוה,
ואיחולים מלוא העביט,
להורים — צפורה ודוד.

שיר סאטירי מאת נפתלי הערץ,
חובב ציון במוסקבה.

ברית שלוש עשרה לפנים
והבר־מצוה שלנו

יום בר־מצוה בישראל לפנים,
בהביא בניהם בעול מצוה ותורה,
היה לששון לאבות ובנים,
שניהם זהרו בזיו ואורה:

הבן נעשה אח ליהודה,
השפה העברית היתה שפתו;
נשא בעול מצוה ותעודה,
וכל תוכו — תורתו אומנתו.

תורותיו, דרשותיו המסולאות בפז,
שמעו נבונים, חכמים וישישים
לא פחד, לא חת, לא אָנס כל רז,
על עמדו עמד, לא בטל בששים.

פלפוליו הזהירו כזוהר הרקיע,
לבבו רחב בפתחו של אולם,
סברות וסוגיות כבכברה הניע,
ויעל מרום קצן כעולים בסולם...

*

עתה שפתו — שפה זרה:
באב פראָסט — לו לפז,
שקספיר — יגלה לו כל רז;
מארק טוויין — מרגניתא,
הגימנסיה — פומבדיתא;
עדגאר פו — הגמרא,
שפת לעטין — הסברה;

"לאות ולטוטפות" מי מהם יודע?
"מקדש", "כי יביאך", "אם שמע"
"מעור אחד", "מרצועות שחורות"
הלכה למשה מסיני לדורות?...

עיניהם השע! הכבד לבמו,
אוזנם אטומה, לא תבחן מלין,
רבים נאלחו ואין אחד במו,
היודע התפלל או להניח תפילין?

אבל מה פשעם, מה חטאתם?
אבותם חוטאים בנפשותם,
מבשרנו נחזה, עינינו תראינה:
אכלנו בוסר — שני בנים תקהינה.

אם רבי לא שנה — חייא מנין?
חינוך הנוער — מאפס ואָין.
לא למדו, לא שנו חוקי התורה,
וספר החתום להם חכמת המסורה.

זה כרם ישראל ונטעי שעשועינו,
הוסרה המשוכה, פרוץ גדרנו;
לא נבנה בו מגדל, לא נחצוב יקבים
הממנו נקו לעשות ענבים?...

למזל־טוב

(צום געבוירנטאָג פון צווילינג בערקאָוויץ)

מיר דאנקען און לויבן דיר, גאָט!
פאר דיין ליבן חסד און גענאָד,
וואָס האָסט געטאָן מיט אונז אצינדער:
געשענקט אונז צוויי בריליאנטענע קינדער.

זיי זענען ביי אונז גאָר טייער,
אָ! ליבער פאָטער, געטרייער,
מיר פארלאנגען פון דיר א ברכה:
זייער קומען זאָל זיין מיט הצלחה.

מזל־טוב! אייך קינדער געטרייע,
צו אייער שמחה, די נייע.
צום געבורט פון גאָלדענעם פאָר,
אויף לאנגע, געזונטע יאָר.

דער מזל זאָל אייך נאָר שפילן,
איר זאָלט זיך גליקלאך פילן.
פון אייערע קינדער נחת דערלעבן,
און זיי זאָלן אייך כבוד געבן.

צו אייך, צווילינג געערטער,
וועל איך זאָגן א פאָר ווערטער:
נעמט די ברכה פון אייער זיידן,
פון טיפן הארצן צו אייךביידן.

איר זאָלט לעבן בשלום צוזאמען,
פארשאפן פרייד טאַטן, מאַמען,
וואקסן געזונט, צופרידן,
זיין אויך געטרייע יידן!

מזל טוב לחג מצות התאומים

צו אייער בר־מצוה,
ליבער צווילינג קינדער,
גרויס איז אונזער שמחה!
מיר לויבן גאָט אַצינדער.

נאָך פיל יאָרן שווערע,
געארבעט און געשטרעבט,
האָבן מיר יעצט אלע
פארגעניגן דערלעבט.

געציילט אייערע יאָרן,
געווארט פארן טאָג פון היינט;
גאָט זאָל אייך באגליקן,
מיט אַ מזל וואָס שיינט.

פאָרויס זאָל גיין דאָס גליק,
פאר אייער יונג לעבן;
נישט אָפּקערן זיך צוריק,
נאָר שטענדיק פאָרווערטס שוועבן.

צו אייער בר־מצוה
איז אונזער וואונש — פיל פרייד,
און זייט העכסט־גליקלאך,
נישט וויסן פון קיין לייד.

שענקט אייערע עלטערן
כבוד פיל און ערע,
פאר זייער דערציען אייך,
מיט מי, גאנץ שווערע.

זייער גאַנצן לעבן
אָפּגעגעבן פאר אייך,
זייער ציל און שטרעבן —
זען אייך מיט לייטן גלייך.

אויך באָבעו און זיידן
נישט פארגעסןביידן;
מיט דער קרוין שטאָלצירן,
לאנגע יאָרן איר נישט פארלירן.

נעמט אָן אונזער ברכה:
מיט גליק און הצלחה
זאָל אייער מזל שפּילן
און זיך גליקלאך פילן.

קינדער! זייט שטאָלצע יידן!
דאָס איז אונזער פארלאנג!
יידעשלאך זיך פירן
אין אייער לעבנס־גאַנג.

אייער זיידע און באָבע
אהרן קריוויצקי און קוניה.

ברכת מזל-טוב

(לחגיגת הבר־מצוה של העלם בנימין יתי"ו)

מזל־טוב אייךביידע: באַבע, זיידע לעבן!
אַ הערצלעכע ברכה טוען מיר אייך געבן:
נאָך אייער אייניקלס בר־מצוה ווערן,
זאָלן זיך ביי אייך פיל שמחות מערן.

נאָך פיל יאָרן שווערע געשטרעבט,
האָט איר איצט פיל נחת דערלעבט.
צוזאמען מיט אייערע ליבע קינדער,
פייערן דעם אייניקלס בר־מצוה אצינדער.

פאַרויס זאָל זיך ציען אייער גליק,
קיינמאָל נישט אָפּקערן זיך צוריק:
נישט פארשאפן אייך קיין לייד,
הערשן זאָל ביי אייך די פרייד.

מזל־טוב אייך, פאָטער און מוטער לעבן!
מיר ווינטשן דאָס גוטס זאָל פאר אייך שוועבן;
דער מזל פאר אייך זאָל שטענדיק שפילן,
און ס'גאנצע לעבן זיך גליקלאך פילן.

פיל יאָר אין מי און זאָרג פארבראכט,
פארשידענע צייטן דורכגעמאכט...
צום טאָג בר־מצוה געווארט ביז היינט,
די באלוינונג פאר אייך יעצט דערשיינט:

פרייד מיט נחת זאָלן זיך צוזאַמען שליסן,
ר׳זאָלט פון קיין צער קיינמאָל נישט וויסן,
די צווייגן פון בוים זאָלן זיך צעשפּרייטן,
מיט צייטיק־זיסע פּרוכט אייך באַגלייטן.

און דיר, בנימין, בר־מצוה געערטער,
באַגריסן אָנקל און טאַנטע מיט די ווערטער:
טייער און ליב שעץ דיין באָבע און זיידע,
די קרוין אויף דיין קאָפּ דיר זענען זיי ביידע!

זיכער, פאָטער און מוטער קומען בעפאָר,
געדענקען זייער טרייקייט אויף לאַנגע יאָר.
שענק דיינע עלטערן כבוד און ערע,
פאַר זייער מי אין יאָרן די שווערע.

גאַנץ ווייט איז זייער שטאַנד פון זיין רייך,
דאָך אויפגעבראַכט דיר מיט לייטן זיין גלייך;
אלע יאָרן זייער ציל און שטרעבן —
דיר אַ יידישע דערציאונג נאָר געבן.

נעם־זשע אָן אָנקל־טאַנטעס וואונש און ברכה,
וואַקסן זאָל מיט דיר דיין מזל און הצלחה;
זיי שטאָלץ מיט דיין שטאַם פון פאָלק־יידן,
דיין גאַנץ לעבן זיי גליקלאַך און צופרידן.

הערצלעכע וואונטשן פון ברודער און שוועגערין,
אָנקל און טאַנטע אהרן, קוניה קריוויצקי.

ברכות ואחולים לבת מצוה

המון ברכות וצבא
שמחות לאין קצבה,
לנעמי הבת מצוה,
יגדל שמה,
כמלכת שבא.

*

"שיר בדיחה"

מאת הסופר היינריך היינה האשכנזי, מתורגם בעברית

מאת הברכות השונות אשר למדוני,
שכחתי את רובן בחזון;
לא אזכור עוד ברכה שעל גבי המטה,
וברכת השחר או מזון.

רק ברכה עוד אחת לי קדושה בחיים,
וקבועה היא הכן בנשמה;
בימים הטובים אזכרנה, ובאסון,
רק היא לי תהיה לנחמה...

החפצתם לדעת מה משפט הברכה,
אשר לבי אליה עוד יפן?
הלא זה שמה מימים קדמונים,
"בורא פרי הגפן"...

צרות ישראל בחרוזים

מעולם ועד עולם,
אנו נרדפים ונגרפים,
דוויים וקרועים,
אסורים ושבורים.

ובכל ימי גלותנו,
שלבנו ידינו,
עצמנו עינינו,
נמנמנו ונרדמנו.

חוללינו גזרו עלינו תליה,
ואנחנו ישבנו בבכיה;
חיכינו לרציה,
דאגנו בדומיה.

אם דנונו לשריפה,
כינסנו אסיפה,
התפללנו בציבור,
ונצא חובתנו בדיבור.

אם נמנו וגמרו
להמיתנו בנשיקה,
הודינו לשופטינו
בדומיה ובשתיקה.

בזמן שהיה גוונו
ביד שונאינו
נתון למכים,
קראנו לאל ממעמקים.

ואם לחיינו — למורטים ושורטים,
ורוחנו — לשוטרים ונוטרים,
נחמה לנפשנו המתעלפת
היתה נעימה זועפת...

או באיזו הלצה,
ובקללה נמרצה,
צעקנו ובכינו,
ואמרנו תעינו...

לגאולה חכינו
ולישועה צפינו,
עד שבאו צעירינו
ושפכו דמם בעד ארצנו.

ותעבור הרינה,
בכל עבר ופינה:
"בסיעתא דשמיא
ניצחה ישראל המדינה!"

געדאַנקען צו געדענקען

אַ גוטער בוך איז פון שיינע געשאַנקען,
איר עפנט דעם בוך — עפנט דער בוך אייך — געדאַנקען.

ווען פען און פּאַפּיר זענען זיך מתחתן,
ווערט אַ מאַמע פּאַפּיר און די פען איר טאַטן.
און ס׳קומען צום לעבן ווי גלידער, גייסטיקע קינדער — לידער.

אַלץ וואָס ס׳לעבט קאָן פילן און הערן —
איר שניידט אָפּ אַ צווייג, לאָזט דער בוים פאַלן טרערן.

היט אַ גוטן בוך — ווי א גוטן פריינט,
וואָס גיט דיר א מאָרגן — וואָס ס׳פעלט דיר היינט.

ס׳איז גאָרנישט קיין וואונדער וואָס מיר האָבן אזויפיל אָרעמעלייט,
ווייל צו גאָט איז צו הויך, און צו דער רעגירונג צו ווייט.

די קו גיסט מילך און ווייסט נישט דעם נוץ,
די הון לייגט אייער און ווייסט נישט וואָס א טוץ.

אַ פיש קאָן נישט גיין, און א שיכור קאָן נישט שטיין.

ווילסט שלאָפן אין אַ ריינעם בעט, פויל זיך נישט צו וואשן גרעט...

מיר קאָנען פארשלינגען א ווערטער־בוך און נישט רעדן קיין וואָרט...

אָן צער און צאָרן — ווערט קיין זאך נישט געבאָרן...

דער גלייכסטער וועג קען דיר פארפירן, אויב דו ווייסט נישט, וואוהין דו גייסט...

דער וואָס האָט נישט קיין געווויסן, וויל טאַקע פון גאָרנישט וויסן.

ווען א וואסער גייט ארויס פון די ברעגן, לאָזט עס זיך אויף אַלע וועגן...

ער ווייסט אזויפיל פון יידישקייט, ווי א קוגל־טאָפּ פון שבת...

צו שנאַפּס איז גוט טאָרט ; און צו פארשטיין — אַ גלייך וואָרט...

די קו גיט מילך, אָבער זי קען נישט מאַכן קיין קעז...

צום עסן איז דאָס אַ פּעסל אָן אַ דעק, און נעמט עס רעדן — איז די מעשה אָן אָן עק...

דער פוקס קען זיין א חכם — אין אַ פעלד פון בהמות...

פּרוּוו נישט איינשלינגען די וועלט, זיי וויסן
ביי דער מאַמע ערד ביסטו איין ביסן...

ס'איז בעסער ביים לעבן א גוט וואָרט,
ווי נאָכן טויט אַ גוט אָרט...

מעגסט זיך פאָרשטעלן די פיינסטע לופט־שלעסער,
נאָר אין דער היים איז אַלץ בעסער.

הערינג און פיש — ווילן נישט זיין ביי איין טיש.

אַ קרעכץ און אַ געוויין קען יעדערער פארשטיין.

דער וואָס האָט גאָרנישט מיט וואָס צו לעבן — לעבט מיט האָפענונג.

איינער ווישט אָפּ די בלאָטע מיט דער קאַפּאָטע,
און אַ צווייטער ווישט אָפּ מיט דער קאַפּאָטע — די בלאָטע.

אַ קליין מענטשעלע אַ גאָרנישט — נאָר צעקאָכט ער זיך ווערט ער — אַ גרויסער גאָרנישט...

דער וואָס רייסט אָפּ די פּרוכט מיטן צווייג — וועט איבער אַ יאָר האָבן אַ פייג...

ער ווייסט זער ווייניק פון יעדער זאַך — נאָר האָט ליב צו רעדן אַ סך...

אויך צווישן נאַראָנים איז פאַראַן איינער אַ קלוגער — דער וואָס שווייגט...

צעטייל דיין ירושה ביים לעבן, וועט קיינער נישט אויסקוקן אויף דיין טויט.

גאָלד איז די טייערסטע זאַך, נאָר ווי גיך דאָס ווערט געלט
ברענגט עס שוין צרות אויף דער וועלט.

ווי לאַנג מ'קען שרייען, גאָט, גיב ברויט! איז מען נישט טויט...

אַ האַרציקער גוט־מאָרגן — מאַכט אַמאָל גרינגער די זאָרגן.

דער שיכור וואָס האָט דעם טרונק האָלד —
איז דאָס פעסעלע ווײַן בײַ אים גאָלד.

דער וואָס שטייט אויף באַגינען — האָט פיל צו געווינען
און קאָן זיך נאָך אַ סך רו פאַרגינען...

דער מענטש וואָס שטייט נאָר ביים שפיגל — צו אויסזען שיין
זעט קיינעם נישט, נאָר זיך אַליין.

דער מענטש איז ווי דער שניי. ווען ער פאַלט — ווערט ער בלאָטע.

ווען דער ים איז טיף — פאָרט גרינג די שיף.

אים איז גוט, ער האָט א סך חסרונות און ווייסט גאָרנישט וואָס אים פעלט...

ער איז שוין נאָך דער וואַקאַציע,
דאַרף ער זיך אָפּרוען און נעמען צו דער פּראַצע...

אויב דו ווילסט איבער אַ יאָר זיך דערנערן,
זאָלסטו היינט די וואָרצלען נישט צעשטערן...

ביי אַ בעל־הבית׳טע מיט פוילע הענט, ווערט דאָס עסן פאַרברענט.

קומט צום דאַווענען — קאָן ער בלויז זאָגן אמן!
צום שרייבן איז אַ צלמ׳ל זיין נאָמען,
צום האַנדלען מיט מענטשן איז ער אַ המן.

ווי דו זאָלסט נישט זיין גערעכט מיט דיין כעס: פאַרענדיק מיט אַ שפּאַס...

קליינע מענטשעלעך... האָבן גרויסע אויגן.

ער ווייסט נישט וואו איין און וואו אויס, קריכט ער אריין קאָן ער נישט ארויס.

דער וואָס פאָרט צום בית עולם אַהין און צוריק — דער האָט גליק...

מיטן כוח פון זיידנס תורה, זיין טאַטנס סחורה... האָבן אַלע פאַר אים מורא...

זאָל דרייען, זאָל שנייען, אבי זיין אין צווייען.

ווי גיך ער מאכט אַ גראַשן — קריגט ער שוין לשון...

דער רייכער רעכנט זיין געלט — און דער אָרעמאַן ציילט וואָס אים פעלט.

ער איז אַ גאַנצער פילאַנטראָפּ, נאָר פאַר זיך נעמט ער די סמעטענע אַראָפּ.

אַז דער מאַן איז א שלעפער, ווערט די ווייב אַ נאַכשלעפּערין.

דער רייכער פאָרט צו פאַרהיטן דאָס געזונט,
דער אָרעמאַן דאַרף פאָרן צו פאַריכטן דאָס געזונט.

אויף שטיינער וואַקסט נישט קיין קאָרן און פרוכט וואַקסט נישט אויף קיין דאָרן.

אָפּט פאַרגעסן מענטשן די, וועלכע האָבן זיי געשטעלט אויף די פיס
און זיי קריכן יענעם אויפן קאָפּ...

אַ מענטש קאָן א סך פאַרטראָגן, נאָר נישט קיין ליידיקן מאָגן...

לויט זיין נארישן פנים, דערמאָנט ער איינעם פון די פיר בנים...

דער וואָס טיילט אויס אַ צווייטן פאַלשע קאָמפּלימענטן,
קאָן דערוואַרטן קריגן דאָס אייגענע מיט פּראָצענטן.

אין רייכקייט פאַרמאָגט ער פון אַלץ, נאָר אין שכל פעלט אים זאַלץ...

גוטע פריינט דאַרף מען זיך פאַרדינען, שלעכטע איז דאָ פיל צו געפינען...

האָט נישט קיין ביסל און רעדט פון א סך...
פאַרמאָגט נישט קיין ברעטל, און רעדט פון אַ דאַך.

קומט צו אַרבעטן, איז ער בלויז אַ יוצא,
קומט צום עסן, איז די גרעסטע המוציא...

עס איז גוט צו כאַפּן אַ טאַנץ, ווען די פּאַדלאָגע איז גאַנץ...

ווייטיק און צער טרעפט דעם קלוגן ווי דעם נאַר.

וואַרף נישט אַרויס די שטול און קאַפּול — אפילו ווען דער טייסטער איז פול.

מ׳דערקאָנט דעם פּאַסאַזשיר לויט די פעקלאַך און דעם פרעסער לויט די בעקלאַך...

מיט זיין אַפּעטיט — קאָן ער אַליין בענטשן אין "מזומן". ער עסט פאַר דריי...

די מאַמע: "זאָג מיר איין מאָל 'אַ גוט יום־טוב'— איידער 'קדיש' א גאַנץ יאָר".

דער טויט קלייבט נישט איבער, דאָך מיידט ער אויס דעם "גיבור"...

מיט איין האַנט גיט ער אייך "שלום עליכם", מיט דער צווייטער — א פייג...

אַ בעל-גאווה האַלט זיך העכער פון דער זון: די זון לאָזט זיך אַמאָל אַראָפּ— אָבער ביי אים איז שטענדיק פאַרריסן דער קאָפּ...

דער גוטער, ווי דער שלעכטער, לאָזט איבער א ירושה:
דער גוטער לאָזט כבוד, דער שלעכטער — נאָר בושה.

אַ טיש קאָן נישט זיין אָן אַ בענקל — ווי א שיכור אָן א שענקל.

ער מעג זיין דער שענסטער; נאָר אָן שכל — איז ער ווי אַ שטוב אָן פענסטער.

ווי זאָגט דער פעטער — אַ שטומער קאָן נישט זיין קיין בעטער.

ער איז נישט קלוג, נישט שיין, אָבער ער זעט זיך גוט צו אַליין...

ווילסט קריגן פון דער קו מילך, קעז און פוטער —
מוז איר מאַלצייט אויך זיין אַ גוטער.

אָן אָרעמאַנס טיש איז — פעפער אָן פיש.

ווייַנען און זיך פרייען — איז גוט אין צווייען.

פון זיין קאַפּעליע: טאַנצן פליגן אויף דער סטעליע (סילינג).

צו גאָט וואַשט ער שטענדיק די הענט —
נאָר באָרגט ער וועמען אויף שבת, נעמט ער אַ משכון מיט פראַצענט.

דער וואָס פאַרמאָגט דעם גראָשן — האָט אויך לשון.

ער האָט ליב צו עסן, נאַשן — נאָר נישט קיין כלים וואַשן.

ער איז א מסור, אַ "זינגער", האָט קלעפיקע פינגער
און וועט פאַרקויפן זיין נשמה פאַר "קלינגער"...

אויף מים זאָגט מען נישט קיין לחיים.

אַרויף איז שווער צו גיין — באַרג־אַראָפּ קייקלט זיך אַליין...

דלות גראַמט זיך נישט מיט חלות. און יושר מיט עושר...

מזל איז אַ טייערער ביסן — בלויז רייכע קאָנען פון דעם געניסן.

עסן שטענדיק צימעס — ווערט אויך נמאס.

ער מאַכט אַלע מאָל "אַ מזומן" — וואו צוויי, איז ער "אַ דריטער"...

ער טראַכט נאָר, וואו קאָן ער ערגעץ באָרגן.
ווען אָפּגעבן, זאָל זיך שוין יענער זאָרגן.

זאָגט נישט יאָ, ווען ס׳איז נישטאָ.

אַ גוטן געדאַנק, לייג נישט אין באַנק.

דער מאַמעס אַ קוש איז ריין ווי גאָלד —
אַ קוש פון אַ געליבטער מיינט מען ס׳איז גאָלד.

מיט אַ פריילעכן פנים פאַרמיידט מען אָפט שאַפן זיך שונאים.

ווען דאָס פּאַפּיר איז ווייס, זעט מען נישט קיין גרייז.

ער לעבט מיט גאָטס חסד, נאָר מוז אַלע מאָל זוכן אַ גמילות חסד.

דער וואָס האַלט פון לעולם תקח — פרעגט נישט קיין מקח...

דער וואָס קאָן נישט אויפהאַלטן אַן אַלטן פריינד —
זאָל נישט זוכן קיין נייע פריינד.

ער האָט ליב אַן אַלטן רב אויף דער בימה און אַ יינגן חזן מיט אַ פיינער שטימע.

ער גיט שטענדיק יעדן אַן עצה —
האָסט נישט קיין פערד און וואָגן — טראָג אויף דער פּלייצע.

פון עסן זיך דאָס האַרץ — ווערט נישט גרינגער.
פון קורצן זיך די יאָרן, ווערט מען נישט יינגער.

מיט אַ טשוואָק קאָן מען נישט פאַרצערעוועז אַ זאַק.

אַזוי גייט דאָס לעבן ביזן סוף: דער טאָג — אין אַרבעט; די נאַכט — אין שלאָף.

ווען ער פילט שוין אַז ער קאָן נישט גיין — לויפט ער צו אַ דאָקטאָר.

ביי אים איז יעדער טראָט — ווי אויף אַ דראָט; נאָר דער קאָפּ לויפט גאַלאָפּ.

ער איז אַ חכם פון כעלעם, אַ מכשף פון סיילעם, אַ גבור אויפן בית־עולם.

אויף דיינע קלאָץ־קשיות — דאַרף דיר ענטפערן אַ האַלץ־העקער.

זיי האַלטן זיך ווי אַנדערע צוויי: זאָגט ער אוי, זאָגט זי ווייי!

דער רייכסטער באַזיצער, האָט נישט קעגן טויט אַ באַשיצער.

לעכער אין די שיך — לעכערן אָפּט אויך דעם קאָפּ.

אין קאַלעדזש איז ער אַ פּראָפעסאָר און ביים שווער — אַן אומזיסטער פרעסער.

ער זעט אויס ווי אַ לייב מיט ביינער,
ער איז אָבער נישט מער ווי אַ הונט אָן ציינער.

ער איז אַ צעשראָקענער האָז און האָט נאָך פליגן אין נאָז.

אַ גאָטס גנב איז נישט פרום — ווי אַ קראָפּיווע איז נישט קיין בלום.

דער וואָס לעבט נאָר מיט בטחון — איז שטענדיק געבראָכן.

פון זיינע אַלע "האבעס" — האָט ער נישט קיין חלה אויף שבת.

ער האַלט אין די קעשענעס די הענד — און רייסט זיך אויף די גלייכע ווענט.

יום כפור גלאָצט ער מיט די אויגן צו גאָט —
אַ גאַנץ יאָר פאַרשווערט ער יעדן געבאָט.

פאַר מענטשן האָט ער נישט קיין בושה, נאָר פאַר גאָט שפרינגט ער קדושה.

ער האַלט זיך פאַר אַ חכם; די פרוי רופט אים רשע.
די שכנים — תם. נאָר פאַר דער וועלט איז ער אַ שאינו יודע לשאול...

אַלע מאָל צו נעילה, קומט ער טאָן תפילה.

יום כפור בעט ער, אַ גאַנץ יאָר נעמט ער...

פריער עסט ער צרות; דערנאָך זוכט ער כפרות.

פריער דרייט ער די כפרה איבערן קאָפּ; דערנאָך זוכט ער די כפרה אין טאָפּ.

פּסח פאַר די עשר מכות — גיסט מען אָפּ ווײַן;
פּורים פאַר המנען — גיסט מען אַרײַן...

ער איז אַ מלך פון הודו ביז כוש; נאָר פירן די מלוכה האָט ער גישט קיין חוש.

איין מאָל אין יאָר — איז לולב און אתרוג אַ פּאָר...

דער לולב און אתרוג זענען נישט קיין גליקלעכע פּאָר;
דאָך זענען זיי צוזאַמען פון יאָר צו יאָר.

ערב יום כפור הויבט ער דעם האָן, שמחת־תורה — די פאָן;
אַ גאַנץ יאָר איז ער פויל אויפהייבן אַ שפּאָן.

די חנוכה ליכט בענטשט ער; נאָר ווײַב און קינד שעלט ער.

זופט פון פלעשל און טרינקט לחיים; עסט דאָס פלייש און טיילט שיריים.

ער איז שיין אויפן פּנים און שלעכט ווי מײַנע שונאים.

ער מעג זאָגן ברוך אתה... ווײַל ער האָט אַ רײַכן טאַטע.

אַמאָל זענען זיי געווען פאַרליבט; איצט בלויז פאַרקניפּט.

מיט אַ ריטל איז שווער אויסקערן די שטוב,
און מיט א לעפעלע — פאַרשיטן אַ גרוב.

פון קוילן וואָס ליגן אין גרוב — ווערט נישט וואַרעם אין שטוב.

פאַרליבטע און נאַראָנים — דערקענט מען אויפן פּנים.

צו יעדן יאָר קומט אַ נײַער קאַלענדאַר —
נאָר דער נאַר בלײַבט אַן אַלטער נאַר.

אַלע זוכן די באַשערטע — און נעמען — דאָס פּאַרקערטע.

מעג די שטייג זיין פון גאָלד, דאָך האָט עס קיינער נישט האָלד.

אויפן בית־הקברות ווייסט מען נישט פון קיין צרות.

דער שרייבער ברעכט דעם קאָפּ ביים שרייבן —
דאָס בוך זאָל אין שופלאָד נישט בלייבן.

די כלה פאַרפּוצט אין דעם חופּה קלייד, און טאַטע־מאַמע מיט טרערן פרייד.

דער פויגל איז מוחל דאָס גאָלדענע שטייגל — פאַר אַ הילצערן צווייגל.

ווען דער גלאָק קלאַפּט טרעוואָגע, מוז זיין אַ שריפה אָדער חגא.

צו אַ מלאכה איז גוט — הצלחה און מזל־ברכה.

דער וואָס געוואוינט זיך צו לעבן פון נעמען... ווייסט נישט פון זיך שעמען.

ער ציט די ווערטער ווי פון קליי; נאָר ס׳קלעפּט זיך נישט איינס מיט צוויי.

באַטראַכט גוט דיין טאַט... איידער דו זאָגסט אָפּ דעם הרי את...

ווי איינער זאָל נישט זיין אָרעם, אַ צווייטער רייך —
נאָך הונדערט און צוואַנציק... זענען ביידע גלייך.

ווען דו ווילסט פון שפּייז געניסן, כאַפּ נישט קיין צו גרויסן ביסן.

אַ פּוסטע פאַס קאָן גרינג שווימען; אַ פּוסטער קאָפּ — זיך גרויס באַרימען

פון עסן טעג האָט מען שלאָפלאָזע נעכט.

ווילסט קריגן שלח מנות — מוזטוליידן פון אסתר תענית.

יעדער אחשוורוש האָט זיך זיין המן און יעדער המן האָט זיין מפּלה.

דער רשע אין דער הגדה איז נישט אַזוי געפערלעך, ווי דער רשע אין לעבן.

ער איז נישט אַזוי פאַראינטערעסירט אין סדר נאָר אין דעם, וואָס מ׳עסט כסדר.

חלק ז
אלגעמיינע לידער

די בלום (פראַגמענט)

וואו אַלע פאָרן, אין מיטן וועג,
ליגט דאָרט אַ טייערע בלום;
עס ליגט און פוילט אייניקע טעג,
דער ווינט ווארפט איר ארום;
זי שרייט און וויינט מיט גרויס געבעט:
"פאַמעלעך, זעט ווי איר גייט!
האָט רחמנות, זעט, איר צעטרעט
אַ בלום מיט א פרעכטיקן קווייט!
רחמנות האָט ווער,
קומט נאָר אַהער —
הייבט אויף אַ בלום, וואָס זי גלאנצט!
אוי, טראָגט מיך אַהין,
פון וואנען איך בין,
וואו מען האָט מיך צום ערשטן געפלאנצט".

*

"פאר צוויי טויזנט יאָר, ווען דו וואָלסט מיך זען,
בשעת איך האָב מיין מלוכה געהאַט,
וואָלסט אליין דיך פארוואונדערט ווי איך בין געווען,
די שיינהייט פון מיין יעדער בלאַט —
כהנים, לוויים, גענערעלער אָן אַ שיעור,
איך האָב דאמאָלס שטאָלצירט אין פלאָר.
דאַן האָט מען פלוצלינג אויסגעריסן מיר,
איך וואלגער מיך באַלד צוויי טויזנט יאָר...
וואו איך בין געווען,
האָב איך רציחות געזען,
געריסן מיר גליד פאר גליד;
געברענט און געשניטן
און נאָך מער צרות געליטן —
און נאָר ווייל איך בין אַ ייד!"

אונזער תלמוד תורה

יעדן טאָג, אָן זאָרג,
קומען מיר צעפרידן ;
און גאנץ לאנג, מיט געזאַנג,
לערנען מיר זיין יידן.

אָרעם, רייך, אַלע גלייך,
פריילעך, אָן מורא,
גרויס און קליין, מיט איין מיין,
קומען מיר לערנען תורה.

סאָלאָ :

אין "בית יעקב" תלמוד תורה,
דאָ איז אונזער בעסטע סחורה :
גוטע דערציהונג און השלמה,
וואָס שלייפט די קינדערשע נשמה ;
ערע און ליבע לאָמיר דיר שענקען,
אייביק לאָמיר דיר געדענקען.

מיר זענען נאָך קליין צו פארשטיין,
די אומשטענדן פון דער צייט ;
מיר'ן ווערן גרעסער, וויסן בעסער,
וואָס יידישקייט באדייט.

די צייט איז טייער, לערנען פרייער,
אַלע אין איינעם כ'לעבן !
צו אונזער בורא, צו אונזער תורה,
צוזאמען לאָמיר שטרעבן.

(סאָלאָ)

אין "בית יעקב" תלמוד תורה . . .

יידישע קינדער, לערנען אצינדער
אלע צוזאמען, אָנשטענדיג, שיין ;
כדי צו וויסן, זיך באגריסן —
דאָס יידיש לעבן צו פארשטיין.

לאָמיר נעמען, זיך נישט שעמען,
צוזאמען טאַנצן אַ קראַהאָד,
לאָמיר קלינגען, לאָמיר זינגען,
השם אלהינו, השם אחד !

(סאָלאָ)

אין "בית יעקב" תלמוד תורה . . .

דאס פליען צו דער לבנה

מיין פעטער שיע׳ן געפעלט נישט,
דאַס פליען פון אויבן;
ס׳וועט, זאָגט ער, די מענטשהייט,
זיך דערפון נישט דערהויבן.

אַנשטאָט נישטערן, פאָרשן,
די ווייטע פלאַנעטן,
זאָל מען בעסער די וועלט
פון שנאה אויסגלעטן.

מען טאָר זיך נישט מישן
אין באשעפער׳ס געשעפטן,
מ׳פארשווענדט נאָר אומזיסט
פיל געלט און פיל קרעפטן.

זאָל מען בעסער דירות
און פרנסה אונז געבן,
כדי מ׳זאָל זיך ווי מענטשן
קאָנען אויסלעבן.

וואָס טויג פליען צום הימל,
אז ס׳איז פונקט פארקערט:
מען פליט אין די הימלען,
און — מ׳ליגט אין דער ערד.

אָט פלי איך פון מיינער...
טאָג איין טאָג אויס,
און שטופ זיך אין סאָבוויי,
ביים אריין און אַרויס.

איך פלי טאָג און נאַכט,
פלי הין און צוריק,
שטענדיק פארנומען,
ביי זוכן מיין גליק.

גאָט האָט באַשאַפן דעם מענטש,
מיט זיין וואָרט ״אדם נעשה״
און באפוילן אים ארבעטן —
״למען תצליח בכל אשר תעשה״.

איך פלי אויך פון די טרעפּ,
איך פלי פון דער טיר,
אַ גאַנץ לעבן איך פלי,
אָן אויפהער, אָן א שיעור.

אַזוי לויפן די יאָרן,
יעדער ארבעט גאנץ שווער;
ביז די עלטער קומט אָן,
מ׳קאָן שוין נישט אַרבעטן מער.

אלה תולדות נוח

אלה תולדות נוח,
פון בראָנפן קריגט מען כוח,
כוח איז דער עיקר,
פון בראָנפן ווערט מען שיכור.

אָב איז א פאַטער,
קדר איז אַ טאָטער,
א טאָטער איז קידר,
בגדים זענען קליידער.

קליידער זענען בגדים,
חוט איז אַ פאָדים,
א פאָדים איז חוט,
טוב איז גוט.

גוט איז טוב,
אַ בער איז דוב,
דוב איז אַ בער,
ריק איז לער.

לער איז ריק,
נחשים זענען סנייקס,
סנייקס זענען נחשים,
ברעטער זענען קרשים.

קרשים זענען ברעטער,
אָבות זענען פאָטערס,
פאָטערס זענען אָבות,
טויט איז מות.

מות איז טויט,
לחם איז ברויט,
ברויט איז לחם,
טראַכט איז רחם.

רחם איז טראַכט, (מוטער)
שמונה איז אַכט,
אַכט איז שמונה,
אַ טויב איז יונה.

יונה איז אַ טויב,
מצנפת איז א הויב, (א הוט)
אַ הויב איז מצנפת,
אַ שטאַל איז רפת.

רפת איז אַ שטאַל,
מרה איז א גאל,
אַ גאַל איז מרה,
אַ קו איז פרה.

פרה איז אַ קיה,
בוקר — אין דער פרי,
אין דער פרי איז בוקר,
טייער איז יוקר.

יוקר איז טייער,
אש איז פייער,
פייער איז אש,
בשר איז פלייש.

פלייש איז בשר,
חזיר איז אָסור,
אָסור איז חזיר,
מים איז וואַסער.

וואסער איז מים,
וויין איז יין,
לאָמיר צוזאַמען
טרינקען לחיים!

פרילינג

ס'איז דער ווינטער שוין אַוועק,
שנייען, ווינטן אויפגעהערט בלאָזן,
געקומען זענען די פרילינג טעג,
אויפגעלעבט פון דאַסניי ביימער און גראָזן.

טייכן, פעלדער מיט אייז באדעקט,
פון דער משא געגומען זיך באַפרייען;
טויבן האָבן דעם פרילינג דערשמעקט,
אָנגעהויבן: טראַ־טראַ־טראַ שרייען.

אַלייען, פּאַרקן, ווידער אויפגעלעבט.
וואָס א גאנץ ווינטער געווען פארשטומט;
געוואַרט מיט האָפענונג און געשטרעבט...
אַט איז געקומען דער פרילינג אַצינד.

די פייגעלאך האָבן אָנגעפאנגען זינגען,
ווי נאָר דער פרילינג הויבט זיך אָן באַווייזן;
פון איין צווייגל צום צווייטן זיי שפרינגען
זיי ווען געפינען פון וואָס זיך צו שפייזן!

מענטשן מיט אַ שמייכל א זיסן,
טרעפן זיך אין די גאסן ווידער;
זענען העכסט צופרידן זיך באַגריסן,
ביים דערווארעמען די קאלטע גלידער.

לויפן, שפרינגען קינדער אין די גאסן,
ווי פויגל פון א שטייג באפרייט;
ברייט צעעפנט מען פענסטער און טעראסן,
ס'איז א פרייד — ס'איז פרילינג צייט.

אַלעס לעבט, אַלעס שוועבט, ס'איז א מחיה,
די וועלט איז געוואָרן פאר יעדן א פרייע;
די זון שיינט, די זון וואַרעמט יעדן איינעם,
זי מאַכט נישט קיין שאָדן, קיין בייז קיינעם.

בלויז איך שטיי — און געדאנקען שוועבן,
טויזנטער, אין איין אויגן־בליק;
איך זע אַלץ קומט צוריק צום לעבן,
דאָך, דעם מענטשנס לעבן — קומט נישט צוריק.

דער רויך פון קוימען און מויל

די וועלט איז פול מיט רויך,
ס׳כאַפּט אַזש אָן אַ גרויל ;
פון די קוימענס שפּאַרט א רויך,
און אַ רויך — פון מויל.

בחור, מיידל, מאַן און פרוי,
רויכערן און הוסטן ;
ס׳איז די געוואוינהייט אזוי —
מ׳קען נישט אָפּשטעלן דאָס גלוסטן

פרויען היטן אָפּ די מאָדע,
כאָטש די מאָדע מאכט זיי קראנק ;
און מ׳רויכערט מיט התמדה,
און מ׳פּיפּקעט מיט געזאנג.

אין די היימען, אין די גאַסן,
נאָר מ׳רויכערט אָן אַ שיעור,
גאַנץ געלאַסן, אָן גרימאַסן,
בלאָזט מען רויך אויף דיר.

אויטאָמאטיש ווי ראָבאָטן,
רויכערט מען און מ׳הוסט,
מוזיקאַליש ווי אויף נאָטן,
צום רויכערן ציט, עס גלוסט.

דאָקטוירים פּויקן אין די טאַצן,
מיט לונגען־קענסער זיי סטראשען,
נאָר די פירמעס ווי פּאַיאַצן,
מיט האמוירשעלס רק זיי רעש׳ן.

אזוי רויכערן די מאַסן,
ווי קיין וואָרנונג נישט געווען,
אין די היימען, אין די גאסן,
גלייך ווי גאָר נישט וואָלט געשען.

די וועלט איז פול מיט רויך,
ס׳כאַפּט אַזש אָן אַ גרויל ;
פון די קוימענס שפּאַרט אַ רויך,
און אַ רויך פון מויל.

זומער פרייד

פריילאך זינגען די פייגעלאך!
אויף די גרינע צווייגן;
דערוועקן זיי יוגנט־קלאַנגען,
וואָס מאכן אונז נישט שווייגן.

אויסגעשפרייט אַ צויבער,
אויף גראָז און בלומען,
פרייען זיך יונג און אַלט:
„זומער איז געקומען!"

פארשווינדן כמורנע טעג,
וואָס האָבן פארטריבט דאָס געמיט,
ס'איז אַנגענעם צו זען,
ווי אַלץ אַרום עס בליט!

גאָלדיג שיינט די זון,
מיט אירע וואַרעמע שטראַלן,
פילט אָן דאָס הארץ מיט
הארציקע פרייד־קוואַלן.

זומער שיינער, דו זומער, ליבער!
ביסט פון נאַטור אונז צוגעשיקט,
דער קאלטער ווינטער פאַריבער,
זיי מיט אונז, און זיי באגליקט.

גיב אונז וואַרעמקייט,
גענוג אין שטוב געזעסן,
גיב אונז ווארעמקייט,
די טונקל־גרויע טעג פארגעסן!

גיב רעגן, דונערן און בליצן,
אָבער אלעס מיט א מאָס!
נישט צווינגען אין שטוב זיצן,
אָן פאר ווען, אָן פאר וואָס.

לאָז אונז זיך אָננעמען,
מיט זומערדיקע ריחות,
נאָך ווינטער אַ שווערן, אַ קאַלטן,
איינזאַפּן פרישע כוחות.

פון אַלץ וואָס דו פארמאָגסט,
צו ביסלאך אונז געבן,
ס'וועט דיר נישט ברענגען שאָדן,
די הנאה פון זומער לעבן,
צו כאַפּן א שווים, אין ים — באָדן.

דער שפיגל

אַמאָל האָט אין שפּיגל מײַן פּנים
געשײַנט,
פון צופרידנקייט, יוגנט און מוט;
אָבער וואָס זע איך דאָרט הײַנט,
אַ פּנים פול קנייטשן, אָן בלוט.

אַמאָל האָט מיך דער שפּיגל
פאַרשאַפט אַ סך פרייד,
הײַנט האָב איך פון שפּיגל
נאָר עגמת־נפש און לייד.

אין דעם ווײַט־ווײַטן קוק
האָב איך אין שפּיגל געזען,
צוריק לאַנג, נאָך דאַן,
א שיין, פיין יונגנמאַן.

הײַנט זע איך אין שפּיגל,
אַן עלטערן ייִדן;
בין איך מיט דעם אַלטן
גאָרנישט צופרידן.

אַמאָל האָב איך זיך געשפּיגלט
אין שפּיגל, און נישט געזען,
וואָס ס׳וועט שפּעטער
מיט מיר געשען...

איך האָב דאַן געזען
נאָר די יוגנט אַליין;
הײַנט זע איך די עלטער,
קאַלט — ווי א שטיין...

געווען א פרײַנד מיר דער שפּיגל,
אין די יוגנט יאָרן;
איצט איז דער שפּיגל מיר
אַ שונא געוואָרן.

האָבן טענות צום שפּיגל?
איז לעכערלעך, כ׳לעבן!
ס׳איז נישט שולדיק דער שפּיגל,
ס׳איז שולדיק דאָס אלט לעבן...

א בריוו פון מיאמי

איך קען אייך שרייבן,
ליבע פריינד,
אַז איך בין
אין מיאמי היינט.

יעדער זינגט,
וויל מאכן א היט ;
ס'צייגט זיך דאָך,
זינגען קאָן ער נישט.

ס'איז דאָ פריילעך,
נאָר מ'לאַכט,
פון פארגעניגן
נאָר מ'טראַכט.

אַ געפילדער,
א יאריד,
מ'קומט, מ'גייט,
מ'ווערט נישט מיד.

ווי אין א בינשטאָק
דאָ עס זשומעט,
און עס רודערט זיך,
און עס ברומעט.

עס טומלט זיך
אַ גאַנץ מעת־לעת,
אין דער שטאָט
פון עס און פרעס (פארגעס)

*

מענער, פרויען,
ביים ברעג־ים,
מיט אַ געפילדער,
מיט אַ טאַ־ראַ־ראם.

מענער, פרויען
פון יעדן שיכט,
זוכן איינס די צווייטע,
ווי מיט ליכט.

אויף 9-טער סטריט
אַלע צוזאַמען,
אויף שריט און טריט,
זינגען, רעקלאמען.

און די ליבע
קאָכט און זידט,
לויערט, בויערט,
בריט און גליט.

פרויען־צימער
זענען גאָר פיל דאָ ;
נאָר קריגן אַ צימער —
שוין גאנץ שווער דאָ !...

דער פּרוש

געווען איז דאָס מיט יאָרן צוריק,
ווען דער ייִד האָט דאָס שטעטל
אויסגעקליבן.
געקומען איז ער אַלס אורח,
און אַ תּושב אין קלויז פאַרבליבן.

פאַרוואונדערט פלעגן ייִדן פרעגן:
"ווי קען אַ מענטש אַזוי לעבן?
פון דער וועלט זיך אויסגעטאָן
און אין אַן אַנדער וועלט שוועבן".

עסן פלעגט ער ברויט מיט וואַסער,
און דאָס אויך נישט צו זאַט;
שטענדיק פאַרטיפט אין אַ ספר,
שטענדיק ווי געזוכט דעם פּשט.

פיל סבֿרות פלעגט מען דערציילן;
דעם אמת האָט מען נישט געוווּסט,
גערעדט האָט ער מיט קיינעם,
ווי אַ סוד געהאַלטן אין זיין ברוסט.

אַ סבֿרא — האָט איינער געזאָגט;
אַז געווען איז ער פון די ל"ו...
ביז אַנטפּלעקט איז ער געוואָרן
און זיין שטאָט פאַרלאָזט צום סוף.

אָנגעטאָן איז דער הימל געווען,
אין אַ טונקל שלייער פון נאַכט,
אַ בלאַסע לבֿנה פון וואַנדערן מיד,
געדרימלט האָט מיט אויגן האַלב
פאַרמאַכט.

געשלאָפן האָט דאָס שטעטל,
אין שטילקייט פון פרימאָרגן,
געזעסן איז שוין דער פּרוש
אין אַ ספר די אויגן פאַרבאָרגן.

ער מיט דעם חלבֿ ליכט,
ביידע געל און איינגעבויגן,
צוויי פלעמעלעך האָבן געצאַנקט,
אומעט האָט שטילקייט געזויגן...

עס האָט די ווינטער קעלט,
זיינע ביינער הונגעריק געביסן,
אָפּט אַ קרעכץ פון זיין האַרץ
האָט די שטילקייט איבערגעריסן.

עס האָט דער פּרוש געלעבט,
ווי אין אַ צייטווייליקן געצעלט,
די וועלט איז בלויז דער פּאָרהויז,
דער פּאַלאַץ — אויף יענער וועלט...

*

ווען איך זאל נאר קאנען

ווען איך זאַל נאַר קענען די וועלט אויסגלייכן,
וואַלט זי באקומען א ליכטיקן פנים ;
איך וואַלט פאראייניגט דעם אַרעמאַן און רייכן,
וואַס איז דער קוואל פון אייביקע שונאים.

כ'וואַלט זיך צו אַ מיטל דערטראַכט,
און אויס : נישטאָ מער קיין שקלאפן !
פון דער גאנצער מענטשהייט איינס געמאכט,
בלויז אין איין קאָליר זיי באשאפן.

איך וואַלט קיין קריטיק גענומען אין אַכט,
און דעם גאנצן סיסטעם געביטן :
פון אלע פרויען — עליזאבעט טיילאָר געמאכט,
און אַ סך אייפערזוכט אויסגעמיטן !

פון אלע שפראכן וואָס עקזיסטירט,
פון אַלע דיאַלעקטן פון דער וועלט,
וואַלט איך בלויז איין לשון איינגעפירט,
און גראָד יידיש — ווייל מיר אזוי געפעלט.

פון אלע לענדער וואַלט איך געמאכט נאַר איינע,
און ווערט נישט פון דעם נתפעל :
אויסגעקליבן וואַלט איך אונזער לאנד די שיינע,
וואַס איר נאָמען איז ישראל !

אונזערע וועלט פירער וואַלט איך באַשטראָפן,
פארן פירן אזויפיל מלחמות ;
מיט ביטערע פילן זיי פארשלאָפן,
פאר אומברענגען אומשולדיקע קרבנות.

נישט יאָגן זיך מער נאָך אוצרות געלט,
נאַר שלום זאָל הערשן אויף דער וועלט ;
פון שנאה־קנאה — נישט מער קיין שפראָץ,
מקויים זאָל ווערן : ונמר עם גדי ירבץ.

אָט אַזוי וואַלט איך פון דער וועלט געמאַכט,
ווען דאָס ליגט אין מיינע הענט ;
אַלע שלעכטס וואַלט איך אומגעבראכט,
ווען איך וואַלט נאַר דאָס געקענט.

משה רבנו דער יידן באפרייער

קנעכט זענען מיר געווען אין מצרים,
פון גרויס ביז קליין: פארשקלאפט יעדער איינער,
סיי טאָג, סיי נאכט, אלע שווער געליטן,
פון אַרבעט אויסגעמיטן האָט נישט קיינער.

ליים געקנאָטן, ציגל געברענט,
געבויט אין מצרים הויכע פיראמידן;
פרעה׳ס גזירה, פּינקטלעך דערפילט,
האָבן די אומגליקלעכע פארפּאָלגטע יידן.

פּיתום און רעמסס — פעסטונגען געמאכט,
מיט גאָר הויכע טויערן און ריגל;
שטרוי איבער וועגן און פעלדער געקליבן,
צו פארשטארקן דאָס ליים און ציגל.

אוממעגלעך געווען צו פארליידן מער,
האָבן יידן צו גאָט זיך געקערט:
„רבונו של עולם, דיר איז נישט שווער,
צו באפרייען דיין פאָלק אומגעשטערט״.

געהערט האָט גאָט דאָס געבעט און געוויין
און געשיקט משה׳ן — אַ מאַן מיט פאַרשטאַנד;
צום קעניג פרעה אָן מורא צו גיין,
אויסלייזן די יידן פון מצרים לאַנד.

פּרעה האָט משה׳ס רייד אין אַכט נישט גענומען:
דאָס געבעט פון פאָלק און זייער קלאָגן;
האָט באפוילן משה׳ן מער צו אים נישט קומען,
באַשטראָפט האָט אים גאָט מיט אלערליי פּלאָגן:

אַ חיה וואָס עסט, אַ האָגל, אַ פעסט,
אַ פינצטערניש, א מלאך המות...
ביז פרעה אליין האָט זיי געהייסן גיין,
און שוין אויפגעהערט מאכן קאַטאָוועס.

אַרויס פון מצרים זענען זיי קוים,
איז זיי פּרעה נאָכגעלאָפן.
מיט זיין מחנה געקומען צום ים,
און האָט זיי דאָרט געטראָפן.

ער וואַלט פון זיי געמאַכט אַ תּל,
זיי וואַלטן געגאַנגען פאַרלאָרן...
אַ נס פון גאָט איז געשען שנעל:
דער ים איז פאַרגליווערט געוואָרן.

פרעה'ס מיליטער האָבן אין דעם מעמד
טיף דאָרט באַקומען זייער קבורה;
אונזערע לייט אויף דער אַנדערער זייט,
האָבן פריילעך געזונגען שירה.

צום באַרג סיני האָט משה זיי געבראַכט,
צו זיין גרייט פאַר קבלת התורה;
און ווערן פון גאָט געליבט און געאַכט,
פאַר זייער דינסט צום אייביקן בורא.

געוואַנדערט האָבן זיי פערציק יאָר,
אין דער הייסער וויסטע;
ווייניק וואַסער האָבן זיי געהאַט,
נאָר זאַמד און שטיינער פּוסטע.

פון שטיין וואַסער האָט פאַר זיי געצאַפּט,
משה דער מיוחס;
און פון הימל האָבן זיי געכאַפּט
שפּייז — מן — כצפּיחית.

משה'ס צער איז געווען זער פיל,
אויסצושטיין זייערע קאַפּריזן;
געליטן דאָך האָט ער רוהיג, שטיל,
און יעדן מאָל פאַר זיי נסים געוויזן.

משה'ס בקשה איז געווען צו גאָט:
קיין ארץ ישראל ברענגען די יידן;
צוזאַמען מיט זיי וואוינען דאָרט,
געניסן פון גרויס פאַרגעניגן.

דאָך אַ קול פון הימל האָט זיך דערהערט:
״שטאַרבן אין מדבר איז דיר באַשערט,
משה, פאַר דיין זינד פון שלאָגן דעם שטיין,
קאָנסטו קיין ארץ־ישראל נישט גיין!״

אמעריקע

אַ—מ—ע—ר—י—ק—ע, צו דיר מיין לויב געזאַנג,
פון דיין יעדן אות, ווי ליב ס׳איז מיר דער קלאַנג;
נישט נאָר ביסטו מעכטיק, גרויס און רייך,
נאָר אַלע מענטשן זענען ביי דיר גלייך.

אַלע האָבן גלייכע רעכט ביי דיר,
און געלעגנהייטן אָן א שיעור;
האָסטו נאָר אַמביציע! קענסטו ווייט דערגיין!
ווערן קענסטו דאַמאָלס, וואָס דו ווילסט אַליין.

קענסט ווערן גאָר א גרויסער פאַבריקאַנט,
אָדער גאָר א וואָלסטריט ספּעקולאַנט,
פון קראָמען קענסטו ווערן א מאַגנאַט,
אפילו אויך דער גובערנאַטאָר פון דיין שטאַט!

אַ—מ—ע—ר—י—ק—ע, דיין לויב־געזאַנג איך זינג!
אַ ״פּאָליטישן״ ביי דיר ווערן קען מען גרינג,
זיין געלערנט — דאַרף מען נישט, און אויך נישט קלוג,
בלויז אַ פּיסק און עלנבויגנס איז גענוג!

א קאָנגרעס־מאַן קאָנסטו ווערן מיט דער צייט,
אויב נאָר דו קענסט זיך מיט געוויסע לייט...
און האָסטו שכל מער ווי פון אַ נאַר —
אפילו אויך א מלוכה סעקרעטאַר.

אַ טייער לאַנד אַמעריקע! ביז גאָר!
אין דער גאַנצער וועלט — נישטאָ צו איר קיין פּאָר;
דאָס לאַנד איז מיט געלעגנהייטן פול —
קענסט פּרעזידענט אפילו ווערן אין א שוהל!

וואו פארט מען אויף זומער?

מ׳גרייט זיך צום זומער,
מיט נייגער אַוואַציע!
מ׳ברעכט שוין דעם מוח,
מכוח וואקאציע.

זאָל מען קאָכן פאר זיך?
צו גיין אין אַ האָטעל?
ביז וואנען מען באשליסט,
מ׳ווערט גרין און געל...

אין יעדער צייטונג
רעקלאַמעס נישט פעלן:
פון באַנגעלאך, ים־ברעג
און קאָונטרי האָטעלן...

צירקולארן, פּאַמפלעטן,
בראָשור, נאָך בראָשור,
פון האָטעל "טאַראַראַם",
פון האָטעל "פּאָמפּאַדור".

אַ טומל, אַ רעש,
ווי ביליק זיי שאַצן!
צו קומען און זען,
די האָטעלן־פּאַלאַצן!

מ׳זאָגט אייך צו גליקן,
אויף אייער וואקאַציע;
טאָ ווארט נישט אויף שפּעטער,
מאַכט באַלד רעסערוואציע!

און דער ים־ברעג ס׳וואָרנט:
"אין קאונטרי — פול פליגן!
קומט בעסער צום "סי־שאור"
אין די כוואליעס זיך וויגן".

אויך די באַנגעלאך טומלען:
"זייט אליין באלעבאַס;
ביים ים עסט מען זאמד
און מ׳ברענט אָפּ די נאָז"...

"אין האָטעל? מ׳ווערט פעט
און רונד ווי אַ קניידל;
אין באַנגאלע קאָן מען
זיין שלאנק ווי א מיידל!"...

פון אַלע רעקלאַמעס
נישט קליגער, נאָר דומער!
מען ווייס נאָך אַלץ נישט,
וואו פאָרן אויפן זומער!

דער מענטש און דער בוים

אַוועק איז דער זומער, דער ווינטער קומט באַלד,
ס'פאַלן די בלעטער, ס'בלייבט נאַקעט דער בוים;
די פויגעלאַך צעפליִען פון פעלד און פון וואַלד,
דער בוים שטייט פאַרחלומט און וועבט שטיל אַ טרוים.

דער בוים און דער מענטש, ווי די בלעטער די טעג!
בוים אָבער נאָך ווינטער ט'זיין ווידער אין צוויט;
אַ מענטש — ביי ווינטער, איז סוף פון וועג,
בלויז איין פרילינג האָט ער, נאָר איין מאָל ער בליט.

דער בוים באַלד נאָכן ווינטער לעבט אָפּ צוריק,
די זוניקע שטראַלן ברענגען אים חיות און גליק,
צו שפּראָצן און וואַקסן, באַקליידן איר צוויט,
אומעטום וואו ער שטייט אויף שריט און טריט.

דער מענטש, קומענדיק צו די עלטערע יאָרן,
אים איז נישט ניחא, וואָס ער איז געבוירן געוואָרן.
ער פילט וואָס ער האָט דערוואָרבן איז הבל הבלים,
אַלץ איז פאַרשאַונדן ווי אַ נעכטיקער חלום.

דער בוים אָבער וואָס עלטער — איז מעכטיקער, גרעסער,
דער ווינטער נעמט צו די אַלטע, געלע בלעטער,
און דער זומער מאַכט אים פון דאָסניי וואַקסן,
און צום נייעם יאָר באַקליידן אים שענער און בעסער.

אַוועק איז דער זומער, דער ווינטער קומט באַלד,
ס'פאַלן די בלעטער, ס'בלייבט נאַקעט דער בוים;
די פויגל צעפליִען פון פעלד און פון וואַלד,
דער בוים שטייט פאַרחלומט און וועבט שטיל אַ טרוים.

דער מענטש אויף דער עלטער ווערט שוואַך און קראַנק,
עס טוט אים לייד, עס טוט אים זער באַנג:
וואָס ער האָט דערוואָרבן איז הבל הבלים,
עס איז פאַרשוואונדן, ווי אַ נעכטיקער חלום.

יידיש, מיין יידיש...

אָ, יידיש, מיין יידיש, די שפּראַך פון מיין מאַמען!
עס האָבן דאָך דורות דורך דיר גערעדט;
דו האָסט דאָך אונז שטענדיק געהאַלטן צוזאַמען —
אין שמחה און פרידן, אין צער און געבעט.

דו האָסט אונז געלויכטן אויף אונזערע וועגן,
געבונדן מיט נאָענטקייט אונז אַלע באַנאַנד;
ס'איז שטענדיק א ייד געקומען אַנטקעגן —
מיט יידישן שלום אין יעטוועדן לאַנד.

מיט דיר שרייט לוי יצחק ק' צו גאָט ר'זאָל הערן...
און פּרץ ער כישופט דיין וואָרט ווי פון שטיין,
און שלום עליכם געלאַכט האָט מיט טרערן,
און ווער ווי מיר יידן, ווער? וועט זיי פאַרשטיין...

ישראל סאַלאַנטער האָט געלערנט אונז מדות...
דער גאון דער ווילנער, פאַרשלאָסן מיט גאָט;
ס'רעדט זייער מויל אַ געהייליקטן יידיש,
געהייליקט אַזוי ווי אַן עלפטער געבאָט...

ס'האָט יצחק אלחנן גערעדט מיט אונז יידן —
מיט גוטסקייט, מיט ליבע, צו אָרעם און רייך;
און רייזין אברהם, דער זינגער פון "מידן" —
זייביידע זענען דאָך דורך דיר אונז גלייך...

אָ! יידיש, מיין יידיש! דאָס וואָרט פון מיין אומה,
ווי וועלן מיר קענען אָן דיר זיך באַגיין?
מיר וועלן דאָך בלייבן אין לעבן אָן תקומה,
אויב דו זאָלסט, חלילה, אונז ווען פאַרגיין...

מיין פעטערס סוכה

מיין פעטער חיים שיע,
געווען א מאָדנע בריאה;
ער האָט גאָרנישט געקענט,
געהאַט ליימענע הענט.

נאָך יום כפור האָט מיין פעטער,
געבויט אַ סוכה פון ברעטער,
מיט אַ לייוונטענעם דאַך,
אַנשטאָט גרינעם סכך.

די סוכה צו מאַכן,
פון פארשידענע זאַכן,
האָט אים געהאָלפן בלומע,
מיין טייערע מומע.

זי האָט געזעגט מיט א זעגל,
און אַריינגעקלאַפט נעגל,
בעת ער האָט מיט א ברעט,
זיין קאָפּ שיעור געפּלעט.

און מיט דער האַק,
דערלאנגט זיך אַ קנאַק!
און פּלוצלינג — אין מיטן,
זיך אַ פינגער צעשניטן.

האָט מיין מומע געשריען,
אויפן פעטער חיים שיען:
אָ, ביזטו אַ לא יוצלח!
ביזט צו גאָרנישט נישט נוצלעך.

„קענסט אַ האַמער אין האנט
נישט האַלטן, מיין פריינט,
און אז דו'ס'ט די סוכה שוין מאַכן,
וועט מען ערשט דארפן לאַכן".

און געלאָפן איז בלומע,
מיין טייערע מומע,
און געבראכט אַ באַנדאַזש,
ווי צו געבן אים קוראזש.

און ער קרעכצט מיטן פינגער
ווי אַ חזן מיט די זינגער:
אוי! דער פינגער טוט וויי!
וואו איך שטיי און וואו איך גיי!

„אי, ביזטו שיע,
אַ געראָטענע בריאה!
ביזט אַ סטאָליאר ווי מיינע צרות,
דו טויגסט אויף ריינע כפרות!"

פארשידענע קעפ

קעפ וואָס טרוימען אלץ
פון גאָטס פארמעגן,
קעפ וואָס חלומ׳ן בלויז
פון זאטע טעג.

קעפ וואָס דענקען העלפן
דעם צווייטן אין א נויט,
קעפ וואָס זוכן נאָר
לעבן פאר זיך גאנץ ברייט.

קעפ צו ברענגען נוצן
פאר אונזער וועלט,
קעפ צו פארכאפן
דעם צווייטנס געלט.

קעפ וואָס ווילן גאָר
דעם מענטשן דערהויבן.
קעפ וואָס זוכן נאָר
יענעם צו בארויבן.

קעפ אָנגעזאפטע
מיט חכמה און תורה,
קעפ אָנגעשטאָפטע
מיט פארלעגענע סחורה.

קעפ וואָס דענקען
נאָר וועגן פרידן.
קעפ וואָס גערן
שלעכטס טאָן יידן...

דער פארשפעטיגטער שדכן

אז געצל דער שדכן
פון שידוכים טוט ברייען,
קען מען פון אים זיך
שוין מער נישט באפרייען.

און ער'ט באלד גענומען
באזינגען און לויבן:
גרושות, אלמנות,
און מוידן ווי טויבן!

ער רעדט פון שידוכים
מיט אַזאַ טעמפּאָ, א גוואלד,
אז אויב איינער איז א "סינגל",
מוז ער הייראטן באלד.

"מיט געלט, מיט דירות,
פּראָפּעסיעס און פאכן,
געראָטן, געלערנט —
וועסט לעבן און לאכן".

אָט האָט ער מיר נעכטן
געפּאקט אין קאָפעי
און האָט מיר גע'מוסר'ט
אויף זיין שטייגער אזוי:

גענוג שוין גע'בחור'ט!
נישט זיי מער קיין יאָלד!
אָט האָב איך פאר דיר
אַ מיידל ווי גאָלד:

"וואָס? ביזטו נאָך אַ בחור
דאָס איז דאָך א שאנד!
איך האָב פאר דיר א מיידל,
אַ קאָזאק, אַ בראנד!

אַזוינס און אַזעלכעס,
אַ רייכע און שיין,
כ'זאָג דיר, א שמאלץ גרוב —
וועסט זען אַליין.

"כ'מאך יעדן שלומיאל,
מיט לייטן צוגלייך;
אז איינער איז א קבצן,
ווערט ער באלד רייך".

און ער'ט באלד מיר גענומען
דאָס מיידל צו זען.
געקומען אַהין, נאָר —
וואָס איז געשען?

צו שפּעטלעך געקומען!
זאָגט אים איר מאַמע,
זי איז אויף אַ "האָנימון"
איצט אין מיאמי...

א סך־הכל

וואו א בחור,
דאָרט א מיידל;
וואו א קוש,
דאָרט אַ קליידל.

וואו אַ שקלאַף,
דאָרט אַ האַר;
וואו א חכם,
דאָרט אַ נאַר.

וואו א לויער,
דאָרט א ליגן...
וואו א חזן,
דאָרט אַ ניגון.

וואו א שדכן,
דאָרט א כלה...
וואו אַ חסרון...
דאָרט אַ מעלה.

וואו אַ בויער,
דאָרט א האַק.
וואו א בעקער,
דאָרט אַ זאַק.

וואו א דיכטער,
דאָרט א ליד;
וואו א טלית,
דאָרט אַ ייד.

וואו א בוך,
דאָרט אַ בינדער.
וואו א לענדלאָרד,
דאָרט אַ שינדער.

וואו א דאָקטאָר,
דאָרט א מת,
וואו א צרה,
דאָרט אַ נס.

וואו אַ הויף,
דאָרט אַ היטער.
וואו א מאָרגעדיש,
דאָרט איז ביטער...

יאשע ״נישקשה״

א טשיקאווער מענטש
איז מיין שכן יאשע,
ער איז שטענדיק צופרידן,
ס׳איז אים שטענדיק נישקשה.

ער באקלאָגט זיך אויף גאָרנישט,
כאָטש ס׳פעלט אים פּרנסה;
זיין ענטפער איז שטענדיק:
״א דאנק גאָט, נישקשה!״

צעריסן דער בגד,
אָזש ביז דער קאלאָשע;
ליידט הונגער און נויט
און זאָגט אַלץ ״נישקשה״.

זיין יידענע, דוואָשע
דערלאנגט אים א דרשה...
ער פארבייסט מיט די ליפּן
און ענטפערט — ״נישקשה״.

זיין באָס איז א שלעכטער,
זיין פאָרמאן — א רשע.
״ס׳וועט גאָט זיי באַשטראָפן״
זאָגט יאשע, נישקשה.

נישקשה, נישקשה,
אזא מענטש איז יאשע;
זאָגט ״גם זו לטובה״,
כאָטש ס׳איז ווייט פון נישקשה...

ער איז א טשיקאווער,
און זיין טשיקאווקייט איז קשה;
ער איז שטענדיק צופרידן,
ס׳איז אים שטענדיק נישקשה...

דער מערדער (אַדאָלף אייכמאַן ימח שמו)

אין ישראל, אין א תפיסה
געזעסן אַ מערדער, דאָרט פארשפארט,
אויף דעם משפט דעם גערעכטן,
געזעסן דער מערדער און געוואַרט.

דער משפט וועט אים נישט שוינען,
נישט לייכטן וועט אים מער די שיין;
פאר דעם בלוט פון מיליאָנען קדושים,
וועט ער אויך א קרבן זיין.

עדות געזאָגט — האָבן מתים
באדעקט מיט פיין פון שווערע ערד,
אין די קיטלען און טליתים,
מיט "שמע ישראל"ביים טויט פון שווערד.

פון דעם גאז און פון די אויוונס,
וועט דערשטיקן אים דער רויך;
גרויע וואָלקנס אין די הימלען,
עדות זאָגן וועלן אויך.

ס'וועט דער זייף פון מענטשנס ביינער
זיין שולד נישט אָפוואשן אויף ריין,
די נשמהלעך פון קינדער,
און פון מאַמעס דאָס געוויין.

צו שאַנד און שפּאָט אויף דער מצבה,
זאָל זיין נאָמען ווערן געשטעלט,
אַלע קללות זאָלן מקויים ווערן,
פון די יידן פון גאַר דער וועלט.

ס'וועט דער משפט אים נישט שוינען,
נישט לייכטן וועט אים מער די שיין,
פאר דעם אַש פון מיליאָנען קדושים
וועט ער אויך אַ קרבן זיין.

ווינטער אין מיאמי

אין פלאָרידע איז נישטאָ ווינטער,
כ׳לעבן, ס׳איז פשוט אַ מחיה ;
נישטאָ געגוג טינט און טינטער,
צו באשרייבן די וועלט, די נייע.

אין די קאלטע ווינטער חדשים,
באָדן זיך מענטשן אין דעם ים,
מ׳טראָגט זומערדיקע מלבושים,
דאָס לעבן איז טאקע מלא טעם...

כ׳שטיי נישט ווייט — גאָר אנטקעגן
פון מיאַמי ביטש אצינדער,
גאָר נאָענט פון די בריגן,
וואו מבאָדט זיך ווי קליינע קינדער.

ווארעמקייט צעגיסט אין יעדן אבר,
אָפּט טוט אַ ווינטעלע א גלעט ;
מען ליגט דאָרט יעדן טאָג כסדר,
אויפן ווייסן זאַמד, ווי אויף אַ בעט.

די זון האָלט אין איין קושן,
צערטלאך ווארעם און גאנץ שאַרף ;
די כוואליעס רוישן זייער לשון,
און ס׳פילט זיך אַז מען דארף

אריינגיין ווידער אין ים וואסער,
זיך אָפּקילן פון דער היץ ;
מ׳קומט צוריק ארויס א נאסער,
ס׳ווערט ווידער הייס און כ׳שוויץ.

גייט מען ווידער אריין אין ים,
אַן איינפאל נישט קיין שלעכטער ;
גרעסער ווערט דער טאַ־ראַ־ראַם,
דאָס געשריי, טומל און געלעכטער.

*

דערמאָנענדיק זיך אין די שטאטן,
וואו ס׳הערשט די קעלט, דער שניי,
דער אונטערשיד אין די קלימאַטן :
טבת, שבט, אדר — אוי וויי !

איז מען שטאָלץ און צעפרידן,
צו זען אין פלאָרידע — את עמי,
אָנערקענונג קומט דעם יידן,
פארן גרויס דערפאָלג פון מיאַמי !

א האַנט

אַ האַנט וואַשט אַ האַנט,
א האַנט טאַפּט א וואַנט,
אַ האַנט ציט, א האַנט גיט,
א האַנט נעמט, ס׳גייט אין האַנט.

א האַנט טײלט זיך מיטן ביסן,
פון א ברייטער האַנט טוט די וועלט
גענישן;
האַנט פאַרטיליגט, האַנט באַווייליגט,
אַ האַנט בויט, אַ האַנט ברעכט,
א האַנט איז גוט, אַ האַנט — איז
שלעכט.

א האַנט נעמט שוחד געלט,
א האַנט פאַרדאַרבט די וועלט;
א האַנט שטערט, א האַנט הײלט,
א האַנט — געלט פאַרלירט,
א האַנט — געלט ציילט.

א האַנט שיסט, בלוט פאַרגיסט,
א האַנט וואָס העלפט... אין א נויט;
א האַנט וואָס לעבן פאַרזיסט —
גיט דעם אָרעמאַן א שטיקל ברויט.

א האַנט שרייבט, א האַנט מעקט,
א האַנט אין געריכט א שבועה
שטעקט;
א האַנט, וואָס טייטלט מיט פינגער,
פירט צו גוטע און שלעכטע צינגער.

א האַנט גיט שלום עליכם,
א האַנט נעמט עליכם שלום;
א האַנט גיט תקיעת כף, אויך
א כתב,
א האַנט איז אויך מסדר קידושין,
א האַנט נעמט אַרום צום קושן.

א האַנט מל׳ט א קינד,
א האַנט ברענגט מצוות און זינד,
א מאַמעס האַנט צערטלט א קינד,
אַזוי אַלע יאָרן, אויך אַצינד.

האַנט אַקטיוו, האַנט פּראָגרעסיוו,
א האַנט סאַלוטירט, א האַנט
דיריגירט,
א האַנט פונקציאָנירט,
א האַנט רואינירט.

א האַנט טאַפּט א פּולס ביים חולה,
א האַנט פון א דאָקטאָר העלפט
במילא,
א האַנט נעמט זיך ס׳אייגן לעבן,
און קען עס מער נישט צוריקגעבן.

א ברייטע האַנט — א בעל צדקה,
אויך אין ש״ס איז ער א בקי,
איין האַנט וואַשט די צווייטע —
קיין מאָל נישט זיין צעשיידטע.

א תפלה פון א סארווער (WATER)

גאָט פון אכילה,
נעם אויף די תפילה,
פון אַ ווייטער,
וואָס דראַפּעט זיך אויפן לייטער,
פון סאַקסעס,
וואָס ווארט נאָך אלץ אויף אַ נס.

צו מאַכן אַ לעבן מיט מער רעספּעקט,
עפּעס איז דאָ נישט קאָרעקט,
דע געסט מיינע דענקען,
דאָס קליינגעלט זיי מיר שענקען,
כ׳מאַך לעבן צוליב זכות אבות,
זיי קלייבן פאר מיר נדבות.

וואָס איז מיין בקשה, מיין פּראָבלעם ?
איבערבייטן דעם גאנצן סיסטעם.
איך וויל קריגן באַצאָלט ווי
א שניידער, שוסטער, א לערער
און נישט זוכן מיינע שכירות אונטערן טעלער,
אזא אופן איז נישט קיין רעיעלער.

טאָ זע, טאַטעניו, ענדער דאָס סיסטעמל,
און איך דער ווייטער, ווי א ווערימל,
זאָל מער נישט דארפן,
מיט מיין קוק דעם שארפן,
פּרובירן, טרעפן פיגורירן,
צו מיינע קונדן וועלן האנדלען ווי גבירים,

אָדער זיי וועלן מיר מאכן גליקלאך,
מיט צען סענטיגע שטיקלאך,
העלף מיר, גאָטעניו, העלף !
i can't do it my self!

אנקל סעם

„אַנקל סעם" דער רייכער פעטער,
פון יעדן לאַנד איז ער אַ רעטער,
לענדער — מיט, צי אָן אַ קריינדל,
לעקן אַלע אָפּ פון אים אַ ביינדל.

ער איז טאַקע אַ גרויסער גביר,
אָבער וויפיל איז דער שיעור?
אָן אַ מאָס און אָן אַן עק,
די טעקס־צאָלער באַפאַלט אַ שרעק.

מיר ווילן העלפן די אָרעמע, די פאַרגעסענע,
אָבער די גנבים לייגן אַריין דאָס געלט אין קעשענע,
מיר ווילן זיי העלפן די הוצאות צו דעקן,
נאָר זיי פאַרתכלעווען עס אויף מלחמה־צוועקן.

אַמעריקע איז רייך, מעכטיג און גרויס,
אָבער אפילו אַ קוואַל שעפּט זיך אויס,
מיט קיין געלט טאָר מען נישט שטאָלצירן,
ווייל מען קען עס לייכט פאַרלירן.

אַוועקגעשענקט מיליאָנען פאַר יעדן פאַרלאַנג,
מלוכות געראַטעוועט פון אונטערגאַנג,
אָנשטאָט פריינד — זענען זיי געוואָרן שונאים
און מען שפּייט אַריין אונז אין פּנים.

בעסער וועגן זיך אַליין אָנהייבן זאָרגן,
אַז שענער און בעסער זאָל זיין דער מאָרגן,
בעסער צו מאַכן אַ ריכטיגן טאָלק,
אָפּשאַפן אָרעמקייט פון אייגן פאָלק.

שוין צייט צו אויפפּאַסן אויף דער אייגענער קראָם,
ווי זאָגט מען: טשאַריטי בעגינס עט האָום",
און לאָמיר אַלע האָפן: אם ירצה השם,
נישט דאַרפן מאַכן אַ בעניפיט פאַר אָנקל סעם.

זומער אין שטאט

אין הויז איז הייס, די היץ איז גרויס,
עס לאָזן זיך די כוחות אויס,
די זון אין פענסטער שרפ'ט, גליט,
אין סינק די קאַלטע וואסער בריט,
אַנטלויפט מען ערגעץ אין געהייל,
זיך אָפּקילן דאָרט אויף א ווייל.

קומט מען אין ניו־לאָנדאָן צום ברעג ים,
צעהיצט, פארשוויצט, געאָטעמט קוים;
דער ליארעם, גערודער איז דאָרט גרויס,
פון יעדנס פּנים גיסט זיך אַ שווייס.

קומען מיר צום פאַוויליאָן,
וואו אַ קינסטלער ווייזט וואָס ער קאָן,
וואו ווייבער רופן עס קאָנצערט,
דאָך איז נישטאָ אין דעם קיין ווערט.

פאָרן מיר אראָפּ צום פּארק דעם שיינעם,
קריגן פרישע לופט אויף אַ מינוט,
זיצן דאָרט ווייבער, בארעדן יעדן איינעם,
און מאָסקיטעס זויגן פון אונז דאָס בלוט.

ווייט אונטער א בוים געזעצט זיך אָפּקילן,
די זון פון אלע זייטן דאָרט איז פארשטעלט;
הערט זיך דאָך אַ קול פון בייזע הינט בילן,
וואָס וואַרפט אויף אונז אָן אַ מורא און קעלט.

שווער זיך פון די זומער היצן אויסבאַהאַלטן,
וואו מיר זאָלן נישט קומען ליגט א שטיין אין וועג,
ווארטן מיר געדולדיג, אויף דעם ווינטער קאלטן,
ווען ס'וועט זיך בענקען נאָך די זומער טעג...

די וועלט א יריד

אַ! הו! הא!
אַ יריד;
איך און איר,
אין דער מיט.

איר לויפט אַהין,
איך יאָג אַהער;
איר קאָנט נישט לויפן?
איז אייך אַ שטער...

נישטאָ קיין פּאַמעלעך!
אַלץ אויף גיך;
איר קאָנט נישט יאָגן?
ציט אַראָפּ די שיך...

לויפן מיר ביידע...
אַי! צו וואָס דער געאייל?
דער גאנצער הו, הא —
דאָך בלויז אויף א וייל!

לויפן יאָרן,
שווינדן טעג,
קירצער ווערט
דער לעבנס וועג;

נישט געמינערט
אויף אַ האָר,
שוין געענדיקט
איז דער יאָר.

וואָס יאָגסטו זיך?
פריינד, רב ייד!
דו פאָרסט דאָך שוין
פון יאריד!...

דערפון — קיינער
נישט טראַכט;
אָפּגעיאָגט,
און "אל מלא" געמאכט...

*

אונזער לעבן — מ׳באדויערט,
אונזער אומקום — מ׳באוויינט;
נאָר דעם "מוסר השכל"
נישט קיינער — לייענט...

אַוועק פון הייליקן אָרט,
דער זעלבער געיאָג;
קיינער טראַכט נישט,
אַז מאָרגן איז ז י י ן טאָג...

אי, דאס געלט

איך זיץ און איך טראַכט,
ווי דער מענטש ווערט פאַראַכט,
ווען ער פארגעטערט דאָס געלט,
מער פון אלץ אין דער וועלט.

עס איז א פאקט פון אלע פאקטן,
ס׳איז א וועלט מיט דראַמאַטישע אַקטן,
עס ווערט דער מענטש אן אקטיאָר,
פארענדערט אינגאַנצן גאָר...

ס׳ווערן מלחמות געשאפן צוליב געלט,
און מיט טייכן בלוט פארפלייצט די וועלע.
פאר געלט ווערן אפילו כירורגן,
פארוואנדלט אין פיל דראמאטורגן,

שניידן פאר געלט די הויט ביזן ביין,
רייסן פאר געלט אויך די ציין,
אויף זיי ווערט מקויים דאָס וואָרט פון דער וועלט,
אַז ״דמים״ איז בלוט, און ״דמים״ איז געלט.

פאר געלט קריגט איר פון יענעם אַ שמייכל,
פאר געלט איז ער אייך די זינד אויך מוחל...
דער חכם ווערט נאריש, דער נאר ווערט קלוג,
ווי מ׳זאָגט: וואָס טויג דען חכמות, אַז נארישקייט ס׳גענוג.

פאר געלט ווערן מענטשן גנבים, באַנדיטן,
הרגנען איינעם, א צווייטן, א דריטן,
פאר געלט ווערן באזייטיקט שוועסטער־ברידער, ליבעס,
פאר געלט קומט צו גרויסע מחלוקת, אינטריגעס.

פאר געלט פארנעמט דער גביר דעם אויבנאָן,
אָן געלט קען דער אָרעמאן גאָרנישט אויפטאָן,
וואָס טויג דער מענטש, דער אינטעליגענט?
מיט פוסטע קעשענעס, ליידיקע הענט?

כ׳מוז דעריבער ציען די קאָנסעקווענץ:
אַז געלט איז דאָס לעבנס־עקזיסטענץ,
ס׳קעמפן דערפאר אָרעם צי רייך;
און דעריבער איז דאָס וואָרט פינקטלעך געשטעלט,
אַז אויף געלט שטייט די גאַנצע וועלט.

א תפלה פון א קליין מענטשעלע

גאָט פון אלע וועלטן,
מיין קרעמל טויג אויף כפרות,
עס קומען אָפּ קונדן,
עס קומען צו צרות...

די אַלע סופּער מארקעטס
לאָזן נישט לעבן א יידן,
זיי ווארפן אָן א שרעק
מיט זייערע פּיראמידן.

איך פּרוביר זיי נאָכטאָן:
אויך געבן גרויסע מציאות,
אָבער קיינער קומט נישט
מאַכן ביי מיר קיין קניות.

עס העלפט נישט קיין מי,
עס העלפט נישט מיין קלערן!
ווי קריגט מען דאָס מזל,
מיין פּרנסה פארמערן?

נאָך פון פאַראַיאָרן
האָב איך דיר געבעטן, גאָט!
פארבעסער מיין מערכה,
כ׳זאָל נישט זיין צו שאנד און שפּאָט

מיין יידענע הייסט מיר
פארמאכן די ״גאָלדענע מינע״,
און גיין צוריק אין שאפּ,
אַרבעטן ביי דער מאשינע.

צו מיר זאָגט מיין סיידע:
״איך וואָלט בעסער צופרידן זיין
פון דיין וואָכן פיידע,
און געניסן פון ליכטיקן שיין!״

אָ גאָט פון אַלע וועלטן!
מיין קרעמל טויג אויף כפרות,
מיין לעבן איז מיר נישט ליב,
מאַך אַן ענד צו די צרות!...

די וועלט גלייכט א שטאַרקן

די וועלט האָט ליב דעם שטאַרקן,
מעג ער זיין א תם ;
זי מאַכט פון אים א ווען,
א גאַנצן טאַ־ראַ־ראם !

זי הויבט פאר אים דאָס היטל,
זי לויבט אים און זי שעצט,
כאָטש נישט כשר זיין מעטאָדע
און יושר ער פארלעצט.

ער קען נישט שרייבן, לעזן,
קען נישט ציילן צוויי,
דאָך האָט ער דינסטן, באדינער,
א שאָפער, א לאָקיי.

קנאַפט מען אים אין בעקל
און קדוש פאר אים מ׳שפרינגט !
און די וועלט די גרויסע,
זיין נאָמען עס צעקלינגט.

זי גיט אים אַפּ פיל כבוד,
כאָטש פוסט און וויסט זיין מוח,
א קלייניקייט, סוקסעס !
אַ קלייניקייט, זיין כוח !

ער קען דאָך מיט איין זעץ,
אַוועקלייגן אַ מענטשן,
קומט אים א יישר כוח,
זאָל אים דערפאר גאָט בענטשן !

די וועלט האָט ליב געווינער,
דעם שטאַרקן, דעם באזיגער,
מעג ער זיין א טיפּש,
איז ער פון יעדן קלוגער.

די וועלט האָט ליב דעם עושר,
מאכט פאר אים א ווארע !
ער איז א גרויסער תקיף,
א גאַנצער תנא־ברא !

אַ קלייניקייט, א נגיד !
ער האָט אַזאַ מטבע !
אַ פּראָסטער חי וקים,
ער האָט אָבער די מאה !...

די וועלט האָט ליב דעם שטאַרקן,
מעג ער זיין אַ תם —
זי מאכט פון אים א צימעס,
א גאַנצן טאַ־ראַ־ראַם !

געלויבט איז גאָט!

אַז גאָט האָט מיר געשענקט דאָס לעבן,
און זקנה איז געוואָרן מיין פריינט,
וועל איך בלויז זיך מיט שרייבן אָפּגעבן,
ווייל פיל מער צייט האָב איך היינט.

איך בעט נאָר ביי דעם, וואָס לעבט אייביג,
אַז שענקען מיר זאָל ער מיין געזונד:
די אויגן, די הענט זאָלן דינען,
ווי זיי דינען ברוך השם — מיר אצינד.

כ׳וועל מיינע לידער סאָרטירן,
געשריבן זינט מיין יוגנט־אַלט,
כ׳וועל זיי אויפסניי קאָרעגירן,
און אפשר פארניכטן פיל באַלד.

געשאפן פון זיי מיין גייסטיגע קראפט,
זיי האָבן מיר פיל פרייד פארשאפט;
דאָך נישט פארגינערס טוען מיר פלאָגן,
זיי האלטן כסדר אין איין זאָגן:

״וואָס טויג אים זיין קאטשקען, פאטשקען,
אז ער איז גאָנרישט אָנערקענט;
וואָלט ער א דיכטער באמת געוועזן,
וואָלט ער פון שרייבן פארדינט א פּאָר סענט״.

נאָר וואָס אַרט מיך דאָס בילן, דאָס שרייען,
וואָס כ׳האָב מיין לעבן מיט שרייבן פארבראַכט:
וואָס אַרט דער לבנה, אַז עס האַווקעט
אַ משוגענער כלב ביינאכט...

אשרי האיש...

וואויל איז דעם מענטשן,
וואָס האָט אין זיין לעבן
נישט צו תורה, נישט צו חכמה
זיין צייט אָפּגעגעבן.

אַלץ וואָס ער קאָן —
זיין נאָמען "אויסלייגן",
און נישט מער אויף אַ האָר
אין וויסנשאַפט שטייגן.

ער ווייס נאָר פון מסחר!...
ער האָט נאָר אין זינען,
צו מאכן א "דאָלער",
וואָס מער צו פארדינען.

ער מאַכט זיך גאנץ רוהיג,
אַן אָנשטענדיקן לעבן,
ער קאָן פארגינען גוטעס,
זיין פאמיליע געבן.

ער קומט זיך צונויף
מיט רייכערע מענטשן,
זיי פארברענגען צוזאמען,
זיי טוען זיך בענטשן!

ער עסט פון דאָס בעסטע,
ער קאָן עס באַשטעלן;
די בעסטע מאכלים,
עס טאָר אים נישט פעלן.

*

דער לערנער, דער חכם!
ער קאָן נישט פארדינען;
אויף אַ לעבן צו מאכן —
קאָן ער נישט געפינען.

זיין ווייב און קינדער
לעבן אין גרויס נויט,
פילנדיק זיך צופרידן,
מיטן טרוקן שטיקל ברויט.

די אָרעמקייט אין הויז
צו באמערקן איז גרויס,
אויפן פנים — אָנזיכטיג,
זיין אַרבעט — מיט שווייס.

ער טוט ווארטן און האָפן,
אויף גאָר בעסערע צייטן,
נאָר צום באדויערונג —
זיין מזל טוט זיך נישט בייטן...

וואס מאכט א ייד...

א ייד מאכט אַ חתונה,
א ייד מאכט שבע ברכות,
מאַכט א ברית, מאכט א פדיון הבן,
מאכט א בר־מצוה, מאכט גליקן;
מאַכט אַמאָל מיט די זייטן,
און מאכט זיך נישט ווייסנדיק...

קומט א יום־טוב, מאכט ער קידוש
מאכט הבדלה, מאכט א סדר,
מאכט א שנעפסל, מאכט א שפּאַס,
קומט צו מאכן א לעבן,
מאכט ער אמאָל קדחת...

א ייד האָט זיך ליב צומאַכן
ביים קהל פאר א גאנצן מאכער...
זיך אריינמישן אין פיל זאכן
און מאכן א צווייטן אויס מאכער.

א ייד פארדרייט זיך אין מסחר
און מאכט פּלענער עס דורכמאכן...
און מאכט זיך — עס גייט נישט!
מאכט ער אַן חובות גרייטע.
און מאכט זיך — מ׳קען נישט
באַצאָלן,
איז דאָ א מיטל — מאכן פּליטה...

אין א נייעם אָרט צו מאכן,
פון דאָסניי... אנדערע געשעפטן,
מאכט זיך אָבער פרישע צרות.
ס׳מאכט זיך אויך דאָ א קראַך!
און ס׳לאָזט זיך בעסער נישט מאכן!
מאכט ער אויך פון דאָרט ויברח...

אַ ייד מאכט איבעראל אסיפות,
צו פארהאנדלען קהל׳ישע זאכן:
מאכט אַן טומל, מאכט אַן קולות,
ביז ער פּירט אויס זיינע רעיונות;
מאכט אַן גרויסע היץ אין מרחץ,
און מאכט זיך... ער האָט נישט
געמאכט...

א ייד מאכט פארוויילונגען,
מאכט אויך פארזאמלונגען;
מאכט א פּינאַקל, מאכט א ראַמי,
מאכט א פּאָקער, מאכט א דאַמי
און ווען מ׳פרעגט א יידן: וואָס
מאכט ער?"
ענטפערט ער שנעל: "וואָס זאָל
מען מאכן?"

א ייד מאכט א ברכה,
מאכט א שהחיינו,
מאכט א בורא נפשות...
מאכט א טעות, מאכט זיך צום נאר
מאכט חתונה קינדער
און האָט שוין זיינס אָפּגעמאכט...

אין מיאמי

אויף מיאמי ביטשער גאַסן,
זעט מען יידן אין די מאַסן,
אַהער־אַהין זיי דרייען זיך אַרום ;
דאָס גאנצע יאָר איז דאָ זומער,
פאַרנומען איז דאָ וואו א צימער,
אהער געקומען מ׳איז פון אומעטום.

אויף די ביטש, טשערס די קאָלירטע,
זיצן מאַסן־פענסיאָנירטע,
און זיי שעפן מיאמי׳ס פרישע לופט ;
אויף די גאסן זיי שפּאַצירן,
ליבעס אייניגע פאַרפירן,
פריי דאָ פילט מען, און דאָס לעבן רופט...

מענער, פרויען דאָ און דאָרטן,
ביי די טישלעך שפילן קאָרטן,
יעדער דאָ פארברענגט, ווי אים געפעלט ;
מענטשן גייען, מענטשן לויפן,
יעדער לעבט זיך אויף זיין אופן,
אין דעם שיינעם ווינקל פון דער וועלט...

מען לאָזט זיך פון דער זון אָפּברענען,
איז שווער דעם מענטשן צו דערקענען,
און דאָס געזונט איז בעסער ווי געווען ;
הערט מען זאָגן פון פיל אָנהענגער,
אַז אין מיאַמי לעבט מען לענגער,
נסים ממש זעט מען דאָ געשען !

היי, מיאַמי ! היי, מיאמי !
דיינע גאַסן — ריין און וואונדער־שיין !
היי, מיאמי, דיין פּאַנאָראַמע,
דיין ברעג, דיין ים איז פול מיט חן.

וואָס וויל מען פון אונז יידן?

וואָס ווילן מיר דען, יידן,
מ׳זאָל אונז לאָזן צופרידן,
מיר טשעפּען דאָך נישט אויף דער וואנט קיין פליגן,
איז פאַרוואָס טוט מען אונז אזוי באַטריגן?...

היינט, און אלעמאָל איז אזוי עס געווען:
ווען נאָר עפּעס שלעכטס אויף דער וועלט איז געשען,
לאָזט מען באלד אויס צום יידישן פאָלק,
זאָגנדיק: "יידן האָבן אזוי געוואָלט"...

ווען נאָר צוויי פעלקער האָבן זיך צעשלאָגן,
"דאָס זענען יידן שולדיג", טוען זיי זאָגן,
זיי שרייען: "צוליב יידן, אונזער בלוט טוט זיך גיסן!"
אז יידיש בלוט גיסט זיך מער — ווילן זיי נישט וויסן.

דער ייד איז צווישן ביידע פעלקער אַ מחותן,
און פון ביידע זייטן טוט ער שטענדיק בלוטן,
און היינט טוט אויך דאָס זעלבע געשען;
נאָך ערגער ווי אַמאָל ס׳איז געווען.

ביי די טאָרעס — איז דער ייד א פאשיסט,
ביי די רעכטע — איז ער אַ סאָציאַליסט,
דאָך שרייען די אימפּעריאַליסטן,
אז יידן זענען גאָר קאָמוניסטן!

ס׳העלפט נישט אונזער געוויין, אונזערע טרערן,
צו אונזערע רייד וויל קיינער נישט הערן,
נאָר דו, גאָט, ווייסט מיר זענען נישט שולדיק,
העלף אונז ארויס פון היינטיקן אומגליק!

דאס פינצטערניש

ניינצן זעכציק פינף,
די נאכט נאָוועמבער ניין,
א נאכט וואָס וועט זיכער
אין דער געשיכטע אַריין.

אויף צו געדענקען
וועט ווערן פארשריבן,
פון אמעריקע א טייל איז
אין דער פינצטער געבליבן.

די עלעקטרישע קראפט האָט
מיט אַמאָל אויפגעהערט,
די סיבה דערפון איז
נאָך נישט אויפגעקלערט.

אַ פינצטערניש האָט זיך
אויף אַ שטח פארשפרייט ;
אין פאבריקן די רעדער
האָבן זיך מער נישט געדרייט.

דרייסיק מיליאָן מענטשן
האָט דאָס געטראָפן,
אַ סך פון זיי זענען
די נאכט נישט געשלאָפן.

אין ניו־יאָרק, אין די סאָבווייס
און אויף הויכע שטאָקן,
זענען מענטשן געבליבן
געשטראנדעט, דערשראָקן !

נישט געווען איז קיין פּאַניק,
מ׳האָט לייכט עס גענומען ;
איינער דעם צווייטן
צו הילף איז געקומען.

מ׳וועט די זאך פאָרשן
און געדענקען פיל יאָרן,
זאָל אויך דאָס ליד
זיין אויף לאַנג לזיכרון !

זיי טראכטן חתונה האבן

ער — אליין,
זי — אליין;
אפשר זיך
צוזאמען גיין?

לויפן יאָרן,
שווינדן טעג,
קורצער ווערט
דער לעבנס־וועג.

אפשר, טאקע!
ס׳קלינגט גאָר פיין!
א מענטש קען דאָך
אַליין נישט זיין!

נישט געמינערט
אויף אַ האָר,
זיי טראַכטן נאָר...
שוין נאָכן יאָר!

זיצן זיי זיך,
טאָג און נאַכט
און מ׳טראַכט נאָר,
און מען טראַכט.

אַזוי זיי טראַכטן,
יאָר נאָך יאָר,
ביז — ס׳ווערן
גרוי די האָר!

אַ טראַכט אהער,
א טראכט אַהין,
זיין א ל י י ן —
האָט נישט קיין זין!

צו קיין תכלית
נישט געקומען,
מיטן טראַכטן
נאָר פארנומען...

זיין אליין איז
זייער שווער!
טראכטןביידע,
זי — און — ער.

ענדלאך, ענדלאך!
זיך דערטראכט,
אַז מ׳דאַרף נאָך
געבן א טראכט!

איז... ווייטער טראכט,
איז... ווייטער האָף,
ס׳איז א מעשה אָן א סוף...

וואס איז די יאגעניש?

ווערסט געיאָגט
און ווערסט געטריבן!
יעדן טאָג,
פון אלע זייבן;
און דו לויפסט אום
ווי אַ האָז —
צוליב וואָס?

דיין בלוט־דרוק וואָרנט:
„גוטער ברודער!
מאך קיין טומל,
קיין גערודער!"
און דיין הארץ זאָגט:
„שטעל זיך אָפּ!
פארליר נישט, מענטשעלע,
דיין קאָפּ!
ביזט שווארץ ווי ערד,
און גרין ווי גראָז —
צוליב וואָס?!"

דער דאָקטאָר זאָגט:
„ר'מוזט רוען, זיצן,
גענוג צו שטורעמען
און צו בליצן!"
נאָר דו הערסט אים,
ווי די וואנט!
ס'איז זיין וואָרענונג
שוין באקאנט...
כאפּסט אריבער,
מענטש, די מאָס —
צוליב וואָס?

דאָך לויפסטו, זשומסטו,
ווי א בין,
און דו ווייסט נישט
אַ וואוהין?
א פוסטער חלום —
דיין גאנץ לעבן;
צו וואָס אזוי פיל
מי צו געבן?
ס'איז אלץ שוים
און זייפנבלאָז!
איז טאקע, טאַקע,
צוליב וואָס?...

די וועלט — איין משפחה

יעדער מענטש איז נוצלעך,
יעדער מענטש — א ברכה,
סיי דער מיט א פּראָפעסיע,
סיי דער מיט א מלאכה.

יעדער אַרבעט — אַרבעט,
אלץ ברענגט דער מענטשהייט נוצן:
צי דער, וואָס שמידט דעם אייזן,
צי דער, וואָס שיך טוט פּוצן.

צי דער, וואָס קערט די גאסן,
צי דער, וואָס נוצט אַ פעדער;
בעקער, שניידער, דאָקטאָר —
נויטיק איז דאָך יעדער.

יעדער מענטש איז נוצלעך,
יעדער מענטש איז נויטיג,
צי די ארבעט איז א ריינע,
צי שטויביג און צי קויטיג.

צי דער, וואָס זיצט ביים ספר,
צי דער, וואָס אקערט פעלדער,
אַלע איין משפחה,
ווי בוימער אין די וועלדער.

קאָפּ און כוח — שותפים,
זיי שאַפן און זיי פירן,
און איינער אָן דעם צווייטן
קען נישט עקזיסטירן.

אין היינטיקן שטורעם

אין דרויסן בלאָזט דער ווינט,
און וואָיעט אָן א שיעור,
דאָרט ווייט... עס שטייט, ס'דרייט
און טרייסלט יעדע טיר.

עס רעגנט און עס מבולט,
דעם גאנצן טאָג אָן א סוף,
ס'זעט אויס ווי דער בורא,
שיקט אָן זיין אלטע שטראָף...

אין אַן אָרעם הייזל,
אַ קליין לעמפל ברענט:
עס שטריקן אַ פּאָר זאָקן,
אַ טיכטיקע פּאָר הענד.

און ווייל די הענד דרייען פלייסיק,
גייען געדאנקען פיל גאנץ ווייט:
צו איר טייערן, ליבן זון,
וואָס קעמפט אין מלחמה־שטרייט.

אויך צום ליבן קראנקן מאן,
ווער ווייס אויב ער וועט לעבן...
און חס וחלילה שטארבט ער,
ווער וועט איר ברויט געבן?

זי בעט גאָט איר תפילה הערן:
„איר זון פון מלחמה צוריק,
א געזונטן אין גיכן אומקערן,
אָ, ווי גרויס וועט זיין איר גליק“.

איר מאן וואָס איז קראנק געוואָרן,
געלאָזט איר עלנט אליין —
שענקען אים געזונטע יאָרן —
צוזאמען דעם לעבנס־וועג גיין.

די הייסע טרערן פליסן,
די אָרעמע פרוי זי קלאָגט,
און אין איר שוואכער שטימע,
האָט זי זיך אַריינגעזאָגט:

ווי גוט עס וואָלט געווען!
צו קאָנען אויך פארשטאָקן
די לעכער פון איר הארץ
אַזוי ווי די אלטע זאָקן...

פארשידענע דריידלאך

געוועז גרויס די פרייד,
ביי יינגלעך חנוכה צייט ;
פון חדר גיין באפרייט :
דאָס שפּילן אין דריידלאך,
אין דער היים אזוי פריילאך.

מיין גמרא מלמד ר' אשר,
געוועזן אַן איש תם וישר,
געמישט די גמרא בלעטלעך,
מיט זיינע גמרא פשטלעך,
״געדרייט״ זיי מיטן גראָבן פינגער,
כדי מאכן זיי וואָס גרינגער.

פּאָליטישנס, דיפּלאָמאַטן,
געזעץ היטער, אדוואָקאטן,
באנוצן ״דריידלעך״ פּיל...
באנוצן זיי — עס איז א שפּיל

מען באנוצט ״דריידלעך״
פאר נישט ריינע צוועקן,
דעם שקר צו פארדעקן.
ס'ווערט נישט פריילאך,
ווען ס'ווייזט זיך ארויס,
אז ס'איז געוועז ״דריידלאך״ בלויז.

בחורים מיט מיידלאך,
מאכן זיך פריילאך,
מיט שפּילן אין ״דריידלאך״
וואָס ווערן אַמאָל גאָר גרוילאך...

די מאָדע־מאכער פון מלבושים,
מאַכן אַלע נייע חידושים,
מיט באפוצונגען ״דריידלאך״
און קורצערע קליידלאך.

✶

אויף דער עלטער, ווען
קיין כוח, קיין צייט,
שוין נישטאָ צופיל,
חלומט מען פון ציל :

פון די יוגנט־יאָרן,
ווען דאָס ״דריידל״ שפּיל
איז געוועז מיט געפיל —
דאָס בלייבט אין זיכרון...

א ליד פון דער געטא

טאָג און נאכט, נאַכט און טאָג,
אַן אַן אונטערשייד פאר מיר ;
בייטאָג כ׳ארבעט שווער און הונגער,
ביינאַכט דעם טויט כ׳שפיר.

פרי כ׳שטיי אויף צו דער ארבעט,
באַדינען דייטשן זאַטע,
דערביי נישט פארגעסן,
אַנטשעפּען די לאַטע.

ס׳טרעפט אָפט ביסט פאַרחלוש׳ט,
פון די הענד די ארבעט פאַלט,
שוין דער אכזר דעם דיקן שטעקן,
אויף דיין שוואכן קאָפּ צעשפּאַלט.

ווען ביינאכט אויף די ברעטער,
ווילסט שוין צומאַכן די אויגן,
ווײנט אַ קינד : אליין פארבליבן,
נישטאָ די מאַמע אָנצוזויגן.

אַט אזוי פליסט די צייט,
אין דער געטאָ תפיסה,
איין גרופּע אויסגעשאָסן,
און מען פירט א פרישע.

א בריוו צו סאדאט׳ן

לאנגע צייט ווי איך טו זיך קלייבן,
כ׳זוך נאָר ווערטער שיינע,
כ׳וויל א בריוועלע דיר שרייבן,
ווי פון א ״שונא״ צו א ״שונא״.

כ׳וויל דיך נישט דערצערענען,
איך נישט ווירקן אויף דיר מיט
כוח:
א שטיקל געשיכטע מיט דיך לערנען
הגם איך ווייס — דו האָסט
א פארשטאָפטן מוח.

אַט אין לאנד, וואו דו טוסט רעגירן,
איז געווען אמאָל פרעה קיסר;
פון מיניסטאָרן געלאָזט זיך פירן
און דערצו — אַליין אַ בייזער!

דאָס פאָלק איז געווען אומצופרידן,
געארבעט שווער — טאָג און נאַכט;
דאָס גרעסטע צאָל ברידער יידן
האָבן וועגן באפרייאונג געטראַכט.

די געשיכטע איז מיט עפיזאָדן רייך,
און דערציילט ווי ס׳איז געשען:
דעם קיסרס טאָכטער האָט זיך
געבאָדן אין טייך
און אויפן וואסער שווימען —
א קעסטעלע געזען.

ס׳קעסטעלע איז רוהיק געשוואומען
ביז עס האָט דערגרייכט דעם ברעג,
די בת מלכה האָט עס פארנומען,
אין פאַלאץ מיט דעם אַוועק.

איבעראשט איז זי געוואָרן,
וואָס זי האָט אין קעסטל דערזען,
א קינד — נאָר וואָס געבוירן,
איז דאָרט אינעווייניק געווען.

דאָס קינד — שפעטער מיט יאָרן,
אין לויף פון דער צייט,
איז ער א פירער געוואָרן
און יידן פון שקלאפעריי באפרייט.

מיט מכות ער מצרים באצירט,
געצוואונגען די יידן באפרייען,
האָט זיי פון דאָרט ארויסגעפירט,
אַ פרישן לעבן צו באנייען.

פון דער געשיכטע מעגסטו נעמען
אַ מוסטער,
וויפל צרות ער האָט דיין זיידן
באַשאַפן;
וועט דיר אוועק דער גלוסטער,
צו וועלן ישראל פארשקלאפן.

א געררוס דיין פריינט אַראַפאַט׳ן,
זאָג אים, אז זיין ארבעט איז
אַ ברכה לבטלה,
אויב ער לערנט פון דיינע טאַטן,
וועט ער, ווי דו, האָבן די מפלה...

די מלחמה אנפירער

שווייגט, איר פאלשע נביאים,
שיכורים פון בלוט און פון האַס;
איר גיפטיגע, ווילדע ברואים,
סאַדיסטן פון קריגס־משוגעת.

וואָס שטופט איר די וועלט צו פארניכטונג?
וואָס טרייבט איר די פליגל פון מאָרד?
וואָס העצט איר די וועלט צו פאַרוויסטונג?
צו אומגליק פון יעטוועדן סאָרט?

די ערד איז שוין זאַט פון קרבנות,
סאַלדאטן שוין מיד פון געווער;
גענוג שוין יתומים, אלמנות...
ס'זענען די הימלען פון טרערן שוין שווער!

וואָס זוכט איר די וועלט צו פארדארבן?
איר, פרעסער, פון בלוט און פראָפיט;
איר פאַראורטיילט נאַציאָנען צו שטאַרבן,
פארן ערשטן קרבן ברענגט איר א ייד!

מיר ווילן נישט מער קיין מלחמות,
צו שווער האָט די מענטשהייט באַצאָלט,
מיט טויזנטער מענטשלאכע לעבנס,
פארן שפיל, וואָס אייך האָט פארוואָלט.

פארשאָלטן זאָל ווערן דער שטן!
און דער, וואָס מלחמה באגערט!
זאָל קיינמאָל פון נחת נישט וויסן,
איינשלינגען זאָל אים די ערד!

אָ, גאָט! צייל די קדושים פון היינטיקע צייטן,
פון מאמעס און טעכטער, טאַטעס און זין,
וואָס זענען געפאלן קרבנות פון רוצחים,
ווייל זיי האָבן באלאנגט צום יידישן מין.

דערהער שוין דאָס כאָרכלען פון געשאָכטענע העלזער,
פון יענע, וואָס זענען פארבליבן אין קלעם;
אָ! העלף זיי אנטלויפן פון יענעם גיהנום,
אין זכות פון אַלע הרוגים על קידוש השם!

די ערשטע שוואלבן

עס זענען די ערשטע שוואלבן געקומען,
נאָך איידער דאָס טייכל האָט זיך געריירט,
נאָך איידער די לאָנקע האָט זיך באַצירט,
מיט פרישע און זאפטיקע בלומען.

נאָך איז דער שניי געלעגן ווי פוך,
אויף הייזער, אויף גאסן, אויף פעלד,
נאָך איז געלעגן ווי פארחלומט די וועלט,
אין א ווייסן, שווייגנדן טוך.

ס'זענען די ערשטע שוואלבן געקומען,
נאָך איידער די זון האָט ליבלעך געלאכט,
און האָט פון ווייטנס א גערוס אונז געבראכט,
פון פרילינג, פון זונענליכט, פון בלומען.

און פראָסט איז געקומען, ווען נאכט איז געוואָרן,
און מיט אייז־קעלט ארומגענומען די וועלט,
געבלאָזן, געוואָיעט, גלייך ווי ער שעלט,
און די ערשטע שוואלבן — זיי זענען פארפראָרן...

יידן מיט נייע יידישע נעמען

די היינטיגע יידן
מעגן זיך שעמען,
וואָס זיי גיבן די קינדער
גוי'אישע נעמען.

אַזוי זאָגט אַנומלט
מיט פאַרוואורף, מיט ביטול,
מיין שכנה, די קליינע,
מאַדאַם חנה־גיטל:

„יידישע נעמען, עס
שטייט זיי נישט אָן!
אברהם, יצחק און יעקב,
איז נישט אין פאַסאָן.

מען פארגוי'עשט די נעמען,
מען צעדרייט זיי אזוי,
אַז מ'קאָן נישט דערקענען,
א ייד צי א גוי?

אברהם — איז ארנאָלד,
יצחק איז — דזשימי,
יעקב איז — דזשייקאָב,
און מרים איז מימי.

סענדער איז ספענסער,
שפרינצע איז — שעלי,
ברײנע איז — דשינדשער,
און יענטע — איז נעלי.

מענדל הייסט מאָנטגאָמערי,
גנענדל — לועלאָ,
שיינע איז — סקאטי
און חיה — קווינעלא.

ברוך איז — באַרטאָן,
זרח איז דזשאָנסאָן;
ביילע — בעלינדא
און קיילע איז סוואנסאָן.

ווען די זיידעס און באָבעס
וואָלטן אויפשטיין געקענט,
וואָלטן זיי זייערע יידישע נעמען
היינט נישט דערקענט.

און איך האָב דווקא ליב
עכט יידישע נעמען:
מיט גוי'אישע נעמען
איך טו זיך גאָר שעמען.

אָט הייסט מיין עלטערער,
מיין שמואליקל — סאשא
און מיין מוזיניקל אייבעלע
הייסט אויף יידיש אבראַשא"...

#ביים טויער פון גן עדן

ביים טויער פון גן־עדן,
שטייען מענטשן אָן א שיעור,
זיי שפּאַרן זיך, ווילן עפּעס רעדן,
האַלט מען זיי אָפּ ביי דער טיר.

יעדער איילט זיך וואָס גיכער,
אין גן־עדן ווילן אריין געשווינד,
די מלאכים לייענען די ביכער,
זאָגן יעדן איינעם זיינע זינד.

זיי שטופּן זיי אָפּ מיט די הענט,
און שרייען אויס אַלע גלייך:
״גייט אין גיהנום, ווערט
פאַרברענט!
דער גן־עדן איז נישט פאר אייך!״

קומט אַ גביר מיט אַ בויך
אַ גראָבן,
שטעלט זיך אנידער ביי דער טיר,
און וויל אויך דעם גן־עדן האָבן;
״גיי אוועק״, שרייט מען, ״די טיר
איז נישט פאר דיר״.

״דו ביסט דאָך פול מיט אָבמאן
דו האָסט קיינמאָל נישט געוואָלט
הערן
דאָס געוויין פון אָרעמאן,
גיסנדיק מיט ביטערע טרערן״.

״שטייענדיק נעבן דער טיר,
געבעטן: האָב רחמות אויף מיר״!
״גיי אין גיהנום, ווער פאַרברענט,
דער גן־עדן איז נישט פאר דיר״.

קומט צו גיין א יידענע,
מיט א האַרבאַנד א רויטן;
זי טראָגט תחינות פארשידענע,
אין א פארטוך א ברייטן.

ווי מלאכים דערזען די צורה,
מיט אירע צוויי גרויסע האָרבן,
זאָגן זיי: ״אוועק, דו ארורה!
צוליב דיר איז דיין מאן געשטאָרבן״
דו האָסט אים געשלאָגן מיטביידע
הענט,
האָסט אים געבראַכט צו קראַפּיר...
גיי אין גיהנום, ווער פארברענט,
דער גן־עדן איז נישט פאר דיר״.

דאָ קומט אריין א רבי מיט האַסט,
מיט קוויטלאך פון פדיונות;
די מלאכים נעמען צו דעם גאסט,
מ׳רעכנט אים אויס זיינע עוונות.

מיט דיינע פאלשע קמיעות,
״דו האָסט די גאנצע וועלט גענארט,
און דער עולם האָט דיר געגלויבט,
געגעבן אומזיסטע מטבעות.

האָסט פראַסט געריסן פון די הענט
מיט דיין פאלשקייט אָן א שיעור,
גיי אין גיהנום, ווער באַרברענט,
דער גן־עדן איז נישט פאר דיר!״...

דער שניי

עס פאלט דער שניי אויסגעשפּרייט,
זױבער־ליכטיג און דורכזיכטיג,
ווי א כלה אין חופּה קלייד.

און ער ווי זי אין קורצן ווערט,
צעטרעטן גיך פון גראָבע שיך,
און פון קאָפּיטעס פון פערד...

*

אַ ווייסע לבנה שווימט איבערן קאָפּ,
און שטראַלן עס פאלן פון אויבן אַראָפּ;
אויך אונטן איז ווייס, אַזוי קלאָר, אַזוי ריין,
איך גיי אום דאָ אויפן שניי, איינער אליין.

עס ציט זיך די ווייסקייט אַרום אָן אן ענד,
איך איינער פיל זיך דאָ ווי אין דער פרעמד.

איך קלער זיך: א דאנק דיר, גאָט!
פאר דיין גרויס חסד און גענאָד,
דו האָסט מיר באשערט,
צו מיין עלטער אויף דער ערד!

דער פרילינג איז געקומען

אָ! פריי זיך, נאַקעט שטאָט אין ישוב,
און קוועלט אָן, איר וואלד און פעלד,
דער פרילינג מיט זיין כישוף,
באַמאַלט די גאנצע וועלט.

דער שטורעם — ווערט פארשוויגן,
און עס פארשווינדט די קעלט,
דער פרילינג — מיט זיין ניגון,
באַזינגט די גאנצע וועלט.

די הימלען — פון פרייד שאַלן,
קיין וואָלקן — מער פארשטעלט,
דער פרילינג מיט זיינע שטראַלן
באַשפּריצט די גאנצע וועלט.

אָ! פריי זיך וויסטע נשמה!
און קוועל אָן, דו אָרעם הארץ!
דער פרילינג מיט זיין נחמה,
לינדרט יעדן שמאַרץ!

די ברוסט ווערט א גערוימע:
עס דריקט און עס וייט נישט מער,
דער פרילינג, ווי א מאמע,
ווישט אויס פון אויג אַ טרער.

עס הויבט זיך א באנער אַ רויטער,
עס פלאקערט א ברענענדע קריג,
דער פרילינג מיט זיין טרומייטער,
רופט צום קאמף, צום זיג...

ביים טויער פון גן־עדן

באגלייט צו איר אייביקער רו,
האָט שלמה זיין ווייבל נחמה,
וואָס האָט זער געליטן,
פון איר ביטערער נשמה.

געקומען אָבער די צייט,
אים פון דער וועלט זיך שיידן;
און זיין לעבנס נשמה
זיך צום הימל הויבן:

איבער בערג, איבער וואָלקנס,
איז זי געפלויגן אין פריידן,
גלייך ארויף אין די הימלען,
ביז צום טויער פון גן־עדן.

(באגלייט די נשמה פון שלמה
דאָס קול פון מלאך הדומה:)
״מאַכט אויף די טירן ברייט,
פאַר אַ געלייטערטער נשמה,
וואָס האָט גענוג זיך אָנגעליטן
פון זיין ווייבל נחמה״...

ווי צו דער חופה האָט מען אים,
אין ליכטיקן זאַל אריינגעפירט.
מיר האָבן פאר אייך, ר׳ שלמה,
דעם בעסטן זיץ־פּלאַץ רעזערווירט.

דעם בעסטן פלאַץ צו געניסן,
דעם הימלישן צייט פארטרייב,
זיצן וועסטו — הער און פריי זיך,
נעקסט צו דיין געזעצלעך ווייב.

וואָס? האָט שלמה ארויסגעהויכט,
מיט א ציטער אין זיין רעדן —
מיין ווייב נחמה געפינט זיך אויך
ביי אייך אין גן עדן?

לאָזט מיר שנעל ארויס פון דאנען!
איך וויל אראָפּ — איר ווייסט וואו,
דאָרטן אין דעם הייסן גיהנום
געפינען וועל איך מיין אייביקע רו.

*

״עפנט אויף שנעל די טיר,
כ׳וויל נישט זיין מיט איר!

פרעזידענט קענעדי'ס פאמיליע־באגריסונג

(צום קריסטמוס פון 1963)

דיר, דזאני, מיין ליב קינד!
וויל איך באגריסן אצינד:
"דו ביסט איידל און שיין!
דו האָסט מיך פארלאָרן
אין דיינע יונגע יאָרן,
טו מיר צוליב, נישט וויין!"

"מיין טאָכטערל, קעראליין,
געזונד זאָלסטו זיין!
מיט דיין שטאָלץ האָסטו מיך דערשטוינט:
ביים שטיין נעבן מיין אָרון
האָסטו זיך נישט פארלאָרן
און פארן עולם זיך נישט צעוויינט".

"צו דיר, זשעקליין, מיין פרוי,
וויל איך זאָגן גאנץ גענוי,
מיין איצטיקן לעצטן באַשלוס:
דו האָסט מיך כבוד פארשאפט
מיט דיין גרויס בריהשן קראפט,
נאָכגיין ביי דער לויה צופוס".

איך פארלאָז זיך אויף דיר,
ביטע, טו עס פאר מיר!
צו דערציען די קינדער מיט פארשטאנד:
זיי זאָלן באגרייפן — און וויסן,
און קאָנען מוטיק באשליסן,
צו קעמפן פאר פרייהייט אין אונזער לאנד".

אויך צו דער וועלט מוז איך זאָגן:
הערט אויף צו דאגה'ן און זאָרגן,
אויף מיין פרי אָפשייד פון אייך;
פירט בעסער אויס מיין אידעאל,
פרייהייט און גלייכהייט איבעראל,
וועל איך פילן — כ'בין נאָך מיט אייך!

דער שווייגער

אַ קאַרגער אויף ווערטער — מיין שכן,
אַ טבע אַזא — נישט צו רעדן;
אויף שווייגן — א קינסטלער, אַ בקי,
מיט זיין ווייב, מיט זיין קינד, מיט יעדן.

אַ קמצן, ער שפּאָרט זיינע ווערטער,
מ׳קען פון אים ווערן דערפרוירן!
אַ רייכער שפּאָרט געלט אין די בענק,
און ער — זיינע ווערטער טוט שפּאָרן.

פון אַלע שווייגער איז ער דער גרעסטער,
נאָך אַזאַ — איז נישט צו געפינען!
א דיסקוסיע, א דעבאַטע,
איז גרינג קעגן אים צו געווינען.

מ׳קאָן מיט אים זיצן צוזאַמען,
א טאָג מיט א נאכט נאָכאַנאַנד —
וועט ער שווייגן פונקט ווי א שטומער,
וועט ער שטומען אַזוי ווי די וואנט.

אַז מ׳פרעגט אים: ״וואָס מאַכט איר, ר׳ משה?״
״ווי פילט איר היינט אין געזונט?״
ענטפערט ער: ״עט!״ און שווייגט ווייטער...
צו זיין שווייגן — נישטאָ גאָר קיין גרונט.

פרעגט מען אים וועגן וואונדער פון טי־ווי
און די דזשעטס, וואָס פליען אזוי הערלעך?
קומט ער ארויס מיט זיין ״אי, אי!״
דאָס מיינט: ס׳איז נישט געפערלעך!

ס׳ווערט מיין שכן פון גאָר נישט באַגייסטערט,
קיין וואונדער, קיין סענטימענט באַוועגט אים!
שטענדיק מיט זיין ״עט!״ אויף די ליפּן,
קיין זאך נישט עס רירט אים, עס רעגט אים.

מ׳זאָגט אַז אויך אונטער דער חופּה
האָט ער שוין זיין וואָרט געוואָלט שפּאָרן...
אַנשטאָט ״הרי את״, געזאָגט האָט ער ״עט״!
און איז באַלד — אנטשוויגן געוואָרן...

די לבנה

די זילבערנע לבנה איז רונד,
נאַר ס׳פּעלן אַמאָליקע פלאַמען;
נישטאָ מער דער פייער, דער בונד,
וואָס האָט אונז געהאַלטן צוזאַמען.

די יאָרן פון פרייד, פון באַרוישונג,
זענען לאַנג שוין פאַרשוואונדן;
איצטער — נאָר פוסטקייט, אַנטוישונג,
און אַזוי לאַנגווייל די שטונדן.

נישטאָ מער יענע נעכט אָן א צאָל —
אַ מחיצה שטייט איצט אין מיטן;
דאָ, די לבנה איז פונקט ווי מאָל,
בלויז די צייט האָט אַלצדינג געביטן.

די יאָרן פון פלאַקער, פון ליבע —
און וואָס איז די אורזאַך? די סיבה?
נישטאָ מער! בלויז זכרונות געבליבן,
די צייט האָט די יאָרן פאַרטריבן.

נאָר פאַרפאַלן, אַזוי וועט עס בלייבן!
כל זמן ס׳איז באַשערט נאָך צו לעבן,
וועל איך נאָר צום אמת שטרעבן,
און קיינע פאַרצווייפלונג נישט קלייבן.

די לבנה איז היינט פונקט אַזוי רונד!
נישטאָ שוין דער פייער, דער בונד,
נאָר ס׳פּעלן אַמאָליקע פלאַמען...
וואָס האָט אונז געהאַלטן צוזאַמען...

אין צוועלף יאר ארום!

סאָוועטישע צייטונגען שרייבן:
אין 12 יאָר אַרום וועט רוסלאנד זיין א גן־עדן!

דאָס סאָוועטישע לאנד וועט ניט האָבן קיין מום,
אין צוועלף יאָר ארום,
דאָס סאָוועטישע פאָלק וועט מער נישט זיין שטום,
אין 12 יאָר אַרום!

מען וועט קריגן צוקער אומעטום,
אין 12 יאָר אַרום!
קיין רעקל — נישט צעריסן, קיין שוך נישט קרום,
אין 12 יאָר אַרום!

פון היינט — איבער 12 יאָר,
וועט רוסלאנד זיין גאָר, גאָר!
די פראוודא — וועט שרייבן „וואָר" —
פון היינט איבער 12 יאָר.

יעדער וועט געבן קיין ישראל אַ פאָר!
פון היינט איבער 12 יאָר;
פון קיינעמס קאָפּ — נישט אַראָפּפאלן קיין האָר,
פון היינט איבער 12 יאָר.

מ'וועט קיינעם נישט שיקן קיין סיביר צו די וועלף,
שפּעטער מיט אַ יאָר צוועלף;
אין צוועלף יאָר ארום וועט זיין אַ מחיה,
מ'וועט קריגן קאָסטיומען שפּיגל־נייע:

סאמעטענע קליידער, זיידענע זאַקן —
וועט זיין אויף אלע טאַלטשאקן.
מ'וועט האָבן דירות מיט אייגענע וואנעס,
אויפן פלאָר וועלן ליגן פּערסישע דיוואנעס.

מ'עט עסן אינדיק מיט מארצעפּאנען,
געפּרעגלט אין גאָלדענע פאַנען,
אַזוי פארזיכערט ברעזשניעוו איוואנען!
וואָס־זשע ענטפערט דערויף איוואנקע?

ער זאָגט: „ספּאסיבאָ — דאנקע!
וואָס אין 12 יאָר ארום וועט ס'לאנד פון סאָוועט,
דערגיין — העט! העט!
און ס'וועט זיין ביי אונז איי, איי, איי!
כמעט אַ ראַי! (א גן־עדן).

יאָ, א פּאראַדיס!
אָבער וואו נעמט מען דערווייל שיך אויף די פיס?
העמד, אַ היטל, אַ קאפּאָטקע?
אַביסל שמאַלץ אויף דער סקאָווראָדקע?
און אויך צו דעם האָבן א טרונק וואָדקע?"

דאס פליען צו דער לבנה

עס פליט דאָרט א שיף אין די הימלישע ספערן,
זי פליט אזוי רוהיג און זיכער,
זי שניידט דורך די ריזיקע כוואליעס פון לופטן,
און טראָגט זיך אלץ גיכער און גיכער...

פארשיכורט פון זיינע נצחונות דאָרט אונטן,
טראָגט זיך דער מענטש ווייט אין די ספערן,
צו באקרוינען זיין קאָפּ מיט נייע טריאומפן,
אויף דער לבנה, פלאנעטן און שטערן...

נאָר פלוצלונג עס הערט זיך א בת־קול א ווייטער,
פון דער לבנה, פּלאַנעטן און שטערן:
געלעבט האָבן מיר פאר טויזנטער יאָרן,
און קיינער געוואגט האָט די רו אונז צעשטערן.

נאָר אָט ביזטו, מענטשעלע קליינער געקומען,
אין כוחות מיט אונז זיך פארמעסטן...
אָ! היט זיך, דו מענטש, דו שוואכער און קליינער,
עס זאָל דיר דאָס צו־טייער נישט קאָסטן!...

חיים יענקל דער פּאָעט

פּאָעטן שרייבן שיינע לידער,
וואָס צעגייען אין אלע גלידער:
געפילן, בילדער, שיינע גראַמען,
ווי דער "מן", מיט אַלע טעמ'ען!
און ווי שיין די ווערטער קלינגען —
בעטן ממש זיך צוזינגען!

אַרום פּאָעטן זיך געריבן,
און עס איז ביי מיר געבליבן,
אז איך האָב נישט וואָס צו קלערן,
איך מוז אויך אַ דיכטער ווערן!

און אויף מיינע אַלטע יאָרן
אַ פּאָעט בין איך געוואָרן;
טאָג און נאַכט האָב איך געשריבן,
גראַמען — גוט, צי שלעכט — געקליבן.

שורות קורצע, שורות — לאַנגע,
לידער פריילאַכע מיט געזאַנגען!
אָבער וואו נאָר איך פלעג זיי שיקן,
נישט דרוקן פלעגט מען זיי, נאָר דריקן...

נו, נישט קיין חידוש גאַנץ פארשטענדלעך...
אַוועק א שטיקל צייט און ענדלעך,
בין איך טראַכטנדיק געפאַלן
אויף אַ פּלאַן אַ געניאַלן:
גענוג זיך מטרן פאַר גאָרנישט,
כוחות זיך פטרן מען טאָר נישט!

מיינע לידער, מ'וויל נישט דרוקן?
קיינער וויל אויף זיי נישט קוקן?
היינטערשטעליק — כ'וועל נישט בלייבן,
לידער כ'וועל מיר איבערשרייבן
פון פּאָעטן — טויט שוין יאָרן
און זיך מאַטערן פארשפּאָרן...

איצטער "מיינע" לידער דרוקט מען,
אויף מיר ווי אויף א דיכטער קוקט מען;
בין איך פשוט זיך מחיה,
א נשמה, כ'האָב א נייע,
איין זאַך בלויז עס טוט מיר באַנג,
געדאַרפט כ'האָב עס טאָן שוין פון לאַנג!...

א טעאטער שפּיל (פון אַ פּאָרפּאָלק)

אין זייער היים
אין זייער הויז —
לעבן זיי
ווי קאַץ און מויז...

זיי מאכן זיך
ווי גוטע פריינד,
נאָר איינס דעם צווייטן
האָבן זיי פיינט.

נאָר גייען זיי
צוואו ארויס —
איז ער אויס קאַץ
און זי — אויס מויז!

אזוי פארשטעלט,
יאָר איין. יאָר אויס,
אין זייער וועלט —
דאָס לעבן פּאָרויס.

אזוי לעבן זיי
שוין יאָרן לאנג!
אָן גליק, אָן פרייד,
און אָן געזאנג!

דאָך זאָגן מענטשן:
„א גליקלעך פּאָר!"
אויף אַלע פּאָרלעך,
אַזאַ יאָר!"

זיי קריגן זיך,
זיי רייסן זיך!
זיי שימפן זיך!
זיי בייסן זיך!

זיי ליבן זיך
ווי טויבן צוויי,
גוט צו לעבן,
אָט אַזוי!

עס גיט קיינער נישט
קיין טראַכט, קיין קלער,
אַ טעאטער־שפּיל
איז דאָס — נישט מער...

די נייע מאָדע

אַמאָל איז א מיידל
געווען צאַרט און איידל:
געהאט לאנגע צעפּ,
און א לאנגע קליידל.

היינט קוקט זי אויס
אַזוי ווי א זכר,
מיט קורצע האָר,
אַזוי ווי א בחור.

זי שיפּלט זיך, גליטשט זיך,
שווימט און שפּילט באַל;
רעדט ניבול פּה,
און פּייפט אויפן קול.

דאָס איז לויט דער מאָדע,
מ׳רופט עס "פּראָגרעס";
און ווי ס׳איז געווען,
זאָגט מען: "פּארגעס!"

און דאָס היינטיגע יינגל,
האָט א קודלע האָר,
און עס דוכט זיך אויס:
ער איז א מיידל גאָר.

ווען דאָס היינטיגע יינגל
וואָלט נאָך געטראָגן אַ קליידל,
וואָלט ער אויסגעקוקט
אַזוי ווי א מיידל.

יאָ, אלץ איז היינט אנדערש:
ס׳איז א קאפּויעריקע מאָדע,
מיט נייע באַגריפן,
און א נייער מעטאָדע.
פאראן אויך "ביטלס" און
"ביטניקעס",
באַוואָקסן ווי חיות;
וואָס שאָקלען זיך, שרייען,
און מאכן האַוואַיעס.

זיי זענען טאלאנטלאָז:
עס שאָקירט זיי צו הערן!
דאָך ווערן זיי רייך,
גרויסע מיליאָנערן.

זיי פירן די וועלט איצט,
און טומלען וואָס מער;
און דער עלטערער דור —
טאָלערירן מוז ער.

עלטערע מענטשן —
מוזן שטומען און קוקן,
און צום נייעם "עגל"
זיך נויגן, זיך בוקן!

דער יום הדין פאר היטלערן און די נאציס

אָ ! גרייט צו, גאָט, דיין משפט פאר די,
וואָס האָבן די וועלט פארטרונקען אין בלוט ;
זאָלן זיי אויך דערפילן דעם ווייטיק,
און שווערן שטראָף פון דיין צאָרנדן רוט.

פאר יעדן פון שונא געפאלענעם קרבן,
פאר יעדן געפלאָגטן — טעג און נעכט,
און פאר אזעלכע — ווי מארטירער געשטאָרבן,
זאָלן די רוצחים באקומען זייער רעכט.

קיין מיטלייד מיט זיי — מענטשן־חיות, נישט האָבן,
אויף אזעלכע מיקראָבן, וואָס פארפעסטן די וועלט ;
זיי האָבן אַליין זיך קברים געגראָבן,
און מצבות פון רשעות אליין זיך געשטעלט.

געמיינט האָט דער שונא, היינטיגער רשע,
דאָס מיט זיין גרויזאמען מעכטיגן שווערד,
וועט ער די וועלט גאנץ שנעל באזיגן,
פארשקאלפן און צעטרעטן גלייך צו דער ערד.

געדענקט האָט ער אויך, דער גרויזאמער תלין,
אז מיט זיין כוח באהערשט ער די וועלט ;
מאָרדן, ראבירן, ברענען, פארניכטן,
טאָן וועט ער אלץ, וואָס אים נאָר געפעלט.

געמיינט האָט ער אויך, דער באַוווּסטער רוצח,
אז הפקר און פריי איז דאָס יידיש בלוט,
און אומברענגען זיי וועט ער ביז איינעם,
מיט דער גרויזאַמער מאַכט פון נאַצישן קנוט.

איין זאַך אָבער האָט דער מערדער פאַרגעסן:
ס'איז דאָ אַ הימל באַשעפער וואָס באַשטימט,
וואָס קוקט און וואַרט ביז די מאָס ווערט פול,
און באַשטראָפט דעם רשע ווי ער פאַרדינט.

און די באַצאָלונג וועט קומען אין גיכן,
אונזערע חיילות מיט די העלדן פון סטאַלין
וועלן מוטיג, זיגרייך מיט פאָנען פון פרייהייט,
מאַרשירן מיט שטאָלץ נאָך דייטשלאַנד, נאָך בערלין.

אָ! פאַרזיגל, גאָט, דיין משפט פאַר די,
וואָס האָבן דיין וועלט אַזויפיל צעשטערט;
זאָלן זיי אויך דערפילן דעם ווייטיק,
פון דער קומענדער שטראָף, וואָס זיי זענען ווערט.

א לאנגע צייט

ווי לאנג איז לאנג ?
וויל יעדער וויסן —
ווי לאנג קען לאנג —
פון לאנגקייט געניסן ?

ביי איינעם הייסט לאנג
אַ חודש, אַ יאָר ;
ביים צווייטן הייסט לאנג,
א רגע׳לע נאָר.

אין דער יוגנט אַ יאָר,
האָט נישט קיין באדייט ;
אויף דער עלטער נאָר
איז א טאָג — א סך צייט.

דער טאָג און די נאכט
ווי א וויג טועו זיך וויגן :
און נישט איינמאָל מ׳טראכט :
מ׳קען די עלטער ניט באזיגן !

די עלטער פארשווינדט,
אזוי ווי דער ווינט,
אז די יוגנט ווערט ווייט,
ווערט קורצער די צייט...

ווי׳ לאנג איז לאנג ?
שווער איז צו זאָגן !
הלואי זאָל נאָך לאַנג —
פיל לאנגקייט פארמאָגן !

✶

איך וויס — אויף א בריוול
דו ווארטסט אזוי גערן,
און איך ר׳ אהרן
לאָז זיך נישט הערן.

איז, גלויב, מיין ברודער,
ס׳איז נישט מיין שולד :
פאראן אַ צייט אזא,
מיט טעג אָן געדולד.

ליגט פען אנטקעגן —
אַנטקעגן אויך א טינטער ;
נאָר געדאנק אוןווילן
איז פארפרוירן ווי ווינטער.

באַשליסטו צו שווייגן,
שווייגן ביז גאָר,
אזוי פארשווינדט א חודש
פון לעבן אין יאָר.

אויס זומער

אוועק איז דער זומער,
די ווארעמע טעג,
דאָס פאָרן אין די בערג,
פארברענגען אין וועג.

אויס מיט שפּאַצירן
בייטאָג און ביינאַכט,
די שיינע פארגעניגנס,
ווען אלץ האָט דערוואכט...

די שטילע אָוונטן,
מיט שטערן באצירט,
די ליבעס די נייע,
אין די בערג געפירט...

אויס מיט די בלומען,
דער רייצנדער דופט;
דער טעגלעכער פארגעניגן
און אַנגענעמע לופט.

דאָס שווימען אין וואַסער,
דאָס ליגן אין גראָז,
דאָס שפּרינגען אין לופטן,
ווי אין פעלדער אַ האָז.

די בלאַסע לבנה
פון עקאָ — דער געזאנג,
דאָס שפּילן אין קאָרטן,
אַ גאַנצן טאָג אויף דער באַנק.

די ״דאָבל פאָרשענס״
פון סטייק און טשיקן;
וואָס פלעגן דאָס הארץ
ממש דערקוויקן!

אַוועק איז דער זומער,
דאָס פריילעכע שטרעבן;
מען דארף צוריק גיין,
צו מאכן אַ לעבן!...

היינטיקע וועלט

(כי מלאה הארץ חמס — בראשית ו׳, י״ג)

די מענטשהייט ווערט אלץ מער פארדאָרבן,
און האָט נישט קיין לײטישע צורה...
דער שוואכער איז שטענדיק דער קרבן,
ווייל דער שטארקער באהערשט אים מיט גבורה.

די וועלט האָט געקאָנט זיין א שיינע,
איז אָבער דער מענטש — אונערטרעגלעך ;
און מיט זיינע מעשים געמיינע,
פארשמוצט ער זיין וועלטל טאָג־טעגלעך.

פון יושר — נישטאָ מער קיין רמז,
געזעצן — שאַפט איצטער די שווערד ;
דער אמת — דער הייליקער אמת,
באַגראָבן ליגט טיף אין דער ערד.

די ערד איז אָנגעזאפט מיט בלוט,
פון קרבנות־אומשולדיקע אַזוינע :
פארפייניקטע דורכן גרויזאמען רוט,
פון בלוט־דורשטיקן, מעכטיקן שונא.

הפקרות — האָט איצטער פארנומען
דעם פלאַץ פון אַלטן מאָראַל ;
עס טוט די גערעכטיקייט שטומען,
ווייל אומרעכט הערשט איבעראַל.

די וועלט ווערט אלץ ערגער און שלעכטער,
די מענטשהייט צופוילט ווערט אלץ מער ;
עס הערט זיך דעם טייוולס געלעכטער,
וואָס מאכט חוזק פון אָרעמאנס טרער.

„ווען גאָט וויל די מענטשהייט אויפריכטן",
טו איך שטענדיק ביי זיך טראַכטן ;
האָט ער געדאַרפט די וועלט פאַרניכטן,
פון איר א תוהו ובוהו מאַכן.

און גלייך אַ נייע וועלט באַשאַפן,
א פרייע — פאר אלעמען גלייך ;
וואו ס'וועלן מער נישט זיין קיין שקלאַפן,
קיין חילוק — צווישן אָרעם און רייך :

דאן וועט נישט זיין מער קיין מלחמות,
הערשן וועט שלום אויף דער וועלט ;
קיינער וועט נישט זוכן קיין נקמות,
אַ ראָליע וועט נישט שפילן קיין געלט.

די מענטשהייט וועט פריינדלעך לעבן,
איינער מיטן צווייטן ווי ברידער ;
צו אמת און יושר — שטרעבן,
און ליבשאַפט וועט הערשן ווידער.

דעמאָנסטראַציעס

איך האָב פאַר אייך סענסאַציעס,
וועגן בלוטיקע דעמאָנסטראַציעס.
משפּט מען די מעסער־שאַרפּערס,
די באַנדיטן, באָמבע־וואַרפערס.

די וואָס ווילן אַלץ פאַרניכטן,
לאַכן־אויס זיך פון געריכטן;
און דעם ריכטער זידלען, שעלטן,
שרייען, טומלען, קערן וועלטן...

זעט איר יונגע לייט באַהאָרטע,
אָן דערצו שטאַרק־באַבאָרדטע,
צווישן זיי אויך יינגע מיידלאַך,
מיט אַזעלכע מיני קליידלאַך.

וואָס דעם פּופּיק בלויז פאַרדעקן,
אויף דעם קוים וואָס זיי קלעקן;
גלייך איר זעט זיי דעמאָנסטרירן
און מיט קולות פּראָטעסטירן:

אַלע מעסער פּאַטריאָטן,
משפּט'ן — זאָל זיין פאַרבאָטן;
לאָזן זיי טאָן וואָס זיי ווילן,
און ליידן מיט אַ געמיט אַ שטילן.

היי־סקול, אוניווערזיטעטן,
זענען נישט קיין קאַבאַרעטן,
לערנען פלייסיג דאַרף מען דאָרטן,
וויסנשאַפטן כל ה־סאָרטן.

און כדי צו גראַדואירן,
מוז מען פריער גוט שטודירן;
האָבן אָבער די ליידאַקעס,
די סטודענטן די פוילאַקעס,

נישט קיין חשק רק צו זיצן,
און צו האָרעווען און צו שוויצן,
איבער גרויסע שווערע ביכער;
נאָר עס ווילט זיך זיי וואָס גיכער,

די דיפּלאָמע בלויז צו קריגן —
איז אויף דיסציפּלין געשפּיגן.
און מען זעט זיי דעמאָנסטרירן,
און מיט קולות פּראָטעסטירן:

"נישט איך קען, נישט איך לערן!
אַ דיפּלאָמע זאָל מיר ווערן!
און זיי ברעכן און זיי ברענען,
מיר — די בעלי־בתים זענען!"

נישט קיין שאָף, נישט קיין רינדער,
האָבן זיי, נאָר קאָפּטעס קינדער;
קינדער בלויז אַ גאַנצע טשאַטע,
יאָ אַ טאַטע, נישט אַ טאַטע!...

נו, אַז אַרבעטן זאָל יענער,
און עס ווילט זיך לעבן שענער,
און מ'האָט שוין אַ חזקה
אויף לעבן פון צדקה!

מיידלעך, פרויען דעמאָנסטרירן,
און מיט קולות פּראָטעסטירן:
"ס'איז נישטאָ זיך וואָס צו שעמען,
ס'איז אַ מצוה גאָר צו נעמען;

ס'קומט אונדז! מ'דאַרף אונדז געבן,
אַלץ וואָס נייטיק צום לעבן!
מיר דאַרפן זיין גלייך מיט לייטן!
גענוג אין אָרעמקייט שטרייטן!"

אומרוהיקע געדאנקען

דער זומער איז אוועק,
פארענדיגט די וואקאציעס,
געקומען די ווינטער טעג,
מיט נייע קאָמפּליקאציעס:

אויף דאָסניי אויפשטיין באגינען,
צו דער ארבעט שנעל זיך יאָגן,
א זיץ־פּלאַץ אין סאָבוויי געפינען,
אין די רוישיקע פארטאָגן.

אין טיפע שנייען מיט פרעסט,
איינגעוויקלט אין דרייען,
אין אלע ווייטאָגן פארגעסט,
א פרישן טאָג ארבעט — באנייען.

צווישן רוישיקע מאָטאָרן,
און קלאַפּנדיקע מאשינען,
פארברענגסטו דיינע יאָרן,
אָן א ביסל רו צו געפינען.

נאָך אַ אַרבעטס־טאָג א שווערן,
קאָנסטו אין דער היים געניסן ?
ווילסטו וועלטלעכע נייעס הערן,
הייבט דיר אָן פּלאָגן דאָס געוויסן:

די גאנצע וועלט איז פארפּילט,
מיט צרות און מיט לייד,
קיין אויסזיכט צו געניסן,
פון רוהיקייט און פרייד.

הערסט, מערדערס ווערן דערהויבן,
צו א הויכע שטופע — פון גאָלד,
דיינע אויגן קענען נישט גלויבן,
אז מיט מעדאלן ווערן זיי באצאָלט.

אין אַזעלכע שווערע יאָרן
קאָן מען רוהיקייט געפינען ?...
אלץ — איבערגעקערט געוואָרן,
וואָס האָט גאָרנישט קיין זינען...

א ים פון שנאה

אין א ים פון שנאה,
געמיטער ברויזן ;
מענטשן קענען
גאַרנישט הויזן.

עס קאָכט דער כעס,
עס שוימט דער סם ;
נאָך טיפער שנאה
ווי דער ים.

און וואָס א טאָג
דער ים ווערט בייזער,
מען דארף פון שנאה
אַן אויסלייזער.

צו שנאה קען מען
שנעל אָנרעגן,
ליבע דארף מען
נערן, פלעגן !

ווער ליבע קענען
קאָנקורירן ?
און איבער שנאה
ווען רעגירן ?

די צייט איז קורץ !
נאָר גאָט מוז איילן,
צו בייזע הערצער
ליבע פיילן !

אַז נישט, ווער וועלט
פארגייען אין בלוט,
און מיט גאָט'ס באשאף
ווער זיין קאַפוט !

דער ים ער שטורעמט
מיט שנאה'ס ברומען,
ווער מענטש מיט מענטש
ווען אויסקומען ?...

עסן פארבאָטן

כ׳ווייס נישט אין וועמען
אין בין געראָטן,
נאָר וואָס איך האָב ליב
איז מיר פאַרבאָטן.

כ׳האָב ליב צו עסן
גוטע מאכלים!
זאָגט מיר דער דאָקטאָר:
„איר טאָרט נישט, ר׳ שלום״.

כ׳טאָר נישט עסן מאכלים
זיסע און פעטע;
כ׳דארף זיך נאָר האלטן
ביי דער דיעטע.

דאָס וואָס געשמאַק איז
איך טאָר נישט, אוי וויי,
פון איצט אָן און ווייטער
דארף איך קייען נאָר שטרוי.

מען גיט מיר צו עסן
ווי א בהמה אין פעלד,
וואָס האָט נישט קיין טעם
כ׳עס! וויי איז מיין וועלט!

איך רויכערן, טרינקען,
איז מיר פארבאָטן;
נו, גיי איך אַרום
אַזוי ווי א שאָטן.

ס׳איז מיר שלעכט און ביטער
איך כאפ זיך ביים קאָפּ,
ס׳גייט מיר, רבותי,
מיט דער פוטער אראָפּ.

מיין ווייב האלט אין צוים מיר,
ציילט מיין יעדן ביסן;
זער שטאַרק גייט איר,
מיין לעבן צו פארזיסן!

כ׳טאָר נישט עסן, טרונקען,
געבונדן! כ׳בין געשמידט!
כאָטש צום לעבן דוקא,
עס לאָקט מיך און עס ציט.

בקיצור, כ׳טאָר נישט! כ׳טאָר נישט!
ווייל איך בין קראַנק;
איך מעג נאָר אונטערזינדיקן
בלויז אין מיין געדאַנק...

אינהאַלט:

זייט

הקדמה של המחבר 5

חלק א — שירי ישראל

צום 18־טן יום העצמאות 7
צום 19־טן יום העצמאות 8
א באגריסונג צום 20־טן יום העצמאות 9
לכבוד דעם 21־טן יום העצמאות 10
צום 22־טן יום העצמאות 11
לכבוד דעם 23־טן יום העצמאות 12
אַ ליד פאַר ישראל 13
זינגט אַ חלוץ 14
פאַרט אַ ייד קיין ארץ־ישראל 15
א געגרוס פון ישראל 16
אין לאַנד פון די אבות 17
מודה אני 18
לא ינום ולא יישן שומר ישראל 19
משה דיין׳ס אַנקומען קיין ניו־יאָרק 20
ליבע יידן 21
מ׳האָט אונדז נישט ליב 22
ירושלים 23
אויפן הר־הצופים — תשעה באב 24
הכותל המערבי 26
חזק ואמץ, ישראל 28
ישראל — אַ וואונדער קינד 29
על הנסים 30
אונזער זעקס־טאָגיקער קריג 31
בואכם לשלום, אלופי ישראל 32
ברוך הבא, דוד בן־גוריון! 33
לכבוד גאָלדע מאיר אין "ווייסן הויז" 34

חלק ב — אויף דער עלטער

פון יאַריד 35
די שלאָפלאָזע נעכט 36
ווי אַ ליד דאָס לעבן 37
דער ראָד פון לעבן 38
איך בין רעטייערד 39
אויף די עלטערע יאָרן 40
יוגנט און עלטער 41
אָפּגעלעבט אַ לעבן 42
אַ חזן אָן אַ קול 43
אַלטקייט 44
דער אַלטער חזן 45
הייַנטיקע באָבעס 46
דאָס לעצטע וואָרט 47
דאָס יונג־לעבן 48
געדאַנקען פון אַמאָל 49
אויף דער עלטער 50
אַמאָליקע יאָרן 51

חלק ג — שירי משפחה

צופרידענע טאַטע־מאַמע 53
מיין שטעטל מאַטעלע 54
מיין מאַמעס ניגון 56
מיינע ערשטע חדר־יאָרן 57
צום אָנדענקען פון מיין שטעטל מאַטעלע 58
פאַרמאַטערט פון וואַקאַציע 59
אַמעריקאַנער ווייבלעך 60
פרייטיק צו נאַכט אין אַלטער היים 61
מאַטעלע מיין שטעטעלע 62
לכבוד מאַמעס טאָג — "מאַטערס־דעי" 63
זיבן ברידער 64
מיין ווייבל האָט אַ "ראַק" 65
הייַנט אַנדערש ווי אַמאָל 66
דעם טאַטנס טאָג — "פאַטערס דעי" 67
די ווייב וויל נישט עסן 68
ער בענקט נאָך דער אַלטער באָד 69
געפייערט אַ בר־מצוה 70
בטחון אין גאָט 71
מיין טייערער אוצר 73
די געטרייע מאַמע 73
ערב שבת ביי מיין מאַמען 74
זכרונות פון אונזער מאַמעס "סדר" 75
מיין שטעטל אַמאָל 76
צום טאָג פון דער מאַמעס יאָרצייט 77

חלק ד — ימים־טובים לידער

יידישע ימים־טובים 79
דער אייביקער פלאַם 80
חנוכה 81
חנוכה־ליכטלאַך 82
חנוכה־קלאַנגען 83
אַ חנוכה־מעשה׳לע 84
על הנסים 85
קריסמעס־יידן און חנוכה־יידן 86
חנוכה־געלט 87
אַ חנוכה קינדער־ליד 88
בליל חנוכה 89
דער נס פון חנוכה 90
דער מאַמעס חנוכה־לאַטקעס 92
דער חודש אדר 93
זמר לפורים 94
לכבוד פורים 95
מגילת־אסתר בחרוזים 96
דער שמש — משלוח־מנות טרעגער 98
פורים 100
לכבוד פורים 101
קידוש פאַר פורים צו דער סעודה 102
זמן חרותנו 104
ויהי בחצי הלילה 105
יציאת מצרים 106
די ארבע כוסות 108
אליהו הנביא 110
מה נשתנה? 111
די אַלטע הגדה 112
די הגדה — נישט אין מאָדע 114
לכבוד פסח
דער וועג פון מצרים 116
אין אַ סדר־נאַכט 118
דער פאַרשטערטער סדר 119
שיר פסח 120

א י נ ה א ל ט :

זייט

הר סיני 121
דער יום־טוב שבועות 122
לכבוד שבועות 124

חלק ה — ברכות לשנה טובה

לשנה טובה תכתבו 125
ברכת השנה 126
לשנה טובה 127
ברכת ראש השנה 128
לשנה טובה 129
לשנה טובה 130
ברכת ראש השנה 131
לשנה טובה 132
לשנה טובה 133
לשנה טובה 134
לכבוד קהילת תפארת ישראל 135
לשנה טובה 136
לשנה טובה 137
לשנה טובה 138
לשנה טובה 139
לשנה טובה 140
בראש השנה 141
לשנה טובה 142
לשנה טובה 143
לשנה טובה 144
לשנה טובה 145
לשנה טובה 146
לשנה טובה 147
שיווי זכויות לגברים ולגברות 148

חלק ו — ברכות מזל־טוב, גערעאַנקען

ברכת מזל־טוב 149
ברכת מזל־טוב 150
ברית שלוש־עשרה לפנים והבר־מצוה 151
למזל־טוב 152
מזל־טוב לחג מצוות התאומים 153
ברכת מזל־טוב 154
ברכות לבת־מצוה 155
שיר בדיחה 156
צרות ישראל בחרוזים 157
געדאַנקען צו געדענקען 158

חלק ז — אַלגעמיינע לידער

די בלום 167
אונזער תלמוד־תורה 168
דאָס פליען צו דער לבנה 169
אלה תולדות נוח 170
פרילינג 171
דער רויך פון קוימען און מויל 172
זומער פרייד 173
דער שפיגל 174
אַ בריוו פון מיאַמי 175
דער פרוש 176
ווען איך זאָל נאָר קאָנען 177
משה רבנו דער באַפרייער 178

זייט

אַמעריקע 180
וואו פאַרט מען אויף זומער 181
דער מענטש און דער בוים 182
יידיש, מיין יידיש 183
מיין פעטערס סוכה 184
פאַרשידענע קעפּ 185
דער פאַרשפּעטיגטער שדכן 186
אַ סך־הכל 187
יאשע "נישקשה" 188
דער מערדער 189
ווינטער אין מיאַמי 190
אַ האַנט 191
אַ תפילה פון סאַרווער 192
אַנקל סעם 193
זומער אין שטאָט 194
די וועלט אַ יאַריד 195
אי, דאָס געלט 196
אַ תפילה פון אַ קליין מענטשעלע 197
די וועלט גלייכט אַ שטאַרקן 198
געלויבט איז גאָט 199
אשרי האיש 200
וואָס מאַכט א ייד 201
אין מיאַמי 202
וואָס וויל מען פון אונז יידן? 203
דאָס פינצטערניש 204
זיי טראַכטן חתונה האָבן 205
וואָס איז די יאָגעניש? 206
די וועלט — איין משפחה 207
אין היינטיקן שטורעם 208
פאַרשידענע דריידלאַך 209
אַ ליד פון דער געטאָ 210
אַ בריוו צו סאַדאַט'ן 211
די מלחמה אַנפירער 212
די ערשטע שוואַלבן 213
יידן מיט נייע יידישע נעמען 214
ביים טויער פון גן־עדן 215
דער שניי 216
דער פרילינג איז געקומען 217
ביים טויער פון גן־עדן 218
פּרעז. קענעדיס פאַמיליע־באַגריסונג 219
דער שוויגער 220
די לבנה 221
אין צוועלף יאָר אַרום 222
דאָס פליען צו דער לבנה 224
חיים יאַנקל דער פּאָעט 225
אַ טעאַטער־שפּיל 226
די נייע מאָדע 227
דער יום־הדין פון היטלער־נאַציס 228
אַ לאַנגע צייט 230
אויס זומער 231
היינטיקע וועלט 232
דעמאָנסטראַציעס 234
אומרוהיקע געדאַנקען 235
אַ ים פון שנאה 236
עסן פּאַרבאָטן 237

אויסבעסערונגען

זייט	שורה	ס׳איז געדרוקט	ס׳דאַרף זיין
6	5	טייטשער	טיטשער
6	2 פון ענדע	אדר א׳	כ״א אדר א׳
17	8 פון ענדע	שלענלען	שלענגלען
22	3	מ׳הט	מ׳האָט
23	1	גאלדעע	גאָלדענע
35	11	מט אַ זין	מיט אַ זין
43	1	ווען מ׳דרף	ווען מ׳דאַרף
54	9	לאג שוין	לאַנג שוין
56	8	פיר וויקלען	פיר ווינקלען
71	6	גאנער	גאַנצער
88	20	אָך	נאָך
94	4	ונותים קולם	ונותנים קולם
103	11	הרה ד׳	מהרה ד׳
110	15	״משיח אז	״משיח איז
115	8	דערייל	דערציילן
182	16	פארשאונדן	פארשוואונדן
196	10	וועלע	וועלט
217	9 פון ענדע	לינדרט	לינדערט
225	14 פון ענדע	מטערן	מאַטערן
237	2	אין בין	איך בין